STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00415

HUMOR UN SATIRE

Permanent preservation of this book was made possible by
Ellen Collins Krechmer
in memory of her grandparents & other members of the Kohn & Taube families of Plonsk & Plotsk Poland

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הומאָר און סאַטירע

דריטער באנד

וויסענשאַפט און פאָלקס הומאָר

רעדאגירט פון

י. מאַרינאָוו און אַ. וואַהלינער

Hebrew Publishing Company
632-34 BROADWAY
NEW YORK
1928

Copyright, 1911,
by Ramal Publishing Co.,
New York

אינהאַלטס־פערצייכניס:

געשיכטע און געאָגראַפיע:

1) אַמעריקאַ גנב
א) די געאָגראַפיע פון לאַנד 3
ב) די ענטדעקונג פון אַמע־ריקאַ........... 5
ג) די בעפרייאונג פון אַמעריקאַ......... 7
ד) דער בירגער־קריעג.. 9
ה) די סטעטשו אָוו ליבערטי........... 11
ו) די קאָנסטיטושאָן... 12
ז) די שטאָדט ניו יאָרק 14
ח) די געשיכטע פון בראָנזויל........... 17
ט) מעקסיקאַ.......... 19

2) ביבלישע געשיכטען
א) יציאת מצרים....... 21
ב) עשרת הדברות....... 23
ג) מגילת אסתר.........25
ד) אדם און חוה....... 27

וויסענשאַפטליכע לעקטשורס.

פינטשע
1) וואָס איז וויסענשאפט 31
2) וואָס איז קונסט..... 33

אשר פּאַמפּע
אַנאַרכיזמוס ־ קאָמוניזמוס.. 35

י. פינקעלשטיין
די נאָז.............. 37

יצחק בן־מאיר
דער קוש.............. 39

חוזק'ס אייניקעל
1) ווי צו כאַפּען אַ קאַר 40
2) ווי אויסצוגליטשען זיך 43
3) ווי צו כאַפּען א היטעל 45

משה נאדיר
1) טשוועקעס און יודענטהום............. 46
2) הויזען............ 49

י. טונקעל
ווי זיך צו גרימירען...... 51

יצחק בן־מאיר
ווי צו הענגערען....... 54

יעקב יוסף
מעדיצינישע כללים....... 57

משה נאדיר
1) ווי צו וואקסען...... 59
2) ווי צו זיין שעהן.... 61

יעקב יוסף
ווי זיך נוהג צו זיין אום זומער 63

סקיצען, מעשה'לעך סצענקעס און בילדלעך.

ג. ל.
קאַרבאַל.............. 67

א. ל. באראָן
1) דער הונד פון דער רעאַקציע........... 75
2) דעמבענע סטרונעס.... 82

ח. גאָטעספעלד

1) פעריזאָרגט די בנים... 87
2) איך אָדער דער דאָלאַר! 90

יצחק רייז

דער נאָקעטער קעניג...... 93

משה נאדיר

אַז גאָט וויל........... 96

משה נאדיר

אַ סצענע אין געריכט.... 98
אין קאַמפּיין צייט........ 100
געדולד............. 103

רינאלדאָ

אַ מעשה מיט אַ מאָראַל.... 105

יעקב יוסף

1) דעם פּעדלער׳ס בעסטער קונה............ 107
2) אין פּאָסט אָפיס..... 108
3) ווי צו ווערען אַ סיטי־זען............ 110

משה אדיר

1) גראָטעוועט........ 112
2) ווי אַלט זייט איהר? 114
3) די לענדלאָרדס, נעבעך! 116
4) ערגער ווי געשטאָרבען 118
5) דער העלד......... 119

רינאלדאָ

1) דער פּראָפעסאָר....... 120
2) איינער פאר אלע.... 121

אנאנימוס

ראָטעוועט............ 122

רינאלדאָ

און ער האָט געקושט...... 124

כפול־שמונה׳דיגע ליגענס.

י. סטיינסאָפּיר

דער ליגען איז דער בעסטער אמת............ 129
געשפּיעלט פּינאָקעל אין הימעל........... 133

הערשעלע אסטראָפּאָ־לער נומער 2

1) אַ מעשה מיט אַ ציעג 135
2) ביי די רויטע אידלעך 138
3) אַ מערקווירדיגע רייזע 141
4) עקשנות 143
5) איהם קומט דאָס זייגערל 144
פערשיעדענע ליגענס...... 145

די פרויען־וועלט.

גלייכווערטלעך און אפאָריז־מען וועגען פרויען.. 153

פאָלקס־הומאָר:

1) אידישע וויצען...... 179
2) וועגען ליעבע און פאַ־מיליען ־ לעבען.... 195
3) קינדער ־ וויצען.... 204
4) אַלגעמיינע וויצען.... 210

שלום עליכם

1) געביטען מיט די יוצרות 245
2) איטאַליא 251
3) אסתר............. 257
4) ניטאָ קיין מזל...... 266
5) אליהו הנביא....... 272

תשר״ק

1) צו אַ סיום התורה.... 279
2) אַ חזן אויף פּראָבע... 283
3) אַ הערינג פאר אַ הערינג 289
4) אַ, יענע שבועות׳דיגע בלינצעס!......... 295

ל. לאנדוי.

געשיכטע און געאָגראַפיע

אמעריקא גנב

די געאָגראַפיע און די געשיכטע פון דעם יענקי־לאַנד; דער מאַטעריאַל פאַר דעם ווערק איז אַ ביסעל גענאַשט ביי די גוים*), מעהרסטענ־טהייל אָבער אויסגעזויגען פון דעם אייגענעם פינגער.

די געאָגראַפיע פון לאַנד.

די פעראייניגטע שטאַאטען. — אַ גרויסער שטח לאַנד, בעדעקט מיט פאַבריקען, פּאָליטישענס, וואָדעוויל־הייזער, שענקען און „געלע" צייטונגען.

די גרענעצען. — אין דער נאָרד — עליס איילענד; אין דער סויטה — די ניגער־לינטשערייען; אין דער וועסט — מינען־סטרייקס; אין דער איסט „טעמעני".

קלימאַט. — דער קלימאַט איז זעהר און זעהר ניט קיין שטענדיגער. גוטע צייטען און קריזיסען בייטען זיך יעדען טאָג לויט דעם טערמאָמעטער אין „וואָלל סטריט". דער ראַדיקאַליזם פון דער רעגיערונג שטייגט און פאַלט אַזוי אונערוואַרטעט ווי אַ באַנק־קראַך. יעדען מאָנטאַג און דאָנערסטאַג הויבט זיך פּלוצלינג אויף אַ שטורם אויף די טראַסטס און איידער מען האַט צייט זיך ארומ־צוקוקען, איז שוין ווידער דער הימעל לויטער און די טראַסטס שמייכלען. בלויז איין סאָרט שטורם ווידערהאָלט זיך רעגעל־מעסיג פון יאהר צו יאהר, אַ שטורם פול מיט היץ, מיט דונערן און בליצען. דאָס גאַנצע לאַנד געהט פּלוצלונג פון זינען אראָב. אַזעלכע שטורעמס רופען זיך דאָ „וואַהלען".

דאָס אויסזעהן פון לאַנד (טאָפּאָגראַפיע). — דאָס לאַנד איז מערסטענטהייל בעדעקט מיט זומפען און אין די זומפען

---

*) טהיילווייז איז דער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון אַמעריקא גענומען פון „ביל נײ'ס קאָמיק היסטאָרי אָוו דהי יונייטעד סטייטס".
ל. לאַנדוי.

וואַקסען פערשיעדענע שעדליכע קרייטיכער, וועלכער פערגיפטען די לופט, ווי למשל: רעדאַקטערע, פּאָליטישענס, טראַסטס, סטרייקס, באָיקאָטס. פון די וויכטיגסטע בערג איז דער בארג פון בלאָפס. פון די וויכטיגסטע טהאָלען איז דער טהאָל פון טרערען און יאָמער (אויף ענגליש: עלים איילענד). דער בעריהמטעסטער קאַנאַל איז דער פּאַנאַמאַ קאַנאַל. ער איז בעריהמט דערמיט, וואָס פיעלע פּאָליטיקער האָבען זיך ביי איהם פערשטאָכען די פינגער.

בעפעלקערונג. — מיליאָנערען, פּאָליסלייט, גנבים, פּאָלי־טישענס, סטרייקערס, סטרייק־ברעכער, פערד־סם'ער, חטאים־ראַמער, סאַלוויישען־אַרמעעניקעס, קריסטשיען סייענטיסטס, פעדלערס, שווינדלער, „שוואַרצע הענד'ניקעס" און כינעזער. אַלע אַמעריקאַנער קומען פון אירלאַנד, אויסער די אידען, וועלכע קומען פון עלים איילענד און גאַלוועסטאָן.

די מאָראַל פון לאַנד. — שפּיעל בייזבאָל, מאַך בלוּיע אויגען, רייס בערד און לינטש ניגערס.

דער האַנדעל. — דער האַנדעל ליעגט מעהרסטענטהייל אין די הענד פון די רייכע פרויען, וועלכע אימפּאָרטירען פאַר חתנים פערפוילטע גראַפען, פער'קבצנ'טע פירשטען און טויגעניכטסען־באַראָנען. דער פּרייז פון אַזעלכע חתנים וואַקעלט זיך צווישען אַ האַלבען מיליאָן און צעהן מיליאָן דאָלאַר.

מינעראַלען און מעטאַלען. — מינען זיינען דאָ פיעלע און זיי ברענגען גרויסע פּראָפיטען. קיין מעטאַלען און מינעראַלען קען מען ניט פון אַלע אויסגראָבען, אָבער פון אַלע גראָבט מען דערפאַר אוים אַזעלכע פּאַפּיערלעך, וועלכע הייסען „סטאַקס", מען פערקויפט זיי פאַר משוגע־הויכע פּרייזען און מען ווערט רייך.

שטעדט. — די וויכטיגסטע שטאָדט איז ניו יאָרק. די שטאָדט איז מייסטענס בעריהמט מיט איהר האַנדעל מיט אַלע לענדער פון דער וועלט. דורך ניו יאָרקער האַפען ברענגט מען אריין אין לאַנד: פּאָליסלייט פון אירלאַנד, ביער־טרינקער — פון דייטש־לאַנד, באָמבען־וואַרפער — פון איטאַליען און לעזער פאַר די אידי־שע צייטונגען — פון רוסלאַנד.

די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ.

עס איז געווען אַ שעהנער פריהמאָרגען אין דער שפּאַנישער הויפּטשטאדט מאַדריד, ווען פאַר דער קעניגין איזאַבעלאַ, וועלכע איז געזעסען אויפ'ן טהראָן נעבען דעם קעניג פערדינאַנד, איז ערשיענען קאָלומבוס מיט אַ רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף פון אַ גלח.

די קעניגין האָט געעפענט דעם בריעף און האָט איבערגעלייענט פאָלגענדעס:

„דער יונגער מאַן, וועלכער שטעהט איצט פאַר אייער מאַיעסטעט, איז קריסטאָפאָר קאָלומבוס. ער איז פלייסיג און ארבייטסזאַם. זיין פּראָפעסיע איז ענטדעקונגען. מען דאַרף איהם נור אַ וואונק טהון און ער ענטדעקט וואָס איהר ווילט אַליין. אַזוי ווי אָבער די צייטען זיינען איצט שלעכט, דרעהט ער זיך נעבעך ארום אָהן אַ שטאָך ארבייט. איך האָף, אַז אייער מאַיעסטעט וועט איהם געבען עפּעס אַ שטיקעל „דזשאָב“ און איהם שיקען ענטדעקען אַמעריקאַ.“

די קעניגין האָט אפילו שוין געהאַט אַן אייגענעם ענטדעקער, וואָס האָט געאַרבייט פאַר איהר זייט עטליכע יאָהר, דאָך האָט זי בעשלאָסען צו ערפילען דעם גלח'ס בקשה.

די פראַגע איז נאָר געווען, וואו נעהמט מען אויף הוצאות. דער קעניג האָט געזאָגט:

— די פינאַנצען זיינען איצט אויף געבראָטענע צרות. מיר קומט נאָך צו מיינע ווייד זשעס הונדערט דאָלאַר, דער פּאַלאַץ איז שוין זייט אַכט יאָהר ניט געפיינט, אין גראָסערי וויל מען שוין ניט געבען אויף באָרג, די דיענסטען ווילען ארוים אין סטרייק צוליעב העכערע ווייד זשעס און דער בוטשער סטראַשעט מיט'ן געריכט.

אבער איזאַבעלאַ האָט איהם אַ גלעט געטהאָן איבער דער קרוין, האָט ליעבליך אראָבגענומען אַ פעדער פון זיין קעניגליכען מאַנטעל, האָט צערטליך אַ שמייכעל געטהאָן צו איהם און האָט געמאַכט אַזאַ חשבון:

ערשטענס, קען ער שפּאָרען אביסעל אויף זיינע סיגאַרס;

צווייטענס, קען ער זיך אַ פּאָר יאָהר בעגעהן אָהן וויין און דריטענס, וועט זי פערזועצען איהר ציערונג.

איינינע מיניסטאָרען זיינען אבער געווען דאגעגען.

זיי האָבען אזוי גע'טענה'ט:

— צו וואס זאָל מען ענטדעקען אַ לאַנד, וואָס קיינער האָט עס נאָך ניט געזעהען און וויים ניט, וואָס דאָס איז, אַ לאַנד, וואָס איז נאָך דערצו אזוי ווייט און האָט ניט קיין אייזענבאהן און קיין טעלעגראף? קען מען ניט ענטדעקען אַ לאַנד וואָס איז נאָהענט, וועלכעס מען קען און וועלכעס איז שוין ציוויליזירט?

אָבער איזאבעלא האָט קיינע טענות ניט געוואָלט הערען. זי האָט בעשלאָסען, אַז קאָלומבוס מוז ענטדעקען אַמעריקא.

און אזוי איז עס געווען.

קאָלומבוס האָט געקויפט דריי שיפען, האָט צונויפגענומען אזוי פיעל מערדער, גנבים און אויסוואורפען וויפיעל ער האָט נור געקענט קריגען אין מאדריד, און דעם דריטען אויגוסט 1492 האָט ער זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיין דזשאב — ענטדעקען אַמעריקא.

אָבער דער דזשאב איז געווען פיעל שווערער ווי קאָלומבוס האָט געדענקט. אַמעריקא האָט זיך ניט געלאָזט ענטדעקען.

די מאַטראָזען האָבען זיך אָנגעהויבען צו בונטעווען. זיי האָבען געזאָגט, אַז קאָלומבוס וויים ניט פון זיינע הענד און פיס און אַז זיי דרעהען זיך אויף איין אָרט. זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי דערקענען אַ שטיקעל וואסער אין ים, ארום וועלכען זיי דרעהען זיך שוין זייט אַ וואָך. זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי קענען ניט זיצען אַזאַ לאַנגע צייט לעדיג און קיין איין־איינציגען מאָרד ניט בעגעהן און קיין איינציג גנבה'לע ניט מאכען. און ווען זיי האָבען זיך דער־וואוסט, אַז אין אַמעריקא זיינען קיין סאלונען (שענקען) אויך ניטאָ, זיינען זיי שוין גאָר ארוים פון די כלים, האָבען אָנגעכאַפּט קאָלומ־בוס'ען ביי די הענד און פיס און איהם געוואָלט אריינוואַרפען אין ים.

אָבער קאָלומבוס האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיי מאָרגען ענט־דעקען דעם סוד, ווי צו מאכען פון ים־וואסער ניינציג־גראַדיגען שנאַפּס, און זיי האָבען איהם אָבגעלאָזט. און אויף מאָרגען אין

דער פּריה האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „לאַנד! לאַנד!“ און אַמעריקאַ איז ענטדעקט געוואָרען.

זיי זיינען אַרויס אויפ׳ן ברעג און באַלד געעפענט אַ סאַלון און געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גרויסער פּריוואַט-ליעבענדער אָרגאַניזאַציאָן וואָס הייסט „טעמעני האָלל“. קאָלומבוס האָט יעדען געגעבען אַ גלאָז ביער מיט אַ האַוואַנאַ סיגאַר און איז ערוועהלט געוואָרען פאַר וויצע-קעניג.

דאָס איז געווען דעם 12טען אָקטאָבער אין יאהר 1492.

די בעפרייאונג פון אַמעריקאַ.

מען האָט אייך זיכער דעם לעצטען 4טען יולי אָבגעשאָסען אַן אויער, אָבגעברענט די נאָז און געמאַכט אייך אויף אייביג טויב. איהר ווערט זיכער דעם קומענדען 4טען יולי פערקריפּלען אַ קינד און אויפגעריסען ווערען מיט אייער קליינעל פון פייער-ווערק. אָבער איהר דאַרפט בלויז זיין שטאָלץ דאַרויף. ווייסט, אז דאָס פייערט מען דאָס שענסטע קאַפּיטעל פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע — די בעפרייאונג פון אַמעריקאַ.

אָבער לאָמיר אייך דערצעהלען אַלעס בסדר.

טאַפט איז נאָך דעמאָלט קיין פּרעזידענט ניט געווען, ווייל דאָס לאַנד האָט נאָך ניט בעלאַנגט ניט צו קיין קאַרנעגיע׳ן און ניט צו ראָקפעלער׳ן. די הערשערין פון אַמעריקאַ איז געווען ענגלאַנד און אזוי ווי זי האָט קיין שכל ניט געהאַט צו שענקען מיליאָנען אויף קאַלעדזשעס און ביבליאָטהעקען, האָבען די אַמעריקאַנער געמאַכט אַ רעוואָלוציאָן און געשריען, ווי דער קליינער „בונד“, להבדיל, אין רוסלאַנד: „זנאַט ניע זנאַיעם, קאָנסטיטוציע זשעלאַיעם!“

און דאָ זעהט מען קלאָר, ווי ריכטיג עס איז קאַרל מאַרקס׳ לעהרע, אַז אַלעס נעהמט זיך פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען, וואָרים, לאָמיר אייך זאָגען, די בעשעפטיגונג פון די דאַמאַלסדיגע אַמעריקאַנער איז געווען: שיסען אינדיאַנער, שמייסען ניגערס און צאָהלען מס צו ענגלאַנד.

דער פיהרער פון דער רעוואָלוציאָן איז געווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וועלכער איז געווען בעשיידען, האָט געהאַט מוטה און גערולד, איז איבעראַל געווען דער ערשטער און האָט זיך ממש מקריב געווען פאַר'ן פאָלק.

למשל:

אין מיטען דער נאַכט האָט ער איינער אליין, אין בעגלייטונג פון בלויז עטליכע טויזענד מאַן, „געקראָסט" דעם דעלאַוועיר ריווער.

ער האָט אָבגעלעבט מיט זיין ווייב מארטהא שעהנע עטליכע יאהר און איז קיינמאָל ניט אַנטלאָפען קיין קענעדע.

און ווען ער האָט נור דערהערט, אַז עס פאָדערט זיך אַ מענש, וואָס זאָל זיך רופען „דער פאָטער פונ'ם לאַנד" און זאָל בלייבען אויף אייביג איינגעבאַקען אין די הערצער פון די אמעריקאַנער, האָט ער קיין מינוט ניט געטראַכט און גענומען אויף זיך דעם דזשאָב.

קלוג איז ער געווען ווי דער טאָג. ווען ער האָט בעמערקט, אַז ער הויבט זיך אָן דעם עולם צוצועסען, האָט ער זיי אָבגעטהאָן אויף טערקיש און איז געשטאָרבען.

מען דערצעהלט אויך וועגען איהם, אַז ער האָט קיין מאָל קיין ליגען ניט געזאָגט, אבער — עט, דאָס זיינען שוין בבא־מעשיות און אין אַן ערנסטער אבהאַנדלונג איז קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר אַזעלכע ווייבערשע באָיקעס.

נאָך דער בעפרייאונג פון אמעריקא האָט דאָס דאַנקבארע פאָלק געוואָלט ענדליך בעפרייען וואַשינגטאָנ'ען און איהם לאָזען צוריק פּאַשען זיינע בהמות אויף זיין פאַרם, אבער ער האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַר איהם ניט קיין נפקה מינא, ער קען אויך ווערען פּרעזידענט, און ער איז געוואָרען דער ערשטער פּרעזידענט.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציאָן האָט מען אויך אויפגענעהט די ערשטע אמעריקאַנער פאָהן, וועלכע איהר קענט זעהן אויף אַלע ציוניסטישע אונטערנעהמונגען צוזאַמען מיט אַ „מגן דוד".

דער איינציגער פלעק אויף וואַשינגטאָנ'ס רעפּוטאַציע איז דאָס וואָס ער האָט אומיסטנע אויסגעטראַכט עפּעס אַ „קאָנסטיטושאָן", וועלכע מען דאַרף קענען בעת מען וויל ווערען אַ בירגער.

דאָס וועלען איהם די „גרינע“ אידלעך קיינמאָל ניט מוחל זיין.
א דאַנק דיזען „שפּיצעל“ מיט דער קאָנסטיטוציאָן, מוזען זיי זיך בענוגענען מיט'ן אייביגען מארשירען, דעמאָנסטרירען און פּאַטשען פאר'ן סאָציאַליזם, אבער שטימען — אַ־זאָס!

דער בירגער־קריעג.

די איינציגע שולדיגע אין דעם בירגער־קריעג זיינען, אָהן צווייפעל, געווען די ניגערס. און אין אמת'ען, וועלכער שוואַרץ־יאָהר האָט זיי געבראַכט קיין אַמעריקא פאַר דער ניגער־בעפרייאונג? קראַנק זיינען זיי געווען צו קומען נאָכדעם?

שווערע צייטען זיינען דעמאָלט געווען פאַר דער סויטה, און אַלץ צוליעב די ניגערס. אזא פערפלוכטע נאַטור האָבען שוין געהאַט די ניגערס, — אַז איהר פלעגט זיי נור געבען עסען קרענק, ארבייטען מיט זיי ווי מיט אָקסען און זיי שמייסען ווי פערד, פלעגען זיי אייך אָבטהון איין קלייניגקייט: זיך צונויפנעהמען אין די טויזענדער און מאַכען אַ לוסטרייזע אויף יענער וועלט. געווען, הייסט עס, ניגערס און — ניטאָ קיין ניגערס! און רוף זיי קנאַק־ניסעל! אנדערע וואָלטען אין זינען געהאַט, אַז אַ ניגער קאָסט געלד און מען דאַרף זיין אָרבייט ווי אין לעבען. זיי אבער — וויים איך וואָס! אַ סך האָבען זיי זיך געקימערט פאַר „אונז“!

דאָס איז געווען אין דער סויטה. אין דער נאָרד האָבען מיר פון זיי געהאַט אנדערע צרות.

די יעניגע ניגערס, וואָס האָבען צוליעב דער אָדער יענער אור־זאַכע קיין חשק ניט געהאַט זיך איבערצופּעקלען אויף יענער וועלט, פלעגען דורך דער נאָרד לויפען קיין קענעדע און זיי פלעגען איבער־שרעקען אונזערע היהנער און צורייצען אונזערע הינט און אויס־פגר'ן אין די טויזענדער אויפ'ן וועג און מיר האָבען זיי נאָכדעם בעדאַרפט בעגראָבען אָהן אַ סענט געלד.

מיט איינעם וואָרט, עס איז שוין געווען ניט אויסצוהאַלטען. און אַז עס איז אָנגעזאַלצען אויפ'ן האַרצען, ווייסט איהר דאָך,

קריעגט מען זיך. און אַ קריעג בידוע, איז ווי אַ קרעצעל: וואָס מעהר מען קראַצט, אַלץ מעהר צוויאָטערט עס זיך. בקיצור, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אַ קללה פאַר אַ קללה...

— אַ גט! — האָט גענומען שרייען די סויטה.

— אַזוי לאַנג זאָלסטו ליעגען אויף איין זייט און זיך ניט קענען איבערקעהרען אויף דער צווייטער, ווי דו וועסט קיין גט ניט קריגען. — האָט געענטפערט די נאָרד.

נו־נו, איז געוואָרען אַ באַטאַליע! דעם 12טען אַפּריל 1851 האָט מען זיך צום ערשטען מאָל אריינגעפּאַהרען אין די שלייערם און מיט פיער יאהר שפּעטער האָט לינקאָלן צוריק שלום געמאַכט צווישען דעם פּאַר פאָלק, און, אום צו זיכערען דעם שלום בית, בעפרייט די ניגערם. אָבער אין דער סויטה ווייסען נאָך עד היום הזה די ניגערם ניט דערפון און זיי כאַפּען זיך אָפּט אריבער אין דער נאָרד זיך נאָכצופרעגען אויב עס איז טאַקע אמת, וואָס די אַלטע לייט דערצעהלען, אַז מען האָט מיט 46 יאהר צוריק זיי בעפרייט.

קנאַפּע דריי טויזענד מיליאָן דאָלאר מיט צוואַנציג סענט האָט אָבגעקאָסט דער קריעג, אויסער דעם וואָס מען האָט אין טומעל ארויסגעשלעפּט פון ווייבערשע זאַקען.

געענדיגט האָט זיך דער קריעג ערשט נאָכדעם, ווי דער גאַנצער מיליאָן מענשען, וואָס איז ראוי געווען געשאָסען צו ווערען, איז אוועק אויפ׳ן עולם האמת. אין טומעל האָט מען אָבער פערגעסען אָן לינקאָלן׳ען אליין און מען האָט איהם געמוזט שענקען אַ שעהנעם פּאַטריאָטישען טוידט שוין בעת׳ן שלום.

אָט דאָס איז די געשיכטע פון דעם בירגער־קריעג.

און צום שלום ווילען מיר בעמערקען נאָך אָט וואָס:

אַ שטאַרקע טובה דער ניגערשער פרייהייט האָט געטהאָן אַ ווייסע פרוי (ביטשער סטאָו) מיט איהר מעשה־ביכעל „אָנקעל טאָם׳ס קעבין“. און זייט דאָן קען זעלטען אַ ניגער פאַרבייגעהען אָן איינזאַמע ווייסע פרוי און איהר ניט אויסדריקען זיין הייסעסטע און שטאַרקסטע ליעבע (פערגעוואַלטיגונג רופען עס די ווייסע). ער טהוט עס מיט דער גרעסטער זעלבסט־אויפאָפּפערונג, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס מען לינטשט איהם דערפאַר. און צוריק גערעדט,

ווארום זאָל ער עס ניט טהון? אז לינטשען לינטשט מען איהם דאָך במילא, איז שוין, דאכט זיך, בעסער געלינטשט צו ווערען פאר א גוטע זאך!

די סטעטשיו אָוו ליבערטי.

די סטעטשיו אָוו ליבערטי אָדער די געטין פון פרייהייט איז אן אימפּאָרטירטע סחורה, פונקט ווי די בארָאנען קאַבצאַנזאָהן און גראפּען הונגערמאַן, אויף וועלכע אונזערע רייכע יורש'טעס זיינען שטארקע בעלנים. אימפּאָרטירט איז די סטעטשיו אָוו ליבערטי פון פאריז, פון וואנען מען אימפּאָרטירט אהער אלע אנדערע מאָדעס. אזוי ווי אָבער די בעשטעלונג האָט זיך אביסעל פערשפּעטיגט, איז די געטין פון פרייהייט אָנגעקומען קיין אמעריקא שוין נאָך דער רעוואָלוציאָן, און אום פון איהר פטור צו ווערען, האָט מען זי פער־שיקט „איבער'ן וואסער". און אום ארויסצושלאָגען פון איהר קאָפּ די הייסע רעוואָלוציאָנערע געדאנקען, האָט מען אוועקגעשטעלט נעבען איהר דעם אטלאנטישען אָקעאַן, ער זאָל איהר מאכען „קאלטע פּיס". זייט דאן שטעהט די סטעטשיו אָוו ליבערטי ביים ארייננאנג אין ניו יאָרקער האפען און באָדט איהרע נאקעטע פיס אין דעם געזאלצענעם וואסער: עס איז זעהר געזונד, זאָגט מען, צו א היציגען קאָפּ און צו רעמאטעס.

די אויפגאבע פון דער סטעטשיו אָוו ליבערטי איז אָנצוזאָגען דער וועלט, אז אמעריקא איז פול מיט פרייהייט ווי א מילגרוים מיט קערנדלעך, ווי העסטער סטריט מיט שמוץ און ווי וואָלל סטריט מיט שווינדעל.

יא, מיר האָבען שוין דאָ צופיעל פרייהייט. א גליק איז, וואָס מיר האָבען קיין צייט ניט זי צו געניסען. מיר זיינען שטארק פער־נומען: די געזעצגעבער — מיט לינקע ביזנעס, די מיליאָנערען — מיט די כאָריסטקעס, די ביזנעס־לייט — מיט בלאָפס און די ארבייטער — מיט סטרייקס און הונגער.

אם ווענינסטען ליידען מיר פון דער צו גרויסער פרייהייט אויף דער איסט סייד, ווייל דאָ זיינען מיר אם שטארקסטען פערנומען.

מיר מארשירען, מיר דעבאטירען, מיר פּאָלעמיזירען, מיר קריטיזירען און מיר אפּעלירען. און אז מיר האָבען שוין אמאָל א פרייע מינוט, זיצען מיר אין קאפע און רעדען רכילות אָדער, אין בעסטען פאַל, שפּיעלען מיר אין קאָרטען.

איבריגענס געפעלט זי אונז טאקע ניט זעהר שטארק, די געטין פון פרייהייט. צום אלעם ערשטען טראָגט זי ניט קיין רוסישע „רובאשקע". צווייטענס, קען זי ניט רעדען קיין שלעכטען רוסיש. און דריטענס, אין אמעריקא — אויך מיר פרייהייט!

וועט איהר אפשר פרעגען: אויב יא אזוי, טאָ צו וואָס דארף מען זי אין גאנצען, די סטעטשיו אָוו ליבערטי? זיינט איהר במחילה א „גרינער". הלמאי, צו וואָס דארף מען וואהלען, ווען עס ווערען ממילא ערוועהלט פערהאסטע פּאָליטישענס? הלמאי! גאָרניט! וואָס מאכט עס אייך אוים? עס מאכט אייך עפּעס קאַליע?

אז זי שטעהט די סטעטשיו אָוו ליבערטי, זאָל זי שטעהן.

די אמעריקאַנער קאָנסטיטושאָן.

איינלייטונג.

די אמעריקאנער קאָנסטיטושאן איז פערפאסט געוואָרען נאָך דער בעפרייאונג פון אמעריקא און מיט איהר האָט מען אין זינען געהאט אָבצושלאָגען דעם חשק ביים ענגלישען קעניג צו קריכען אין יענקי־לאנד. אָבוואָהל אמת'ע „פּארמער", האָבען דאָך די טאטעס פון דער אמעריקאנער קאָנסטיטושאן פערשטאנען, אז דאָס וואָס א מזוזה איז פאר א שד און דער אמת פאר א צייטונג, פּונקט דאָס זעלבע איז א קאָנסטיטושאָן פאר א קעניג — א סטראשידלע, וואָס וועט איהם שוין האלטען פון ווייטענס.

דאָס איז דער היסטאָרישער צוועק פון דער אמעריקאנער קאָנסטיטושאן. דער איצטיגער צוועק איהרער ווידער איז: ערשטענס, מען זאָל קענען ערקלערען פאר אונקאָנסטיטוציאָנעל יעדעס געזעץ, וואָס קען ברענגען עפּעס נוצען די קבצנים; צווייטענס,

די „רוסישע רעוואָלוציאָנערען“ זאָלען זיך איבינ די פיס אָבקלאַפּען מאַרשירענדיג און דעם גאָרגעל איינרייסען שרייענדיג הוררא פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן און קיין מאָל די קאָנסטיטושאַן ניט קענען איינבייסען און קיין מאָל קיין בירגער ניט קענען ווערען און קיין מאָל קיין איין־איינציגע שטימע ניט קענען געבען די סאָציאַ־ליסטען.

די קאָנסטיטושאָן זעלבסט.

אַרטיקעל 1. — אַלע געזעצע ווערען געמאַכט פון אַ קאָנגרעס, וואָס בעשטעהט פון אַ סענאַט, וואו עס זיצען גרויסע גנבים, און אַ האוז אָוו רעפּרעזענטייטיווס, וואו עס „ווידמענען זיך“ קליינע גנבים. עס קענען אין קאָנגרעס על פּי טעות אריינקומען אַמאָל עהרליכע מענשען אויך; אבער, ערשטענס, ווערט טאַקע דאָס בעטראַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלען אונגליק און, צווייטענס, האָט מען זיי פשוט אין דער אדמה.

אום צו ערוועהלען אַ קאָנגרעסמען, מוזען די בודעל־פּאַרטייען טהיילען דרייערלעך און פינפערלעך צום פאָלק, און אום צו ערוועהלען סענאַטאָרס מוזען די טראָסטס, נעביך, אונטערקויפען די סטייט־לעדזשיסלייטשורס.

ווען עס בע׳גנב׳עט זיך דער רעפּובליקאַנער קאָנגרעס, קלייבט מען אויס אַ דעמאָקראַטישען, און ווען מען כאַפּט ביי דער האַנד דעם דעמאָקראַטישען קאָנגרעס, קלייבט מען צוריק אויס אַ רעפּובלי־קאַנישען.

אַרטיקעל 2. — איבער׳ן קאָנגרעס זיצט אַ פּרעזידענט. מען וועהלט איהם איין מאָל אין פיער יאָהר. איהר קענט דערקענען די פּרעזידענטשעל וואהל אָן דעם, וואָס אַלע אידישע טעגליכע צייטונגען צייגען דאַן אין גאַס „מואווינג פּיקטשורס“ און שטעלען ארויס וואַרנונגען: „היט זיך פאַר גנבים!“

אַמענדמענטס צו דער קאָנסטיטושאָן.

1. — די הערשענדע רעליגיאָן איז די דאָלאַר־רעליגיאָן. אָבער אַלע אַנדערע רעליגיאָנען מעגען זיך פּערדרעהען זייערע קעפּ. דאָס

געוויסען אין אַמעריקא מוז זיין פריי — פון געוויסענסביסע. רעדען מעג מען צוזעצטערהייט פריי; ניט מעהר, ווען איהר ווילט רעדען איבער סאָציאַליזמוס אָדער אַנאַרכיזמוס, איז די פּאָליציי פריי ניט צו וועלען עס ליידען. נו, איז וואָס איז דאָ דער אונגליק? רעדט מען ניט.

2. — שקלאַפעריי, אויסער ארבייטער־שקלאַפעריי, איז שטרענג פערבאָטען. „ווייסע שקלאַפעריי" איז ערלויבט אונטער איין בעדינגונג בלויז: אַז די „שקלאַפינען" זאָלען זיך טהיילען מיט זייערע פערדיענסטען מיט די קאַדעטען און מיט דער פּאָליציי. ניגערס מעג מען לינטשען, פערשקלאַפען אָבער — נאָ, סער!

3. — רויבען ביי איינעם זיין פערזענליכע פרייהייט אָהן אַ פּאַסענדער אורזאַכע איז זעהר שטרענג פערבאָטען. אָבער אַז אַ דעטעקטיוו וויל כאַפּען אַ פערדיענסטעל, מעג ער קידנעפּען אַן ארבייטער־פיהרער. אַי, מען טאָר ניט? נו, וועט ער אָבזיצען אַ פּאָר יאהר אין תפיסה, וועט מען זיך דאַן פערלאָזען אויף מענשען. וועלען זיי פּסק'ענען: ניט שולדיג! איז ניט! איז ניט געפּידעלט.

בעמערקונג. — די איבריגע פּונקטען פערשטעהען מיר נאָך דערוויילאַליין ניט. מיר זיינען סך הכל אין לאַנד ערשט אַ יאהר פינף־און־צוואַנציג.

די שטאָדט ניו יאָרק.

די געשיכטע פון ניו יאָרק, די געאָגראַפישע לאַגע פון דער שטאָדט און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

האָדסאָן ריווער און די שטאָדט ניו יאָרק זיינען ענטדעקט געוואָרען פון הענריק האָדסאָן דורך דער 125טער סטריט „פערי" און גאַנץ ניו יאָרק איז אָבגעקויפט געוואָרען פאַר 24 דאָלאַר.

ווען איך דערמאָן זיך אָן דער מציאה, דאָס הייסט, אַז איך האָב אַמאָל געקענט אָבקויפען גאַנץ ניו יאָרק מיט דעם מעטראָפּאָ־ליטאַן אָפּערא הויז, מיט ברוקלין ברידזש, מיט דער לודלאָוו סטריטער תפיסה און מיט אַלע בראָנזווילער „לאָטס" בלויז פאַר פיער־און־צוואַנציג דאָלאַר און האָב דורכגעלאָזט אַזאַ גלענצענדע

געלעגענהייט, בין איך גרייט זיך אליין אויסצופּאַטשען און זיך אָנרופען מיט די מיאוס׳סטע נעמען.

אָבער לאָמיר ניט אוועק פונ׳ם ענין.

בעת האָדסאָן איז צוגעקומען צו דער 209טער סטריט, האָט ער בעמערקט אַן אינדיאַנער טשיעף (שר), וועלכער האָט מיט טרערען אין די אויגען געשיקט צום הימעל פאָלגענדע תפילה:

„גאָט! מיט וואָס האָבען מיר זיך פערזינדיגט? אלע אינ־דיאַנער זיינען שוין ענטדעקט, נור אויף אונז געפינט זיך ניט קיין ענטדעקער!“

און דאָ האָט ער מיט פרייד דערזעהן האָדסאָנ׳ען.

צום אלעם ערשטען האָט האָדסאָן, אין דער בעגלייטונג פון דעם טשיעף, בעזוכט דעם פרויען־קאלעדזש און מיט ערשטוינונג זיך דערוואוסט, אז די קאלעדזש־מיידלעך געהען כמעט אין גאַנצען נאַקעט, אז ביז׳ן עלטער פון ניין־און־אַכטציג יאהר געהען זיי אלע בארפוס און אז דאָס בעסטע מאכל ביי זיי איז אָבצוגריזשען א ריף פון א מיטעליעהריגען מאַן.

די מיידלעך זיינען איהם פון דעסטוועגען אזוי שטאַרק געפע־לען, אז ער איז גרייט געווען דאָ אויפ׳ן אָרט צו שטעלען א חופּה מיט איינער. צו קיין חופּה איז עס אבער דאָך ניט געקומען, ווייל אין גאַנץ ניו יאָרק האָט מען דעמאָלט קיין איין גאָלדשמיעד ניט געקענט געפינען וואָס זאָל קענען מאַכען אַן אַנשטענדיגען חתונה־רינג.

דיעזער צופאל האָט אזוי געווירקט אויף האָדסאָנ׳ען, אז ער איז אין דרייסיג יאהר ארום געשטאָרבען.

און איצט א ביסעל וועגען דעם איצטיגען צושטאַנד פון ניו יאָרק.

ניו יאָרק שטעהט אויף פינף אינזלען, דריי טייכען, צוויי־טויזענד סאלונס (שענקען) און מיליאָנען בלאָפס.

די שטאָדט איז אזוי רייך, אז יעדען טאָג טהיילט מען אוים צעהנדליגע טויזענדער לאָבענס ברויט צו נויטבעדירפטיגע. די בעפעלקערונג איז אזוי גרויס, אז אוועק׳גנב׳ענען א האלבען מיליאָן שטימען איז אפילו ביי א קליינעם פּאָליטישען גנב פשוט א שפּאַס.

די שטאָדט איז אַזוי גרויס, אַז איהר קענט קויפען ביי אַ ריעל-עסטייט (ערד־אייגענטהום) אַגענט אַ „לאָט" (שטיק ערד) און דעם לאָט זוכען אייער גאַנצען לעבען און איהם דאָך ניט געפינען.

ניו יאָרק איז די פרייעסטע שטאָדט אין דער וועלט. אויב איהר פערמאָגט אַן אויטאָמאָביל, קענט איהר פראַנק און פריי אַריבערפאָהרען יעדען טאָג צוויי מענשען. אויב איהר זיינט אַ קבצן, קענט איהר זיך ווי אַ פריץ צולעגען אין סענטראַל פּאַרק און אויסגעהן פאַר הונגער. און אויב איהר זיינט אַ מיליאָן־מאַן, קענט איהר האַלטען אַזוי פיעל „באָרדערס" (קעסטניקעס), וויפיעל איהר קענט נור אַריינקוועטשען אין אייערע דריי צימערלעך.

דריי זאַכען בלויז זיינען פערבאָטען אין ניו יאָרק:

1) געהען שפּעט ביינאַכט אויף דער בויערי: מען וועט אייך פון דאָרט צונעהמען אין אַ ליילעך.

2) טראָגען אַ באָרד: אידישע שקצים'לעך וועלען אייך דער-הרג'ענען.

3) געהען אויף קאַנעל סטריט: מען וועט אייך צורייסען אויף שטיקלעך, שלעפּענדיג אייך אין די קראָמען.

דער קלימאַט פון ניו יאָרק איז אַ גאַנץ וואַרימער. קאַלט איז נור אין די הייזער וואָס ווערען געהייצט דורך דאַמפּף, אי דאָס אויך בלויז ווינטער.

דער ניו יאָרקער קלימאַט איז אַ גאַנץ געזונדער. מיר ווייסען בלויז פון איין־איינציגער קראַנקהייט, וואָס בושעוועט דאָ שטאַרק אום זומער. די קראַנקהייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זעצט זיך נאָר אַ פּאָארעל אוועק אין דזשעקסאָן סטריט פּאַרק, אַזוי ווערען זיי באַלד פער'חלש'ט. אָבער אויך אָט די קראַנקהייט איז שוין איצט ניט געפעהרליך, נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעפונען אַ מיטעל געגען איהר: מען מאַכט דאָס פּאָארעל חתונה.

ניו יאָרק ווערט פערוואַלטעט (און לאָמיר דאָ צוגעבען: קלוג פערוואַלטעט) פון אַ פּאָאר טראָסטס, וועלכע שטעלען אַן אַ ספּעציעלען מענשען (דאָס איז דער דעמאָקראַטישער לידער) און ער ערוועהלט שוין אַ מעיאָר און אָלדערמען. יעדער אָלדערמען מוז זיין אָדער אַ קצב אָדער אַ שענקער. אום צו מאַכען די ערוועהלונג

מעהר יום־טוב'דיג, טהיילט מען דעם טאָג פון די וואהלען ביער און סיגארס צום פאָלק, מען שטעלט אוועק בודקעס מיט שטימ־קעסטלעך און דאס פאָלק שטימט.

נ. ב. — אן אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק פון די ניו יאָרקער מיידלעך. זיי זיינען זעהר ענערגיש, און אז זיי נעהמען זיך אריין אין קאָפּ אימיצען צו הייראטהען, וועלען זיי איהם שוין, אפילו א טויטען, ברענגען צו דער חופּה. ער קען זיך נאָך דער חופּה אנט־לויפען — דאס איז שוין זיין געשעפט, אבער געהן צו דער חופּה וועט ער. יעס, סער!

די געשיכטע פון בראָנזוויל.

(צום 25־יעהריגען יובילעאום פון דער ציגען־מדינה)

גענוי בעשטימען, ווען בראָנזוויל איז ענטדעקט געוואָרען, איז זעהר שווער. קאָלומבוס האט בראָנזוויל ניט ענטדעקט. ער האט זיך אפילו געפּרופט ארויסכאַפּען אויף א געפּאקטער ברוקלין ברידזש קאר (טראמוואי), אבער דער איירישער קאָנדוקטאָר האט באלד דערקענט אַן איהם, אז ער שטאמט פון „שינים" און האט איהם באלד ארויסגעשמיסען מיט א ברייטען „מי שברך". און אזוי ווי ריעל־עסטייט (ספּעקולאציעס אויף לאנד) איז דעמאָלט געווען שטארק געפאלען אזוי, אז מען האט געקענט גאנץ ניו יאָרק אָבקויפען פאר 24 דאָלאר, האט קאָלומבוס זיך מישב געווען, אז עס לוינט זיך ניט צו שלאָגען מיט אן איירישען אנטיסעמיט, און אויף אזא אופן איז בראָנזוויל געבליבען נאָך פאר א שטיק צייט אונענטדעקט.

פאר דער לעצטער צייט האט בראָנזוויל געפּרופט ענטדעקען דר. קוק, אבער ווי ער איז נור ארויפגעקומען אויף פּיטקין עוועניו, האט זיך בליץ־שנעל פערשפּרייט דער קלאנג, אז אין בראָנזוויל איז ערשיענען אן אמת'ער גוי, און עס איז געוואָרען אזא געלויף מיט אזא געפּילדער, אז דער אָרימער דר. קוק האט זיך קוים געראטעוועט מיט'ן לעבען אויפ'ן גאָרד־פּאָל.

גיכער פון אַלעמען לעגט זיך אויפ'ן שכל די סברה פון אַ בעריהמטען היסטאָריקער, וועלכער בעהויפּטעט, אַז בראַנזוויל איז ענטדעקט געוואָרען פון אַ ניו יאָרקער אידען, וואָס איז געגאַנגען צו תשליך און דער ווינד האָט ביי איהם אַראָבגעריסען דאָס היטעל און דאָס היטעל האָט זיך אַזוי לאַנג געקייקעלט, ביז עס האָט זיך פער־טשעפּעט אָן אַ ציגענעם האָרן און כאַפּענדיג דאָס היטעל, האָט דער איד מיט כעס אויסגעשריען: „אַ בראַנז זאָל זיך אין דיר אריינ־כאַפּען!" דערפון נעהמט זיך דער נאָמען בראַנזוויל.

די ערשטע איינוואוינער פון בראַנזוויל זיינען וואהרשיינליך געווען די ציגען, כאָטש ביז איצט איז נאָך ניט קלאָהר, וואו זיי האָבען געקאָנט אַרומשפּרינגען אין יענע צייטען, ווען בראַנזוויל איז נאָך ניט געווען צושניטען אין „לאָטס".

אָבער ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די ציגען זיינען געווען די ערשטע בראַנזווילער בירגער, האָבען זיי נאָך ביז איצט ניט קיין שטימרעכט און דער גאַנצער האַנדעל מיט שטימען איז אריינגע־פאַלען אין די הענד פון די ערגבערער, די שפּעטערדיגע איינוואנ־דערער, די איצטיגע הערשער פון בראַנזוויל. זייער ציגענע אונטער־דריקטע לאַגע זעהט זיך קלאָהר פון דעם פאַקט, וואָס אפילו ביים פינף־און־צוואַנציג יעהריגען יובילעאום פון בראַנזוויל זיינען זיי ניט רעפּרעזענטירט געווען פון קיין אַנשטענדיגער קאָמיטע.

דער ערשטער גוי איז ערשיענען אין בראַנזוויל, ווען בראַנזוויל איז געוואָרען אַ שטאָדט און מען האָט בעדאַרפט קלייבען אַן אַלדער־מען. האָט מען אין ניו יאָרק מיט מסירת נפש געקידנעפּט אַן איירישמאַן און מען האָט איהם מיט געוואַלד ערוועהלט. דער גוי האָט אָבער די בראַנזווילער אידען ביטער ענטטוישט. אין אַ פּאָר וואָכען ארום האָט מען שוין קיין ברעקעל חילוק ניט געקענט בע־מערקען צווישען איהם און דעם פּרעזידענט פון דער שוהל און עד היום לויפט מען משוגע'נערהייד, ווען מען הערט, אַז אין בראַנזוויל האָט זיך בעוויזען אַן אמת'ער גוי, ווי עס איז, למשל, געווען דער פאַל מיט דר. קוק.

בראַנזוויל איז איצט אַ גאַנץ היבשע שטאָדט: זי פערמאָגט 200 טויזענד אידען, איין איירישען, 25 טויזענד לאָטס, וועלכע מען

וויל אוועקגעבען אומזיסט און קיינער נעהמט ניט, 17 טויזענד ציגען, איין ס. פּ. מאַן, איין פּועל ציוניסט אין דער צוקונפט און איין טעריטאָריאַליסט אין דער פערגאַנגענהייט.

מיט בלוט און שאַנדע וועט בראָנזוויל פערשריעבען ווערען אין דער געשיכטע פון אַנארכיזם און סאָציאַליזם. די בעסטע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע כחות ליעגען בעגראָבען אין די בראָנזווילער לאָטס. תנצב"ה.

מעקסיקאָ.

(צו דער געלעגענהייט פון דער רעוואָלוציע אין מעקסיקאָ און די „מאַניעווּרען" פון דער אַמעריקאַנער אַרמעע ביי דער מעקסיקאַנישער גרענעץ)

מעקסיקאָ געפינט זיך צופעליגערווייזע דאָרט, וואו עס קומט איצט פאַר די רעוואָלוציע געגען דיאַז'ן, און די גרענעץ פון מעקסיקאָ ליעגט סאַמע דאָרט, וואו פאַר די פעראייניגטע שטאַאטען איז אַם בעקוועמסטען — בעת אַ מעקסיקאַנער רעוואָלוציאָן — צו מאַכען מאַניעוורען.

דער שטח פונ'ם לאַנד איז אַזוי גרויס, אַז דאָרט קענען בעקוועם פאָרקומען עטליכע רעוואָלוציאָנען מיט איין מאָל.

דאָס לאַנד איז אַזוי רייך, אַז די איינוואוינער קענען זיך פערגינען מיט אַ גרינגען לונג־און־לעבער צו פערזאָרגען מיט קופּער און גאָלדמינען יעדען קבצן, וואָס קען קיין לעבען ניט מאַכען אין די פעראייניגטע שטאַאטען. דערויף קענען עדות זאָגען די מיליאָנערען גוגענהיימס און מאָרגאַנס.

די גאַסט־פריינדשאַפט פון די מעקסיקאַנער האָט קיין גרענעץ ניט. כאַפּען זיי אַמאָל בעת אַ רעוואָלוציע אריין אַן אַמעריקאַנער, וואָס קומט אויף יאַגד אויף מעקסיקאַנער סאָלדאַטען, האַלטען זיי איהם ניט נור איבער אַלע דריי שבת'דיגע סעודות, נאָר זעהען ניט אנדערש, אַז ער זאָל ביי זיי אויך האַלטען פּסח, כדי צו קענען מקיים זיין דעם פּסוק: „כל דכפין".

די טעמפּעראַטור אין מעקסיקאָ איז אַזוי הויך, אַז יעדען

מאָנטאַג און דאָנערשטאַג עקספּלאָדירען דאָרט אַלע ביקסען און קאַנאָנען. און אַזוי ווי די מעקסיקאַנער האָבען זעהר מורא פֿאַר דער עבֿרה פֿון „בל תשחית“, האַלטען זיי דעריבער גרייט אָנגעשטעלט פֿאַר די קאַנאָנען אַ פּאָר סאָלדאַטען אָדער רעוואָלוציאָנערען. אָבער די אַמעריקאַנער צייטונגס־רעפּאָרטערס פֿערשטעהען ניט די מעקסיקאַנער פּסיכאָלאָגיע און מאַכען באַלד אַ געוואַלד: אויפֿשטאַנד, רעוואָלוציע!

די מעקסיקאַנער זיינען זעהר בעוועגליכע מענשען. און אַזוי בעוועגענדיג זיך, האָבען זיי איבערוועגט צו די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿריהער קאַליפֿאָרניע און נאָכדעם ניו מעקסיקאָ. די איינציגע אויסנאַהמע צווישען די בעוועגליכע מעקסיקאַנער איז זייער פּרעזידענט דיאַז, וועלכער האָט זיך צוריק מיט 30 יאָהר אוועקגעזעצט פּראָווען די מלוכה און — ניט פֿון פּלעק. מאַכען טאַקע דעריבער חבֿרה מיט איהם שפּאַס און הויבען איהם אָפּט אויף פֿון זיין שטוהל מיט פּולווער און דינאַמיט. אַ פֿרעהליך פֿאָלק די מעקסיקאַנער!

מעקסיקאָ איז ענטדעקט געוואָרען פֿון אַ שפּאַנישען קצבֿ מיט'ן נאָמען קאָרטעז. ער האָט אַזוי לאַנג געשאָכטען די מעקסיקאַנער איינוואוינער (די אַצטעקען) און געקלעפּט אויף זיי פֿאַלשע הכשרים פֿון ניו יאָרקער רבנים, אַז ער איז גאָר אין גיכען געוואָרען שטיינרייך און גענעפֿענט אויך אַ לאָמבאַרד. ער האָט געכאַפּט אַצטעקען, צוגעקלעפּט צו זיי קוויטלעך מיט פּרייזען אויף געוויסע סומען און איין מאָל אין וואָך געמאַכט אויף זיי אַן אויספֿערקויף.

עטליכע פּרויען זיינען טאַקע אַזוי געבליבען ניט אויספֿערקויפֿט און איידער זיי אַרויסצוואַרפֿען, האָט קאָרטעז מיט זיינע שפּאַנישע בעגלייטער זיי פֿערנוצט פֿאַר זיך. אויף אַזאַ אופֿן זיינען עס אַרויסגעקומען די יעצטיגע מעקסיקאַנער.

ביבלישע געשיכטען

יציאת מצרים

א היסטאָרישע אָבהאַנדלונג, אויפ'ן אַמעריקאַנישען נוסח, ספּעציעל פּערפּאַסט לכבוד פּסח.

אפּיקורסים לייקענען אפילו אין דער גאַנצער געשיכטע, אָבער מיר האָבען א שטאַרקען חשד, אַז דאָס טהון זיי בלויז גאָט אויף להכעיס. אַנדערע היסטאָריקער גלויבען יאָ אין דעם. און אָט וואָס זיי דערצעהלען:

ווי קומען אידען קיין מצרים? ווי קומט א איד? — געווען שלעכטע צייטען אין כנען — ממש, רחמנא יצילנו, געשטאָרבען זיבען מאָל אין טאָג פאַר הונגער מיט האַק און פּאַק, מיט די ווייבער און די קינדער, מיט די בהמות און מיט די ציגען, האָט מען זיך דער־מאָנט, אַז מען האָט ערגעץ א רייכען קאָזין אין מצרים, האָט מען באַלד אריינגערופען יונה מלמד און יונה האָט זיך פּערקאַטשעט די אַרבעל און האָט אָנגעשריבען א בריוועל בזה הלשון: אחינו יוסף, אַזוי און אַזוי, ראַטעווע, ברודער'ל! שיק אויף הוצאות! אַז גאָט וועט העלפען, וועלען מיר אָבצאָהלען.

מיט דעם קאָזין, דאַרפט איהר וויסען זיין, איז געווען א גאַנצע מעשה: געהאַט עפּעס א „באָס" און דער באָס האָט געהאַט א ווייבעל און דאָס ווייבעל (פּוטיפרה האָט זי געהייסען), איז געווען פון יענע ווייבלעך, וואָס מען פרעגט אויף זיי... בקצור: יוסף האָט נעבעך געמוזט איבערלאָזען די קאַפּאָטע און מאַכען פּליטה. האָט זיך אָנגע־הויבען א געשיכטע: אַרעסטען, געריכטען, תפיסה. אָבער — א איד ווערט ניט פערפאַלען. ער איז געווען „אָלל־רייט אין מצרים" און האָט געשיקט אויף הוצאות.

געקומען קיין מצרים, האָבען זיך חברה א נעהם געטהאָן צו „ריעל עסטייט" אין גשן (א מין מצרים'שער בראַנזוויל), פּתום און רעמסס, געקנאַקט מיט דער בייטש, געקויפט דיאַמאַנטען די

ווייבער. און פּלוצלונג — טראַך! אויס ריעל עסטייט בום און מען מוז צוריקנעהמען אין די הענד די לאַפּעטע, ליגען ניין אײלען אין דער ערד און באַקען בייגעל.

איז, נאַטירליך, געוואָרען א יללה. עס איז אויסגעקומען שונאי ציון, כאַטש נעהם און וואַרף זיך אין וואַסער.

אָבער דאָ איז אונטערגעשפּרונגען משה.

משה׳ס פערגאַנגענהייט איז געווען א גאַנץ טונקעלע. געפונען האָט מען איהם אין א קעסטעל אויפ׳ן טייך, נאָכדעם איז ער עפּעס געווען א גאַנצער שמעלקע מיט פּרעה׳ס טאָכטער, נאָכדעם האָט ער ערמאָרדעט עפּעס א וואַזשנעם טשינאָווניק א מצרי און האָט געמוזט זיך אָבטראָגען. נאָכדעם האָט ער זיך משדך געווען מיט א גלח און האָט זיך אומגעשלעפּט מיט ווייב און קינדער אין מדבריות... גאָר ניט קיין גלאַטע געשיכטע! און א קבצן, ווייזט אויס, איז געווען דער איד, אזוי — אין זיבען פּאָלעס.

אָבער איין מאָל, שטעהענדיג אזוי ביי א ברענענדען דאָרן אין דער מדבר, האָט מען פּלוצלינג משה׳ן גערופען צום טעלעפאָן.

— העללאָו! משה?

— העללאָו! ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, גאָט!

— אָה! העללאָו! העללאָו!

— איך האָב פאַר דיר א געשעפטעל — זאָגט גאָט — אזוי ווי דו ביזט א געוואַלדיגער לא־יוצלח, בלייבט דיר איבער צו טהאָן נור איין זאַך: ווערען א פיהרער ביי די אידען... וואַרט, וואַרט... וואָס זאָגסטו? קענסט קיין צוויי ווערטער ניט צונויפבינדען ווי עס בעדאַרף צו זיין? אוי, ביזטו א „גרינהאָרן“! שוטה! ערשט דעמאָלט קענסטו דאָך זיין דער בעסטער רעדנער. פּאָלג מיך!

בקיצור: מען האָט צוגעשלאָגען. וואָס טהוט ניט א איד צוליעב פּרנסה?

ווייטער איז שוין געגאַנגען ווי א מזמור. מען האָט געכאַפּט הלואה׳לעך אויף ניינציג טעג, מען האָט איבערגעלאָזט די מצריים אזוי פּיעל מכות, וויפיעל עס האָט אין זיי נור געקענט אריין און — היידאַ צום ים־סוף! צושפּאַלטען די וואַסער, אריבערגעגאַנגען דעם

ים אזוי טרוקען, אז מען האָט פון יענער זייט אפילו קיין נייעם „פוץ“ אויף די געלע שיך ניט בעדאַרפט נעהמען און — רוף מיך קנאַקניסעל!

דאָס האָט פּאַסירט פּונקט ערב פּסח. נאָך אביסעלע וואָלט מען נאָך חלילה געווען אריינגעפּאַהרען אינ׳ם יום טוב. האָט מען טאַקע באַלד אויסגעבעט די הסבה־בעט, אָבגעוואַשען די קינדערלעך, אויס־געלעגט די מצות מיט׳ן כרפּס מיט׳ן מרור און מען האָט געגומען פּראַווען דעם סדר. שוין איין מאָל אַ סדר געווען!

עשרת הדברות

לויט דעם מאָדערנעם אַמעריקאַנישען נוסח, פערפאַסט אויף וויליאַמסבורג בריק און אויסגעקריצט מיט עגל־הזהב׳דיגע אותיות אויף אַ ריעזיגער שבועות׳דיגער בלינצע.

אנכי ה׳ אלהיך. — איך בין גאָט דיין גאָט, וואָס האָט דיך ארויסגעצויגען פון דעם סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, פון דער שקלאַ־פעריי פון אידעאַלען און דיך אריינגעשליידערט אין ריעל־עסטייט־בום און אין באַסעריי. מיין נאָמען איז דאָלאַר. בוק זיך ניט פאַר קיין זאַך וואָס איז העכער פון אַ וואָלקענצקראַצער און ניעדריגער פון אַ לאָט, וואָרים אַן אַל נוקם ונוטר בין איך, וואָס לאָזט פאַר דיינע זינד דיינע קינדער און קינדס־קינדער פאַר קבצנים ביז׳ן דריטען און פיערטען דור.

לא תעשה לך פסל. — מאַך זיך ניט קיין „פיקטשע“ אפילו ווען דו ווילסט זיך בעריהמען פאַר דיינע קרובים אין „אַלד קאַנטרי“ מיט דיין גאָלדענע „וואַטש ענד טשיין“. די „פיקטשע“ קען דיך בעגראָבען טיעף און טהייער אין דער „פאָרווערטס“־גאַלערי, ווען דיר וועט זיך אַמאָל פערגלוסטען צו מאַכען אַ רייזע איבער דער קענעדער גרענעץ אָהן אַ „זיי־געזונד“ צו דיין בעסערער העלפט.

לא תשא. — וואַרף זיך ניט ארום מיט מיין נאָמען גלאַט אין דער וועלט אריין. פּלוידער וועגען וואָס דו ווילסט — אידעאַלען,

בעוועגונג, פאָלקס־נוצען. מיך, דיין דאָלאַר־גאָט, טראָג בלויז טיעף אין הארצען.

זכור את יום השבת.— די גאַנצע וואָך זאָלסטו אַרבייטען מיט די זייטען און שבת — ביזטו אויך ניט קראַנק צו אַרבייטען. עס אַרבייטען אום שבת די שרייבער פון דיין „שומרי שבת"־זשורנאַל, מעגסטו אויך שוויצען. אמת, גאָט האָט גערוהט אום שבת, ווען ער האָט בעשאַפען די וועלט, אָבער, ערשטענס, איז ער געווען אַ באָס פאַר זיך; צווייטענס, האָט נאָך דאַן קאָלומבוס אַמעריקאַ ניט ענטדעקט.

כבד את אביך ואת אמך. — האָב דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע אַזוי לאַנג ווי זיי קענען דיר נאָך אָראָבלאָזען די פּלידערלעך און איינרוימען אַ סוד אין יענע מקומות, וואו די אידען האָבען גערוהט, ווען זיי האָבען אָבגעצויגען פון סכות. אַזוי שנעל אָבער ווי דו האָסט פון זיך אַראָבגעוואָרפען די גיע־פענטס, העך טאַטע־מאַמע ווי דעם פאַר־אַ־יאָהריגען שנעע און אויף דער עלטער וואַרף גאָר „דהי אַלד שינים אַרוים פון דיין הויז. נישקשה, עס וועט זיי גאָר ניט שאַדען, אַז זיי וועלען שטאַרבען אין מושב זקנים אָדער גאָר אין העסטער פאַרק.

לא תרצח. — מאָרדען טאָר מען ניט, סיידען אידען בעת פּאָגראָמען. אין בעסטען פאַל בוי אוים אַ פעקטאָרי אָהן פייער־עסקייפּס און פערברען 150 מיידלעך מיט איין מאָל, אָדער בוי אייזענבאַהנען מיט „עקסידענטס", אָדער פאַל אַראָב מיט דיין פליה־מאַשין און צוקוועטש ווי פוילע עפעל אַ פּאָר נייגיעריגע צושויער.

לא תנאף. — סיידען מיט כאַריסטקעס, ווען דו ביזט אַ מיליאָנער, אָדער מיט אַנשטענדיגע „סיילס גוירלס", ווען דו פּער־מאָגסט אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, אָדער מיט דיין „מיסעס", ווען איהר מאַן איז אַ לעמעשקע, און ווען דו ביזט זיכער, אַז זי וועט מיט דיר ניט וועלען אַנטלויפען.

לא תגנב. — גנב׳ע ניט קיין עפעל פון מולטערס. גנב׳ע אייזענבאַהנען, גאָלד־מינען, שטימען, וואָס דו ווילסט, אבי ניט קיין עפעל און נאָז־טיכלעך. גנב׳ענען, פשוט גנב׳ענען קענסטו זיך פער־

גינען בלויז דאָן, ווען דו ביזט רייך. דאַן וועט מען עס רופען „קלעפּטאָמאַניע“ און עס וועט זיין „אָלרייט“.

לא תענה. — פאַלשע עדות זאָגען — וועלל, וועלל... אַמאָל געהט עס אָב גאַנץ גלאַט און אַמאָל פּאַקט מען דערפאַר אריין אין „חדר“. נו, וואָס מיינט איהר, איז טאַקע צרות!

לא תחמד. — זאָל זיך דיר ניט גלוסטען דיין פריינד'ס ווייב, זיין הויז, זיין אָקס, זיין דיענסט, זיין משרת און זיין עזעל. וואָרים, אַז דער פריינד דיינער וועט דיר שוין דערפאַר צוברעכען רוקען־און־לענד, וואָס וועט דיר שוין ארויסקומען?

מגלת אסתר

אידען! עס איז א בלאָף!

אסתר איז ניט געווען קיין „גרינע“, אחשורש איז ניט געווען קיין טפּוש, המנ'ען האָט מען ניט אויפגעהאַנגען, ושתי איז ניט געווען קרעציג, די אידען האָבען קיין פּאָגראָם ניט געמאַכט אין פרס און מרדכי איז ניט געפאָהרען רייטענדיג.

נאָ, סער!

ווען אסתר וואָלט געווען א „גרינע“, וואָלט זי געמוזט קלאָגען אחשורש'ען פאַר „בריטש אָוו פּראָמיס“ און חתונה געהאַט מיט אחשורש'ען וואָלט ניט זי, נאָר ושתי, און ושתי וואָלט געקומען עדות זאָגען געגען איהר אין געריכט.

ניין, אסתר איז ניט געווען קיין „גרינע“, פּונקט ווי אחשורש איז ניט געווען קיין טפּוש.

אחשורש האָט געקענט מאַכען א פּאָגראָם פיעל געשייטער פון ניקאָלאיען, האָט געקענט לייקענען היינט וואָס ער האָט נעכטען בעהויפּטעט ניט ערגער פון רוזוועלט'ען, האָט געהאַט מעהר מיידלעך ווי א בעל הבית פון א דעפּאַרטמענט סטאָר און האָט געהאַנגען רעוואָלוציאָנערען ניט ערגער פון'ם מיקאַדאָ — ער, אחשורש — א טפּוש! געהט שוין, מען וועט לאַכען פון אייך!

און המנ׳ען, מיינט איהר, האָט מען טאַקע אויפגעהאַנגען? זאָל אונז שוין אַזוי דער קאָפּ ניט דאַרען!

די געשיכטע איז אַזוי געווען: אַ דעפּוטאַציע פון דער פּרס ומדי׳ער „פּעראיין ניוס פּייפּערס אַסאָסיאיישען פון שושן הבירה" איז געפאָהרען צו אחשורש׳ן בעטען, אַז המן, וועלכער איז געווען אַ בעאַמטער אויף עלים איילענד, זאָל אַביסעל ווייכער ווערען. און אחשורש האָט די דעפּוטאַציע אויפגענומען און האָט איהר געזאָגט, אַז המן איז פּונקט אַזוי אידען־פריינדליך ווי וויליאַמס. און די דעפּוטאַציע איז געפאָהרען אַהיים והעיר שושן צהלה ושמחה. און מען האָט געמאַכט אַ מיטינג אין עדיוקיישאָנאַל עלייענס און מען האָט איינגעלאַדען המנ׳ען און מרדכי, וועלכער איז געווען אַ שני בשלישי צו אונזער יעקב שיף, האָט געהייסען דעם עולם זיך אויפ־שטעלען און גראַגערען לכבוד איהם. און דער עולם האָט בע־גייסטערט געגראַגערט און גראַגערט נאָך עד היום הזה. יעס, סער!

און קיין אידישער פּאָגראָם אויף גוים איז אויך ניט געווען

ערשטענס האָבען די אידען די בעסטע פּעטש, וואָס זיי האָבען געזאָלט געבען די גוים, אויסגענוצט צווישען זיך אויף דער אסיפה ווענען דעם געפּלאַנטען פּאָגראָם. צווייטענס, זיינען די אידען נעביך געווען אָבגעשוואַכט נאָך דעם דריי־טעגיגען ברויט־ און פליישׁ־סטרייק, וועלכער איז גראַדע אויסגעפאַלען פאַר׳ן פּאָגראָם. דריטענס, האָבען זיי זיך ביי דער פּורים׳דיגער סעודה אָנגע׳שכור׳ט ווי לוט און ניט געוואוסט בין אָרור המן און ברוך מרדכי. פערטענס, זיינען זיי גאָר געווען „ביזי" טראָגענדיג שלח מנות און מאַכענדיג דערביי אַ פּאָר סענט. פיערטענס, זיינען זיי געווען שטאַרק פער־נומען ביים פּורים־שפּיעל אין די אידישע טהעאַטערע, און פינפטענס האָבען זיי גלאַט קיין חשק ניט געהאַט דערצו. גאַה, אין אמת׳ן הויב זיך אָן מיט עשיו׳ן! ווייס איך, זאָל ער שוין איבערגעהן אויף אַנדערע הענד!

און ושתי איז ניט געווען קרעציג! אָבער וואָס טראַכט מען ניט אויס אויף אַ ווייב, ווען זי דערעסט זיך און מען וויל פון איהר פּטור ווערען און ווען עס קומט צו דיר אַ גרינע אסתר און וואַרט מיט תחנונים זאָלסט צו איהר אויסשטרעקען דיין שרביט הזהב?

און מרדכי איז ניט געפאַהרען רייטענדיג. אָט וועט אייך טאַקע אַזאַ בכבוד׳ער בעל הבית ווי מרדכי זיך צולויפען און ארויפקריכען אויף אַ שקאַפע און לאָזען זיך פיהרען איבער דער שטאָדט. פע, חלשות!

זעהט איהר, וואָס עס איז יאָ אמת, איז, אַז המן האָט געכאַפּט די בעריהמטע פינסטערע מפּלה מיט׳ן טאָפּ איבער׳ן קאָפּ פון זיין בעסערער העלפט זרש. אָבער דאָס האָט שוין ניט צו טהון מיט די אידען. דאָס איז גלאַט און פּשוט, אַ ר י י נ ע פאַמיליען־אנגעלעגענהייט.

אדם און חוה.

עס איז געווען פריהלינג אין גן־עדן. די שכינה האָט געלויכ־טען, די מלאכים האָבען געזונגען. אָבער אדם׳ען איז געווען אומעטיג. לכבוד בריאת העולם זיינען קיין צייטונגען ניט ארויס, אַלע קאַפעס און שענקען זיינען געווען פערמאַכט און די מלאכים זיינען געווען אַזוי פערנומען זינגענדיג שירות ותשבחות צום בורא העולם, אַז זיי האָבען ניט געקענט אָברייסען קיין איין־איינציגע מינוט פאַר אַ קערטעל.

אדם׳ען איז געווען אַזוי אומעטיג, אַז ער איז ממש גרייט געווען זיך אויפצוהענגען אויף... חוה׳ס האַלז. ליידער איז חוה נאָך ניט געבאָרען געוואָרען. ערשט אויפ׳ן צווייטען פריהמאָרגען האָט זיך אדם געכאַפּט, אַז עס פעהלט איהם אַ ריפּ, האָט ער זיך אָבגעגאָלט, האָט ארייגעשטעקט אַ זיידען טיכעלע אין דער אויבער־שטער קעשענע פון זיין פּריש־אויסגעפּרעסטען פּרינץ־אַלבערט און איז אַוועק זיך ערקלערען חוה׳ן אין ליעבע.

און — די ערשטע זינד איז בעגאַנגען געוואָרען. צו קיין עפענטליכען סקאַנדאַל איז עס אבער ניט געקומען. אדם האָט באַלד גענומען צימערען, האָט געקראָגען אַלס פּרעזענטען אַ ביסעל מעבעל און האָט אַריינגענומען אַ קעסטניק — די שלאַנג.

דאָס איז געווען דער ערשטער „באָרדער" אויף דער וועלט,

אָבער ער האָט אויסגעצייכענט פערשטאַנען זיין געשעפט און האָט באַלד געגעבען חוה'ן פערזוכען פונ'ם עץ־הדעת.

אדם האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט. אבער א וועלט שלאָפט ניט. און גאָט'ס שטימע האָט זיך ארויסגעלאָזט איבער'ן גן־עדן און האָט געשריען: „אדם, וואו ביזטו ערגעץ אין דער וועלט?"

אדם האָט אויפגעוואַכט ווי פון א זיסען חלום און מיט כעס האָט ער באַלד געכאַפט נאָדעל־פאָדים און האָט בעדעקט חוה'ן מיט 17 הינטער־קליידלעך, 5 אויבערשטע, א קאָרסעט, האָט מוחל געווען דעם שלאַנג דעם גן־עדן און איז אנטלאָפען מיט חוה'ן וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט.

אדם איז אוועק און האָט געקויפט א פאַרם ניט ווייט פון גן־עדן, האָט געדונגען פוילישע גוים, זיי זאָלען די פאַרם בעאַרביי־טען, און ער האָט געקוקט ווי זיי ארבייטען, און האָט געשוויצט.

חוה איז אויך ניט געזעסען לעדיג. זי האָט זיך געקריגט מיט אדם'ען, האָט אויסגעריסען די קינדער שטיקער פלייש, פאַרוואָס זיי קריכען אויף די פלויטען, האָט יעדען טאָג צוגענומען א נייע דיענסט און איז ארומגעלאָפען אין די קראָמען נאָך מציאות.

און ווען קין האָט דער'הרג'עט הבל'ען, האָט זי זיך אויפ־גענעהט א שעהן טרויער־קלייד פון שווארצען קרעפ און האָט שטונדען־לאַנג שפּאַצירט ארום גן־עדן, כדי די שלאַנג זאָל זעהן ווי עס פּאַסט איהר „טרויער".

ניין־הונדערט יאהר האָבען אזוי אָבגעלעבט אדם מיט חוה'ן דאָס טרויעריגסטע אין זייער לעבען איז געווען זייער לויה. אזוי ווי אַלע מענשען אויף דער וועלט זיינען געווען זייערע קינדער און אייניקלעך, זיינען זיי געווען שטאַרק פערנומען ביים טהיילען זיך מיט דער ירושה און קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו געהן צו דער לויה.

א שטילע לויה געווען.

וויסענשאַפטליכע לעקטשורס

פינטשע

וואָס איז וויסענשאַפט?

ווען איהר געהט אַמאָל אין גאַס און איהר הערט, ווי צוויי רעדען און איינער זאָגט: איך האָב געגעגנעצט אויף אַ רעדנער'ס לעקטשור; און דער צווייטער: ווען דער רעדנער האָט געלעקטשורט, האָב איך געגעגנעצט — דאָס איז גראַמאַטיק.

אַז אַ אידישער רעדאַקטאָר שרייבט איך אָן אַ לייט־אַרטיקעל — דאָס לערנט ער זיך מאַכען קאָמפּאָזישאַנס („סאַטשינעניעס", בלע"ז).

אַז מען דערצעהלט איך אַמאָל, אַז דאָרט, וואו מען רייסט ביים עולם סענטען איז איסט בראָדוויי און דאָרט, וואו מען רייסט די פּאָלעס איז העסטער סטריט — דאָס איז געאָגראַפיע.

אַז מען דערצעהלט איך אין טעגליכע צייטונגען מעשיות ווי וועלף האָדעווען קינדער — דאָס איז אַ היסטאָריע ממש.

אַז מען נעהמט אַראָב אַ האַנד און מען לעגט צו אַ קוליע — דאָס איז אַריפמעטיק.

אַז אויפ'ן פּאַפּיער רעכענט מען איך אָן, אין געלד, און אַז עס קומט צו געבען איז... לא מיט אַ לאַנגע כף — דאָס איז אַלגעבראַ.

אַז איהר געהט זוכען אַ נייע וואָהנונג און אייער בעל הבית גיט איך אַ מעסט אָב פון קאָפּ ביז די פיס — דאָס איז געאָמעטריע.

אַז צייטונגען און צייטונגלעך שפּראָצען איך אַרוים אַלע טאָג, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגען — דאָס איז באָטאַניק.

אַז ביי אַ באַנקעט קומען זיך אַמאָל צונויף אַ וואָלף מיט אַ שעפּס, אַ קאַץ מיט אַ מויז און נאָך אַזעלכע בעשעפענישען — דאָס איז זאָאָלאָגיע.

אַז איהר ליעגט ביי אייער אידענע אַכטצעהן איילען אין דר'ערד — דאָס איז אַרכעאָלאָגיע.

אז איינער פאָהרט דעם צווייטען אריין אין צורה אריין — דאָס האָט ער איהם געגעבען א לעקציע אין **פיזיקע**.

אז מען שרייבט אייך אַמאָל אָן א ציימונגס־ארטיקעל, פון וועלכען עס שמעקט אייך מיט כל הריחות — **דאָס איז כעמיע**.

אז מען לעגט וועט אוועק אויפ׳ן רעדאקציאָנס־טיש א פּאָעט און א קריטיקער א שוסטער שינדט איהם אָב די הויט — **דאָס איז אנאטאָמיע**.

פּינטשע

וואָס איז קונסט?

1.

דראַמאַ און איהרע יוצר משרתים.

אַז די מיסעס געהט אַריין צום קעסטניק אין צימער בעטען אַ שוועבעלע (צום ביישפּיעל) און אין מיטען קומט אָן דער מאַן — דאָס איז אַ דראַמאַ.

אַז אייער אידענע פּלאָנטערט זיך איין אין אייער באָרד אַזוי, אַז מען מוז ענטוועדער איהר אויסברעכען די פינגער אָדער אייך אָבשערען די באָרד — דאָס איז קאָמעדיע.

אַז אייער אידענע גנב'עט ביי אייך צו נאָך סאַפּער דעם סוט מיט דעם הוט, זעצט זיך אַוועק און רעכענט אייך אויס איהרע חובות — דאָס איז טראַגי־קאָמעדיע.

אַז איהר דאַרפט מאָרגען צאָהלען רענט און היינט זאָגט אייך אייער מיסעס, אַז זי וויל מיט אייך געהן צו אַ קאָנצערט — דאָס איז טראַגעדיע.

אַז דער באָרדער בענאַרישט זיך אַמאָל, אַזוי אַז ער האָט צו זינגען און צו זאָגען — דאָס איז אָפּערא.

2.

בעלעטריסטיק מיט איהרע פליטערלעך.

אַז דער באָס זאָגט אייך נאָר אָהן אונטערפּיסלעך: זייט מוחל, איהר זיינט ענטלאַסען — דאָס איז פּראָזאַ.

אַז איהר כאַפּט זיך ווען צום פּאַקעט און איהר זעהט זיך אַרום אַז דאָרט איז גראַם — דאָס איז פּאָעזיע.

אַז אייער אידענע נעהמט אייך אמאָל אָן ביי די לאַצען און הויבט אייך אָן אויסצורעכענען וואָס אין דער קאָרט שטעהט — דאָס איז באַלאַדע.

אַז איהר בלייבט סלעק־צייט אָהן אַ פעני ביי דער נשמה און איהר דענקט אַז איהר וועט שוין ווערען קליגער און צום נעקסטען סלעק וועט שוין זיין עפּעס אָבגעשפּאָרט — דאָס איז מעהר ניט ווי פּאַנטאַזיע.

אַז אייער מיסטער גיט אייך אַ פּאָהר אריין אין צורה און אייער הוט מאַכט גלייך אַ לופט־רייזע דורכ'ן פענסטער — דאָס איז רייזע־בעשרייבונג.

אַז צוויי מאַרק־ווייבער מאַכען זיך איינע דער צווייטער ליסע קעפּ און בשעת מעשה וואַרפען זיי ארויס פון די קברים די טאַטעס מיט די זיידעס ביז אברהם אבינו — דאָס איז קריטיק.

אשר פּאַמפּע

אַנאַרכיזמוס־קאָמוניזמוס

קען דער אַנאַרכיזם־קאָמוניזם פילאָזאָפיש־וויסענשאַפטליך בעַ־גרינדעט ווערען? — אַ שאלה אביסעל! כ'האָב שוין, דאַכט זיך, אודאי 777 מאָל אָנגעצייגט, אַז עס איז אַזוי לייכט, ווי אויפצועסען אַ לאַטקע.

וואָס עס פאָדערט זיך פון'ם פאָרשער, וואָס וויל וויסענשאַפט־ליך בעגרינדען דעם אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, איז גאַנץ קלאָר. ער מוז איינערזייטס אויספאָרשען די דינאַמישע כחות וואָס רופען ארויס די סוביעקטיווע שטרעבונגען פון דעם אינדיווידואום אין דער געזעל־שאַפט, צווייטער זייטס — די סטאַטישע כחות, וואָס ווארפען די אָביעקטיווע שטרעמונגען פון דער געזעלשאַפט אויפ'ן אינדיווידואום.

וואָס זיינען אָבער די עלעמענטען, וואָס קאָמבינירען די ספּע־ציפישע קאָמבינאַציעס אום ארויסצורופען דעם סאָציאַל־געזעל־שאַפטליכען לעבען? אויף דיעזע פראגע דארף מען געבען אַ קלאָרע תשובה. און אום די תשובה זאָל זיין וואָס קלערער, וואָלטען מיר זיך, על פּי יושר, בעדאַרפט אוועקלאָזען העט אַזש צום פּ ר אָ ט אָ־פּ ל אַ ז ם, דאָס וואָלט שוין אָבער זיין צו וויט פערקראָכען, און מיר ווע͏לען זיך בלויז אָבשטעלען ביי דער אַ מ י ה ב אַ, וואָס ווערט בעאיינפלוסט פון גראַוויטאַציאָנס־געזעץ מיט די שפּורען פון די סטאַטישע און דינאַמישע קרעפטען פון דער גאַנצער אָרגאַנישער און אונאָרגאַנישער פאָרם פון ע װ אָ ל ו צ י אָ ן און ר ע װ אָ ל ו צ י אָ ן וואָס פיהרט דירעקט צום אַנאַרכיזם־קאָמוניזם.

וואָס־זשע איז אייגענטליך אין גאַנצען דער אינדיווידואום?— אַ לעבעדיגע בעשעפעניש מיט פיזישע, פּסיכישע, מאָראַלישע, פּהי־לאָזאָפישע, עמאָציאָנעל־אינטעלעקטועלע און אינטעלעקטועל־עמאָציאָנעלע כחות, וואָס העלפען מיט זייערע פונקציעס דאָס צו־זאַמענלעבען אויפ'ן ביאָלאָגישען און סאָציאָלאָגישען געביעט.

און דיעזע פונקציעס וועלען מיר סאָרטירען און קלאַסיפיצירען אַט אזוי:

1) די פסיכיש־סאָציאַל־עמאָציאָנעלע.
2) סאָציאַלע פסיכאָ־אינטעלעקטועלע.
3) די אינטעלעקטועל־געפיהלס־סאָציאַלע און
4) געפיהלס־עמאָציאָנעל־אינדיווידועלע.

און דאָס ווילען מיר איהר זאָלט גוט איינ'חזר'ן און געדענקען.

נ. ב. — געוועהנליך האָט מען צו אונז טענות, אז מען פערשטעהט אונז ניט. מיר האָבען זיך דארום אָנגעשטרענגט צו מאַכען דיעזען ארטיקעל פערשטענדליך. טאָמער אָבער וועלען זיין אזעלכע, וואָס וועלען אונז נאָך אַלץ ניט פערשטעהען, וועלען זיי זיין ענטוועדער פסיכאָפאטען אָדער אנדרוגנוס'ען, מענשען קאַטאָרי וואָס האָבען ניט קיין אינטעליגענטנע, נאַאוטשנע אינטעלעקטען אום צו בעגרייפען דעם סאַמע עסענץ פון די עלעמענטארסטע מעטאָדען פון דער אינדוקטיווער פאָרשונג.

י. פינקעלשטיין

די נאָז

מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק, גלייך נאָך דעם ווי עס איז ערשיענען דאַרווין'ס בעריהמטער בוך איבער די אָבשטאַמונג פון די מינים — איז אַ גרויסער אידישער וויסענשאַפטסמאַן ארויס מיט אַן ארטיקעל אין אַ אידישער צייטונג, וואו ער האָט דייטליך בעוויזען אַז... אַלע מענשען האָבען נעזער. ער האָט דאַן שוין אויך אָנגעצייגט דעם פאַקט, אַז ניט אַלע נעזער זיינען גלייך, אַז עס זיינען דאָ קורצע נעזער, לאַנגע נעזער, קרומע נעזער, שפּיציגע נעזער און פעררימסענע נעזער.

אַ ביסעל שפּעטער האָט אַ בעוואוסטער אידישער עגיפּטאָלאָג ענטדעקט אַ שטיין אין בראַנזוויל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט מיט היעראָגליפען די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע געשיכטע:

ווען די מענשען זיינען נאָך אויף אַלע פיער געקראָכען און האָבען אין די ווילדער אונטער געדיכטע צווייגען געלעבט, איז די נאָז ביי זיי געשטאַנען מיט די לעבלעך ארויף... זיי האָבען אָבער פּראָגרעסירט: זיי זיינען פון וואלד ארויס, האָבען זיך אויסגעגלייכט, פעררימסען די נעזער און, ניט האָבענדיג נאָך קיינע רעגענשירמס, האָט עס זיי בסדר ארייננגערעגענט אין די נעזער... ענדליך האָט די נאַטור זיי איבערגעדרעהט די נעזער און די מענשהייט איז געגעזען געוואָרען.

דאָס זיינען אַלץ היסטאָרישע פאַקטען,

אָבער וואָס איז די נאָז? וועלכע פונקציאָנען האָט זי? צו וואָס דאַרף מען זי?

אויף דעם זיינען פאַראַן חילוקי דעות.

איינער וויל האָבען, אַז די נאָז איז ענטשטאַנען כדי מען זאָל קריגען דעם „קאַטער" און פאַנפען...

אַ צוויי׳טער טענה׳ט, אַז די נאָז איז בעשאַפען געוואָרען בלויז צו שמעקען טאַבאַק...

אַ דריטער מאַכט געוואַלדען, אַז די נאָז איז אונז געגעבען, כדי מען זאָל זי איבעראַל אַריינשטעקען.

אַ פיערטער טענה׳ט ווידער, אַז די נאָז איז אונז געגעבען געוואָרען, כדי צו האָבען אין איהר פליעגען... און נאָך און נאָך.

מיר אָבער זיינען מיט זיי אַלע ניט איינשטימיג. מיר האַלטען, אַז די נאָז איז גאָר בעשאַפען געוואָרען כדי עס זאָל זיין פאַר וואָס צו פיהרען!...

אַז אונזער טהעאָריע איז די ריכטיגסטע בעווייזט אַם בעסטען טאַקע די אידישע נאָז אַליין. וועלכעס פאָלק קען מען אַזוי פיהרען פאַר דער נאָז ווי דאָס אידישע?... און וועמעס נאָז איז אַזוי ענט־וויקעלט און אַזוי גרויס ווי די אידישע? דאָס ציינט דייטליך ווי פיהרען און נאָז געהען האַנד אין האַנד... דער איד האָט אַ גרויסע נאָז, פיהרט מען איהם כסדר פאַר איהר!...

טו וואָס־זשע קענען מיר פון דעם לערנען?

אַבי נעזער — קיין פיהרער וועלען שוין זיכער ניט אויספעהלען!...

יצחק בן־מאיר

דער קוש

א קוש איז אַלט ווי די קולטור־געשיכטע. אדם הראשון האָט זיך נאָך געקושט מיט חוה׳קען אין גן־עדן (וואָרום ווי לעגט זיך דאָס אויפ׳ן שכל זיצען אין אזא פּארק און זיך ניט קושען?). יעקב איז געווען דער ערשטער וואָס האָט א קוש געטהאָן א מיידעל און ס׳איז פערצייכענט געוואָרען אין דער ביבעל.

שלמה המלך איז שוין געווען ערפאהרען אין דער מלאכה. אלס גרויסער פּאָעט האָט ער דעם קוש פעראייביגט מיט זיין בעריהמטען „ישקני״...

גרויסע געלעהרטע בעווייזען, אז זינט עס איז ענטשטאַנען דער פּוידער און שמינק האָבען זיך מענשען אויסגעלערנט קושען אין די פּיסקלעך...

קארל מארקס האָט דעם קוש וויסענשאַפטליך בעגרינדעט און אַנגעוויזען זיין עקאָנאָמיש־סאָציאַלע לאגע. א קוש, ווי אַלע פּראָדוקטען פון מארק, ווערט געשאצט אין געלד.

וואָס מעהר געלד א מאָן פערדיענט — אַלץ מעהר איז ער בערעכטיגט צו קריגען דיעזען טהייער־פערקויפטען ארטיקעל. נור ניט־מארקסיסטישע פרויען קושען זיך גלאַט אין דער וועלט אריין.

די גרעסטע ליעבהאבער פון קושען זיינען די פּאָעטען — ווייל זיי זיינען אויך די גרעסטע קבצנים...

קושען קושט מען זיך איבעראַל, אין אַלע פּלעצער און צו אַלע צייטען:

אויפ׳ן סטופּ, אין פראָנט־רום, ביים פענסטער, אין קיך, ביים אויוען, אין פּארק, אויפ׳ן רוף, אין טהעאטער צווישען די אקטען, אין קאר, אין קאָורט און אויך אויף עליס איילענד.

צייט — ווען מען כאַפּט אריין.

ווי צו כאַפּען אַ קאַר

אויב איהר דאַרפט ערגעץ פאַהרען און קומען שנעל צום בעשטימטען פּלאַץ, געהט צו אַ קאַרנער וואו עס געהט אַ קאַר, און וואַרט.

אין אַ 40 מינוט אַרום, אויב עס וועט אַנקומען אַ קאַר, טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד, וועט דער מאָטאָרמאַן סטאַפּען. עס פּאַסירט אַמאָל נאַטירליך, אַז דער מאָטאָרמאַן בעמערקט אייך ניט און לויפט פאַרביי. דאַן זאָלט איהר זיך ניט פוילען און נאָכלויפען. ס'איז אַ גוטער עקסערסייז.

ווען איהר לויפט אָב אַ פּאָר בלאָק, און איהר פיהלט, אַז דער אָטהעם ווערט אייך צו קורץ, און די קאַר איז שוין צו ווייט — דאַן געהט צו צום קאַרנער און וואַרט אויף אַ צווייטע קאַר. אַ כלל זאָלט איהר האָבען: נור ניט געגאַנגען צוריק!

ווען די צווייטע קאַר קומט אָן, דוקא אַ לעדיגע, טהוט ווידער אַ מאַך מיט'ן האַנד, און שטעלט זיך אַזוי נאָהענט צו די טרעקס ווי נור מעגליך. דאָס מאָל איז קיין פראַגע ניט, אַז דער קאָנדוקטאָר וועט אייך בעמערקען. אי וואָס ער פליהט דורך ווי אַ טייפעל און לאָזט אייך פון הינטען נאָכלויפען, איז דאָס אַ בעווייז, אַז איהר זייט ניט געשטאַנען אויפ'ן ריכטיגען קאַרנער. נור, ווי געזאָגט, צוריק זאָלט איהר ניט געהן. אַ כלל — איז אַ כלל!

איצט פערגעסט וואָס עס איז געווען, און וואַרט ווייטער. אָבוואַרטנדיג אַזוי אַ 52 מינוט, וועט איהר פון דערווייטענס זעהען אָנקומען אַ קאַר. ווען זי וועט קומען נאָהענט צו אייך, וועט איהר בעמערקען, ווי מענשען הענגען אויף פּעטליעס, שטעהען אויף די פּלאַטפאָרמעס, אויף די טרעפּ, האַלטען זיך אָן אָן דעכעל א. ז. וו. אַן אויסגערוהטער, אַ פרישער זאָלט איהר זיך גלייך אַ לאָז טהון אויף דער קאַר. דאָס מאָל זאָלט איהר שוין ניט וואַרטען ביז זי וועט סטאַפּען. כאַפּט זיך אַרויף דערווייל מיט איין פוס און מיט אַ

האַנד גיט זיך אַ כאַפּ אָן אָן הענטעל פון קאַר. אויב דאָס הענטעל איז פערנומען, דאַן כאַפּט אָן די האַנד וואָס האַלט דאָס הענטעל. מענשען זיינען אומעטום מענשען, אפילו אין קאַר. מען וועט אייך ניט לאָזען פאַלען. נעוועהר מיינד, עס וועלען זיך געפינען אַ פּאָר פריינדליכע הענד, וואָס וועלען אייך אונטערכאַפּען.

איצט, אַז איהר שטעהט שוין מיט איין פוס אויפ'ן קאַר, אונ־טערגעהאַלטען פון פריינדליכע הענד, איז שוין אייער לאַגע, נאָך אַלעמען, גאָר ניט אַזוי שלעכט. איצט וואַרט אָב אויף אַ פּאַסענדע געלעגענהייט אַרויפצוכאַפּען דעם צווייטען פוס. און אַזעלכע געלעגענהייטען מאַכען זיך גענוג.

אָבפאָהרענדיג זיך אַזוי אויף איין פוס עטליכע בלאָק, קען פּאַסירען אָט וואָס: אַ איד, אויך אַ פרישער, אַן אויסגערוהטער פון וואַרטען אויף אַ קאַר, גיט אַ שפּרונג אַרויף גלייך אויף אייער פוס (דאָס הייסט, נאַטירליך, אויף דעם פוס, וואָס פאָהרט), און מיט אַ האַנד גיט ער אייך אַ פּאַק ביי אַ לאַץ. אַמאָל ווערט אייער לאַגע דאַדורך פערבעסערט: ערשטענס זייט איהר איצט מיט דעם פוס, וואָס פאָהרט שוין, זיכערער ווי פריהער (ווייל דער נייער פּאַסאַזשיר האַלט איהם צו), און צווייטענס, האָט איהר איצט אַ גוטע געלעגענ־הייט אַרויפצוכאַפּען דעם צווייטען פוס. עס קען אָבער אויך פּאַסי־רען, אַז איהר האָט גראַד אויף דעם פוס, וואָס פאָהרט, אַ היהנער־אויג, דאַן איז אייער לאַגע שוין ניט גאַנץ אַנגענעהם, און עס קען פיהרען צו אַ פערצווייפעלטען קאַמפּף מיט זעהר טראַגישע רעזולטאַטען.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַזוי פאָהרען ווייטער קענט איהר ניט. איינער פון אייך מוז אַרונטער. יעדענפאַלס איז אייך בעסער פון איהם: איהר ווערט דאָ אָנגעהאַלטען פון פריינד־ליכע הענד, וועהרענד ער האַלט זיך בלויז אָן אייער לאַץ. דער חסרון איז נור וואָס איהר האָט אַ היהנער־אויג. איהר מוזט אַלזאָ איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסראַטעווען אייער פוס. צו דעם איז דאָ נור איין מיטעל: וואַרט אָב ביז די קאַר קירעוועט זיך אַריין אין אַ זייטיגער גאַס און טרייסעלט אויף און מישט אויס די פּאַסאַזשי־רען, דעמאָלט, נאַטירליך, איז דער מאַן וואָס פּרעסט אייער היהנער־

אויג, דער ערשטער קרבן. ביים ערשטען טרייסעל גליטשט זיך זיין פוס ארונטער פון אייער היהנער־אויג און טאַקע פון דער קאַר אויך. דאָ אָבער קען ערשט טרעפען דאָס ערגסטע: אזוי ווי איהר זייט די גאַנצע צייט געוועזן ביי איהם אין האנד — שלעפּט ער אייך מיט און איהר בלייבט ביידע ליעגען אויף די רעלסען. אָבער אויך איצט איז אייער לאַגע בעסער ווי זיינע, ווייל לויט אַלע וואהרשיינליכ־קייטען דאַרפט איהר ליעגען אויף איהם. פון דעסטוועגען לאַנג ליעגען אויף די טרעקס איז ניט ראַטהזאַם, די קאַר וועט אויף אייך ניט וואַרטען, איהר מוזט איהר קעטשען, רייסט זיך אַרוים פון זיינע הענד און לאָזט זיך גלייך לויפען נאָך איהר.

ווי געזאָגט אויבען, איז נאָכלויפען אַ קאַר אַ גוטער עקסערסייז. קענט איהר קעטשען די קאַר איז אודאי גוט, אויב ניט, געהט שוין צו די פאָר בלאָקס און איהר זייט אין דער היים.

ווי אויסצוגליטשען זיך

ווען איהר געהט אין גאַס און איהר ווילט נ י ט א נ ד ע ר ש ווי אויסגליטשען זיך, טראַכט ניט פיעל, בעראַטה זיך מיט קיינעם ניט, נור געהט גלייך ביז איהר קומט אין אזא פּלאַץ, וואו די בלאָטע איז טיעף און שיטער...

דאַן מאַכט ניט קיין גרויסע שהיות — גיט זיך באַלד אַ שטרעק אוים אין דער בלאָטע ווי אַ לאָקס!...

אויב איהר קענט אויספיהרען פּאַלען מיט'ן פּנים אראָב, איז אודאי גוט, ס'קוקט אוים שעהנער... אויב ניט — מאַכט אויך ניט אוים... איהר מעגט פאַלען מיט'ז פּלייצע אראָב... בעסער ווי גאָר־ניט!

עס פערשטעהט זיך, אז אין דעם טאָג, ווען איהר דענקט זיך אויסצוגליטשען, מוזט איהר זיך אָנטהון שעהן, אויב אַ נייעם אַנצוג איז נאָך בעסער. אויב איהר האָט ניט קיין נייעם אַנצוג, איז כאָטש אַ נייעם אויבערראָק...

בשעת איהר ליעגט שוין און איהר וואַקט זיך אין דער בלאָטע און איהר כאַפּט זיך אַז איהר זייט נאָך ניט אין גאַנצען אויס־געשמירט מיט'ן ערשטען פאַל — זאָרגט זיך ניט: אויפהויבענדיג זיך ווערט איהר זיך אויפ'ם ניי אויסגליטשען און דעמאָלט ווערט איהר שוין דערקאָנטשען דאָס איבריגע...

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז זייטיגע פּאַרבייגעהער וועלען זיך אָבשטעלען און זיך קאַטשען פון געלעכטער, מאַכט זיך פון זיי קיין צימעס ניט און לאַכט אויך מיט זיי... זייט אַ ספּאָרט!...

דאַן דאַרפט איהר זיך אָנשפּאַרען אויף ביידע הענד און זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אויפהויבען...

ווען איהר שטעהט שוין צוריק אויף אייערע פיס, גיט באַלד אַ קוק וואו איהר זייט געלעגען, ווערט איהר דאָרט גאָר ניט דערזעהן, אויסער אַ זאַך, וואָס ווערט זיין מעהר אָדער ווייניגער עהנליך צו

אייער קאַפּעלוש ליגענדיג דוקא מיט'ן „מויל" אַרויף — לאָזט איהם ניט ליגען, הויבט איהם אויף מיט צוויי פינגער און בעקוקט איהם מיט'ן רעכטען אויג. מיט'ן לינקען — קוקט גאָר ניט. ס'איז אומזיסט! סיי־ווי־סיי איז דאָס אויג פעסט פערקלעבט מיט בלאָטע...

חוזק׳ם אייניקעל

ווי צו כאַפּען אַ היטעל

ווען איהר געהט אין גאַס און דער ווינד כאַפּט אַרונטער פון אייער קאָפּ דאָס היטעל און נעהמט עס אויסקייקלען אין בלאָטע, ווערט ניט אין כעס, בורטשעט ניט, לויפט עם גלייך כאַפּען.

נאָכלויפענדיג, זאָלט איהר זעהן ניט אַריבערצולויפען דאָס היטעל, ווייל אָפט פּאַסירט, אַז דאָס היטעל בלייבט הינטער־שטעליג, בשעת איהר פליהט ווי אַ משוגענער פאָראויס.

און ווען דאָס היטעל קייקעלט זיך אין מיטען גאַס צווישען די קאַר־טרעקס, לויפט גלייך מיט די טרעקס; ווען איהר זעהט, אַז אַ קאַר קומט אָן — שרעקט זיך ניט; די רעדער פון קאַר וועלען סיי־ווי אַריבערפאָהרען אייער היטעל... אויב די קאַר טהוט דאָס ניט, נעהמט זיך ניט צום האַרצען און לויפט ווייטער נאָך, ביז אַ מילך־וואָגען וועט אָנקומען און וועט טהון דאָס, וואָס די קאַר האָט נ י ט געטהאָן...

און ווען אייער היטעל דרעהט זיך ארויס פון די רעדער פון מילך־וואָגען, זאָלט איהר אַלץ דעם קוראַזש ניט פערליערען און ווייטער נאָכיאָגען דאָס היטעל, ביז עס וועט אָנקומען מיט רעש און געפּילדער אַ פייער־אינדזשין, אַ שווערער, לאַנגער וואָגען און איהר וועט צוקוקען מיט אייערע אייגענע אויגען, ווי די גרויסע, שווערע רעדער פון אינדזשין קנעטען איין אייער היטעל אין בלאָטע... דאַן לויפט באַלד צו, הויבט עס שנעל אויף, ווישט עס אַרום מיט די אַרבעל פון אייער נייעם אויבערראָק, טהוט עס אָן צוריק, קוקט זיך ניט אום, כדי ניט צו זעהען, ווי מענשען לאַכען פון אייך, און מיט אַ פרעהליכען שמייכעל אויף די ליפּען געהט זיך אייער וועג ביז — איהר וועט דערזעהן אַ העט סטאָר. דאָ געהט אַריין און קויפט זיך אַ נייעם הוט...

משה נאַדיר

טשוועקעס און זייער שייכות צום יודענטהום

איידער אונזער געדאַנקענצוג הויבט זיך אָן צו בעוועגען מיט זיין געוועהנליכער שנעלקייט פון 33 מייל א שטונדע, און איידער עס נעהמען, בדרך משל, ארויסשיסען פון אונזער גייסטיגען קוימען די קנוילען רויך און פונקען, ווילען מיר אייך אויפמערקזאַם מאַכען אויף א זאַך, וואָס איז בעקאַנט אין דער מאַטעמאַטיק אלס „אַקסיאָם".

וואָס איז אַן אַקסיאָם?

מיר דענקען, אַז מיר קענען עס אַם בעסטען אילוסטרירען דורך א משל.

ווען איהר וואוינט, צום ביישפּיעל, אין סאָפּאָלק סטריט, און ארבייטען ארבייט איהר דער רוח ווייסט וואו — וועט איהר, אום צו קומען אין שאַפּ, מוזען ענטוועדער געהן צופוס אָדער פאָהרען — דאָס איז אַן אַקסיאָם.

און איצט, אַז מיר ווייסען שוין וואָס אַן אַקסיאָם איז, ווילען מיר אייך זאָגען, אַז דער שייכות פון טשוועקעס צום יודענטהום, איז אַן אַקסיאָם פון רייננסטען סאָרט.

וואָס זיינען טשוועקעס און וואָס זיינען אידען?

טשוועקעס זיינען ניט קיין גאָלד, ניט קיין זילבער, ניט קיין גלאָז, ניט קיין האָלץ — נור טשעוועקעס. די זעלבע זאַך מיט אידען.

אידען זיינען ניט קיין פאָלק, ניט קיין נאַציע, ניט קיין מאַסע, ניט קיין ראַסע, ניט קיין קלאַסע, ניט קיין טערקען, ניט קיין טאַטערען — נור אידען.

צו וואָס דאַרף מען טשוועקעס, צו וואָס דאַרף מען אידען?

טשוועקעס דאַרף מען צום צוזאַמענהאַלטען האָלץ מיט האָלץ, קלאָץ מיט קלאָץ און ברעטער מיט פּאָליצע.

די זעלבע זאַך מיט אידען.

פון וואַנען נעהמען זיך טשוועקעס, פון וואַנען נעהמען זיך אידען?

טשוועקעס קומען ניט פון זיך אליין, טשוועקעס וואַקסען ניט, טשוועקעס בליהען ניט, טשוועקעס קעלבען זיך ניט, און פון דעסט־וועגען מעגען מיר זיך ווינשען צו האָבען די גוטע יאהרען מיט אייך אינאיינעם, וויפיעל טשוועקעס עס זיינען דאָ איבריגע...

די זעלבע זאַך מיט אידען.

— וואָס טהוסטו מיט'ן טשוואָק?

— איך גיב איהם אַרויסוואַרפען. ער איז אַן איבריגער, מען קען זיך נאָך פערטשעפּען אָן איהם.

— וואָס טהוסטו מיט דיין אידען?

— איך גיב איהם אַרויסשיקען. עפּעס איז ער מיר צו שפּיציג.

אַ טשוואָק, מיינע הערען, דאַרף האָבען אַ קאָפּ, אַז ניט איז ער קיין טשוואָק ניט.

אַ איד מוז האָבען אַ קאָפּ, אַז ניט האָט ער ניט מיט וואָס צו ליעגען אין דר'ערד און גראָבען פּעטרישקע.

יעדער טשוואָק קריעגט אַזאַ קלאַפּ ווי ער פערדיענט.

יעדער איד קריגט אַזאַ קלאַפּ ווי אַן אנדערער פערדיענט, און ס'רוב נאָך אַ פּ י ע ל ב ע ס ע ר ע ן...

וואָס געהער זיך אָן איין טשוואָק מיט'ן צווייטען? גאָר ניט מיט גאָר ניט. דיך קלאַפּט מען — זאָל מען קלאַפּען. צו וואָס דען ביזטו אַ טשוואָק?

די זעלבע זאַך, מיינע הערען, איז מיט אידען.

וועלכע טשוועקעס ווערען אַם מייסטען געזוכט?

די מיט פלאַכע קעפּלעך, אָדער מיט געגילדעטע. מיט די לעצטע בעשלאָגט מען דאָס זיץ־פּלאַץ פון אַ ביינקעל, וועהרענד מיט די ערשטע בענוצט מען זיך דאָרטען וואו מען האָט מורא אַז אַ טשוואָק מיט אַ קאָפּ וועט ברענגען אַ „שפּאַלטונג"...

און די זעלבע זאַך מיט אידען.

טשוועקעס טהיילען זיך אין זעקס סאָרטען: גרויסע, מיטעל־מעסיגע, קליינע, קליינינקע, פּיטשינקע און פּיטשינאַטקעלעך...

אידען — אויך דאָס זעלבע.

וואָס רופט מען אין דער מאָדערנער וויסענשאַפט „דער גרויסער טשוואַק“ ?

דעם נאָרד־פּאָל. און וואָרום ? ווייל אין האַרץ פון דעם זעלבען הערשט אייביגע קעלטע׳ן מאָנאָטאָניע.

ווער איז היינט ביי אונז דער „גרויסער איד“ ?

דער וואָס האָט דעם נאָרדפּאָל אין האַרצען און אין וועמעס נשמה עס איז בלויז פאַראַן איין איינציגער טאָן — „איך“.

אַמאָל האָט מען געזאָגט: אַלעס איז טשוועקמעסיג אין דער נאַטור, און היינט קען מען זאָגען: אַלעס איז יודענ־מעסיג אין דעם זאָגענאַנטען „טאַראַראַריזמוס“, וואָס איז ביי אונז געוואָרען די צווייטע נאַטור.

און (דאָ ענדיגען מיר שוין) ווי עס טאַראַראַמעוועט זיך, אזוי שטעלט עס זיך.

דאַנקע !

משה נאַדיר

הויזען

הויזען איז אַן אַרטיקעל, אָהן וועלכען דאָס מאַנסבילטהום קען זיך היינטיגע צייטען ניט בעגעהן. עס בעשטעהט פון צוויי אַזעלכע לייווענטענע רעהרען, אין וועלכע מען שטופּט אַריין די פיס און מען לאָזט זיי דאָרטען ביז איבער'ן טאָג. מאַנכע נעהמען זיי זאָגאַר מיט מיט זיך אין בעט. אין די אַמאָליגע, פּרימיטיווע צייטען, ווען די אידישע קולטור האָט נאָך ניט געהאַט פערשפּרייט איהרע דופּ־טענדע צווייגען, פלעגען די אינגלעך טראָגען דעם דאָזיגען בגד מיט אַ שפּאַלט פון הינטען. געטהאָן איז עס געוואָרען מיט אַ שכל: ווענטילאַציע

היינט־צו־טאָג קומט פאָר אַ געוואַלדיגע, ראַדיקאַלע ענדערונג אין דיעזען פאַך — אַ דאַנק דעם פערלאַנג צו זיין, וואָס מען רופט אין דער פילאָזאָפיע — אַ גאַנצעס, אָהן שפּאַלטונגען...

דיעזע אינדוסטריע, ווי מיר האָבען שוין געדאַרפט האָבען געזאָגט פריהער, איז שטאַרק פערשפּרייט איבער אַלע יענקישע שטעדטלעך און פאַרמס, און אַרבייטען דערביי אַם מייסטען אויסגעשטודירטע אינזשינערען און שיפּס־קאַפּיטענע...

עס איז אַ גוטער פאַך, אָבער ליידער פאָדערט זיך דערצו אַ גרויסע קענטניס און העכערע מאַטהעמאַטיק, אַרניטהאָלאָגיע, קרע־טיניזם און אַנדערע „ספּעריערע" וויסענשאַפטען. דער לעהר־קורס דויערט אונגעפעהר זעכציג יאָהר מיט אַ חודש.

דער לייכטסטער וועג צו קומען צו דיעזען טרייד, איז צו הרג'ענען אַ מענשען, אָדער הייראַטען מיט אַ רייכער בתולה, אָדער אירגענד וועלכער אַנדער וועג וואָס פיהרט צום ציעל.

עס איז ווערטה אַ קוואָדער צו בעמערקען אַז דער פאַך איז אַ זעהר עדעלער און פעראַנטוואָרטליכער, און בלויז די וואָס זיינען געבענשט פון נאַטור מיט אַלע גייסטיגע פעהיגקייטען — קענען מאַכען אַן ערפאָלג. דערפאַר אָבער איז די אַרבייט אַליין אַ זעהר

געזונטע; די אָנגעשטעלטע געפינען זיך אימער אויף דער פרישער לופט, אומרינגעלט מיט סאָסנאָווע בוימער... מערקווירדיג איז דאָס, וואָס אין יעדער זאָגענאַנטער „הויזען־לאַבאָראַטאָריע" געפינט זיך א מענש וועמעס איינציגע אויפגאַבע עס איז ארומצוגעהן און שפריצען „אָ־דע־קאָלאָן" אויף די געזיכטער פון די ארבייטער.

אין די געוועהנליכע „הויזען־לאַבאָראַטאָריעס" איז די ארבייט איינגעטהיילט אין וואָס מען רופט: „סעקציעס". דאָס ווערט געטהאָן מיט דער אבזיכט, אז די ארבייטער זאָלען חלילה ניט „פאַר־מישאַיעט" ווערען, און אויף אזא אופן מאַכען א טעות אין דער צוזאַמענשטעלונג פון די בעזונדערע טהיילען, צוליעב וואָס עס וואָלט נאַטירליך געקענט ארויסקומען די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפע וואָס א מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך פאָרשטעלען.

פאַר דעם בעסטען פאַך רעכענט זיך דאָס אָננעהען פון די קנעפּלעך. דאַן קומען די „פליי מאַכערס" — ד. ה. די וואָס מאַכען די „פליים", דאַן די „סוירטשערס" — ד. ה. די וואָס „סוירטשען", דאַן די „טאַפּ־קלאַפּערס" — ד. ה. די וואָס קלאַפּען די „טאַפּס", דאַן די אָפּרייטאָרס און פינישערינס.

די לעצטע צוויי האָבען געוועהנליך חתונה איינע מיט די אַנדערע, און פון דעם קומען ארוים די „ראָף־ריידערס" מיט וועלכע אמעריקא האָט זיך אזוי בעריהמט געמאַכט אין דער שלאַכט נעבען סאַנטיאַגאָ...

געמאַכט ווערען די זאָגענאַנטע הויזען מייסטענטהיילס פון דער בעקאַנטער באָמבוז־פלאַנצע — וואָס וואַקסט אויף די פידזשי־אינזלען... אָבער מאַנכעס מאָל ווערען זיי פאַבריצירט פון פיינעם „רייז פּאַפּיער", אָדער פון אירגענד וועלכע אַנדערע זאַך...

פאַראַן א **גרויסע** צוקונפט פאַר דעם דאָזיגען פאַך אין אמעריקא!

יוסף טונקעל

וויא זיך צו גרימירען

דאָס וואָרט „גרים“ שטאַמט וואַהרשיינליך פון דאָס וואָרט „קרים“; דאָס הייסט, פערקרימען זיך.

די קונסט פון פערקרימען זיך, אָדער, ווי מען רופט עס, גרימירען זיך, צופאַלט אויף צוויי טהייל.

די ערשטע טהייל, און אויך די שווערסטע, בעשטעהט אין פערשמירען דאָס פּנים אַזוי, אַז מען זאָל לחלוטין פערלירען דעם צלם אלהים.

דערצו דיענען פערשיעדענע מיטלען, ווי: סאַזשע, חזיר־שמאַלץ, קויהל, דזשעגעכץ, קאַלך, פּוטער, מעהל א. ז. וו. דיעזע אַלע מאַטעריאַלען ווערען איינציגווייז און אָפטמאָל טאַקע אַלע צוזאַמען פונאַנדערגעשמירט אויפ'ן פּנים מיט אַ פלעדערוויש, מיט די פינגער און אין דוחק — מיט'ן אַרבעל...

יעצט קומט די צווייטע העלפט קונסט און דאָס איז: — צו בעשאַפען פון דאָס פערשמירטע פּנים אַ נייעם מין סאָרט געשטאַלט וועלכעס זאָל אַמוזירען דאָס פּובליקום...

די מיטלען דערצו זיינען, ווי געוועהנליך: בערד, וואָנסעס, אַ הויקער, אַ בראָדעווקע, אַ קאָפּאָטע, אַ מונדיר און אַ נאָז. נאַטירליך, אום צו געברויכען דאָס אַלעס, מוז מען האָבען טאַלאַנט און אָריגינעלע איינפעלע.

אָט למשל, פיעלע פון אונזערע שוישפּיעלער און כאָריסטען טשעפּען צו וואָנסעס גראַדע פּונקט אויף דער לינקער באַק אונטער'ן לינקען אויג. ניט אַלע אָבער קענען האָבען אַזעלכע זשעניאַלע איינפעלע...

איינע פון די וויכטיגסטע ראָלען אויף דער אידישער ביהנע שפּיעלט די נאָז. אַ נאָז מוז מען אַרויסשטעלען דעם פּובליקום וואָס אַ גרעסערע!...

דער הויקער אויף דער ביהנע שפּיעלט אויך אַ וויכטיגע ראָלע. וואָס העכער דער הויקער איז, אַלץ העכער איז דער טאַלאַנט...

אַ נאָך מעהר בעדייטענדע ראָלע שפּיעלט די באָרד. די באָרד אויף דער ביהנע איז אַזוי וויכטיג, דאָס מאַנכע שוישפּיעלער און כאָריסטען קומען אַרויף אויפ'ן סטיידזש כמעט אימער ניט געגאָלט און מיט פאַרטיגע בערד...

אייער טאַלאַנט קען צופעליגערווייזע בעשאַפען און ענטדעקען עפּעס אַן אויסנאַהם משונה־ווילד־שפּיציג בערדיל, און איהר ברויכט שוין גאָר ניט צו שפּיעלען, דאָס בערדעל וועט שוין פאַר אייך שפּיעלען... די טיעפּסטע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען וועט עס פאַר אייך אַרויסברענגען. דערצו פון דער טעכנישער זייט בעדאַרפט איהר זעהן, אַז די באָרד זאָל זיך שאַרף אָבטהיילען פון פּנים מיט אַ שאַרפען ברעג. בכלל דאַרף מען זעהן, אַז יעטווידער פאַרב אויפ'ן פּנים זאָל זיך שאַרף אָבטהיילען און אונטערשיידען פון דער צווייטער. באָרד און וואָנסעס ווערען געוועהנליך צוגעקלעבט מיט קליי אָדער ניכטערען שפּייעכטס. עס איז אויך נויטיג מיטצונעהמען מיט זיך אַביסעלע קליי אין קעשענע בשעת'ן שפּיעלען, מחמת עס טרעפט גאַנץ אָפט אַז די באָרד און וואָנסען פאַלען אַרונטער, דאַן קלעבט מען זיי צו צוריק און מען שפּיעלט ווייטער...

דער שטערען דאַרף שטענדיג זיין געפאַרבט, און ווען איהר ווייסט ניט ביז וואַנען צו פאַרבען, טאָ טהוט זייט מוחל אָן אייער היטעל און פאַרבט פּונקט ביז'ן ברעג פון אייער דאַשעק, נאָכדעם, ווען איהר וועט אייער היטעל אַרונטערנעהמען, וועט עס אייך צוגעבען דעם זיעבעטען חן.

אַצונד קומען מיר צו דער גרינגסטער טהייל פון גרים און דאָס איז דער „אויסדרוק“. ווען איהר ווילט, למשל, אַז אייער געזיכט זאָל האָבען דעם און דעם געוויסען אויסדרוק אָדער כאַראַקטער, דאַן ערדייכט איהר עס דורך דער זעלבער קונסט פון גרימירען זיך.

צום ביישפּיעל, איהר ווילט שפּיעלען „נתן החכם“ און איהר ווילד אויסדריקען חוצפּה און ווילדקייט, דאַן מוזט איהר די וואָנסעס אַרונטערנעהמען; פּערקעהרט אָבער, ווען איהר געהט שפּיעלען „יענקעל שאַבשאָוויטש“ און איהר ווילט אויסדריקען דענקונגס־

קראַפט און מאַרטירערטהום, דאַן מוזט איהר די אונטערשטע ליפּ דיקער מאַכען... דיעזער געזיכטסצוג דריקט אויס געדאַנקען און מאַרטירערטהום.

ל י ע ב ע און ר ח מ נ ו ת ווערט אויסגעדריקט, ווען איהר שמירט אייער פּאַרוק מיט פּוטער און טהיילט איהם פונאַנדער אין מיטען מיט אַ שרינט.

אַ גענעראַל אויפ'ן סטיידזש ברויך ניט קיין ספּעציעלען גרים; ער קען עס שפּיעלען מיט דעם זעלבען גרים פון אַ שדכן, נור למען השם ניט פערגעסען אָנטהאָן אַ מונדיר מיט אַ סאַבליע פון הינטען.

גרויסקייט, גאוה און פּעסימיזם ווערט אויסגעדריקט מיט אַ בראָדעווקע אויפ'ן לינקען אויער.

מיט דער זעלבער בראָדעווקע ווערט אויך אויסגעדריקט חן, לייטזעליגקייט און אונשולד. עס ווענדט זיך נור וואו די בראָדעווקע געפינט זיך.

מאַנכע שוישפּיעלער בייטען זעלטען זייער גרים. אזוי, צום ביישפּיעל, שפּיעלען זיי דעם „גרינעם בכור", „האמלעט" און „אליפורנוס" מיט דעם זעלבען גרים.

דאָס זיינען שוין גאָר גרויסע טאַלענטען!...

יצחק בן־מאיר

וויא צו הונגערן

דאָס טהעמאַ פאַר אונזער היינטיגען לעקטשור איז — ווי אַזוי צו הונגערן.

אין פלוג קען זיך אויסדוכטען, אַז די פראַגע איז אַ גאַנץ איינפאַכע און אפשר אויך אַן אַלטע: ס'איז ניטאָ וואָס צו עסען, הונגערט מען. אָבער טאַקע נור אין פלוג קען זיך דאָס אויסדוכטען, אין דער אמת'ן אָבער פאָדערט זיך דערצו אַן אונגעהויערע ליידענשאַפט, אַן אייזערנער ווילען, אַ גוואַלדיגער טאַלענט און אַ רייכע פאַנטאַזיע.

דער תלמוד הקדוש ברענגט ערגעץ אַ מעשה פון איינעם אַ זעהר געניאַלען הונגער־ליידער, רבי צדוק.

אָט דער דאָזיגער ר' צדוק, ווערט דאָרטען דערצעהלט, האָט געווידמעט גאַנצע פיערציג יאהר פון זיין נאָבעלען לעבען צו דיעזען ספּעציעלען צווייג פון דער מאָדערנסטער פון אַלע מאָדערנע וויסענשאַפטען.

מען קען זאָגען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַז וואָס דאַרווין איז געוועזן פאַר דעם דאַרוויניזמוס, איז ר' צדוק געוועזן פאַר דעם צדוקיזמוס...

איצט, קינדערלעך, וועלען מיר אייך בעטען אויף אַ ווייל צומאַכען די אויגען און זיך פאָרשטעלען דאָס פאָלגענדע בילד:

שבת־צונאַכט. פאַר'ן חורבן בית ראשון. די בעריהמטע שטאָדט ירושלים, דער פּאַריז פון אָריענט, האָט ערוואַכט פון איהר הייליגער שבת־רוה. די לאַנגע און שמאָלע גאַסען פון ירושלים, בעציערט מיט פּאַלמען־בוימער פון ביידע זייטען זיינען בעגאָסען מיט אַ גרינליך־זילבערנעם שימער פון לבנה־ און שטערען־ליכט.

ניט אַכטענדיג אויף די אונצעהליגע מחנות פון טיטוס'עס חיל, וועלכעס בעלאַגערט די טויערען פון גאָט'ס סוב־רעזידענץ, ירושלים, פיהלט זיך דאָך אַ מערקווירדיגע רוהיגקייט צווישען פאָלק, וועלכעס

זיצט דאַ און דאָרט אין די קאַפּעס רויכערנדיג די לאַנגע ליולקעס. ווי אַ גאָלדענע סטענגע וועלכע איז אַרויפגעוואָרפען געוואָרען אין דער הויך און געבליעבען דאָרט הענגען אין דער אונזיכטבארקייט — שיינען די לייכטזיילען וואָס שלאָגען אַרויס פון די אָפענע טהירען פון די קראָמען.

און מאַכען מיר צו די אויגען און קוקען זיך נעהנטער צו, וואָס זעהען מיר?

ניט ווייט פון דעם שטאָלצען בארג לבנון שטעהט אַ סוכה געמאַכט פון אַפּעלסין־שאָלעכץ און געדעקט מיט אַ דאַך פון שוואַרץ־גלאַנציגע באַקסערען.

שטיל איז אַלץ ארום.

ווען איהר זאָלט אָנשטרענגען אייער אויער וועט איהר הערען דאָס שמינקלען פון אַן אויסגעהענדער הבדלה אין דער האַנד פון אַ מענשען.

מאַכען מיר נאָך פעסטער צו די אויגען און קוקען זיך צו נאָך נעהענטער, כאַפּען מיר שוין דעמזעלביגען מענשען אויפ׳ן וועג צום בית המדרש.

ווייסט איהר ווער דער דאָזיגער מענש איז? — דאָס איז אונזער ר׳ צדוק, דער מענש וועמעס העלדענטהאַט האָט אַריינ־געשטעלט אַן אונשטערבליכע פּייג אין דער געשיכטע פון אונזער יודאאיקאַ.

אָבער לאָמיר זיך פערקירעווען צוריק: ווי אַזוי צו הונגערען!

אָט דאָס איז אייגענטליך אויף וואָס מיר ווילען זיך אָבשטעט־לען אביסעל לענגער. דער געלעהרטער דאָקטאָר פּאוסט זאָגט: עס איז ניט קיין קונץ צו פאַסטען דעמאָלט ווען עס הונגערט ניט. דאָס קען יעדער. אַ קונץ איז צו פאַסטען דעמאָלט ווען איהר פיהלט אַ ברענונג אין די קישקעס, אַ געזאַלצענקייט אין מויל, אַ טרייסלונג אין די פיס, אַ ציטערניש אין די ריפּען און אַ חלשות אין הארצען.

דעמאָלט איז די צייט.

די ערשטע זאַך וואָס איהר האָט צו טהאָן איז, אַריינרופען צוויי איירישע ערלים זיי זאָלען איינציהען דעם „פּאָס“ פון אייערע תחתונים — אַזוי ווייט ווי עס געהט אונטער די אומשטענדען.

דאַן בינדט זיך אַרום דעם קאָפּ מיט אַ נאַסען האַנדטוך, געהט אַרוים אין האָל, זעצט זיך אַרויף אויפ'ן פּאַרענצע פון די טרעפּ און גליטשט זיך אַרונטער.

מיר נעהמען נאַטירליך אָן, אַז איהר זיינט פּראַקטיש גענוג צו האָבען ביי זיך אין נאָטיץ-ביכעל פערצייכענט די אַדרעסען פון אַלע ניו יאָרקער רעסטאָראַנען.

אַלעם וואָס איהר האָט איצט צו טהאָן, איז לויפען פון איין רעסטאָראַן צום צווייטען, אַ שמעק טהאָן דורכ'ן שליסעל-לאָך און אַ מאַך טהאָן: אַה! און ענטלויפען.

ווען איהר זייט פערטיג מיט'ן לעצטען רעסטאָראַן, געהט צוריק אַהיים, לעגט זיך אַוועק אין בעט און הייסט אייער מיסעס זי זאָל אייך ברענגען האַמסונ'ס „הונגער"... און איהר וועט זיין ערשטוינט צו זעהן מיט וועלכער גענויאַליטעט איהר זייט אימשטאַנדע נאָכצוזהמען דאָס דאָזיגע מייסטער-ווערק.

אַזוי וועט איהר ליגען פינף טעג מיט פינף נעכט, דאָס ביכעל צוגעקוועטשט צו אייער ריינער ברוסט, מאַכענדיג אַלע ווייל „אַה!" אָדער „עה!", לויט נאָך אייער געשמאַק...

דערנאָך, אויב גאָט וועט אייך שענקען געזונד, וועט איהר אַוועקגעהן צום מצבה-שלעגער און בעשטעלען אויף נעכסטע וואָך אַ מצבה מיט אַ גאָלדענען עפּיטאַף:

„דאָ ליעגט דער נאָבעלער צדוק'יסט,
דער מענש פון הויט און ביין...
דאָ ליעגט זיין גוף, זיין זעעלע דאָך
איז גלייך אין הימעל אריין...."

תכריכים און אַנדערע זאַכען זיינען קלייניגקייטען, איבער וועלכע עס לוינט זיך ניט פיעל אָבצושטעלען. דארין פערלאָזען מיר זיך שוין אויף אייער גוטען געשמאַק. די הויפּט-זאַך איז: בעשליסט און ט ה ו ט.... און „וואו ס'איז פאַראַן אַ ווענ איז פאַראַן אַ וועגעלע!"

יעקב יוסף

מעדיצינישע כללים

נארט קיינמאָל ניט אָב אייער דאָקטאָר. ווען איהר שיקט איהם רופען, האַלט פאַר איהם גרייט דעם דאָלאַר.

עסען מוז מען זעהר פאָרזיכטיג, איבערהויפּט אין די שענקען, וואו מען גיט צום אָנבייסען צו אַ גלאָז ביער. פערגעסט ניט אַז מען קוקט אייך נאָך, וויפיעל איהר עסט.

אויב איהר לײדט פון „קאַלטע פיס״ ביינאַכט, פּרופט זיך גט'ן מיט'ן ווייב. עס העלפט אמאָל.

עסט ניט צופיעל ביים איבערבייסען, וועלכער ווערט אייך צוגעגעבען צום צימער. איהר וועט זיכער קיין אריכת ימים אויף דער וואוינונג ניט האָבען.

עסט קיינמאָל ניט קיין וואורשט, אויב איהר ווילט ניט, אַז גע'פּגר'טע פערד זאָלען אייך קומען צו חלום.

אום זומער מוזט איהר אָפט בייטען וועש. אויב איהר האָט ניט קיין אייגענע, געהט אין אַ פּאָבליק באַד און נעהמט פרעמדע.

קוקט זיך וואָס וועניגער צו, וואָס אייער ווייב טהוט אין אייער קעסטניק'ס צימער. דאָס קען שלעכט ווירקען אויף אייערע נערוועז.

ווערט ניט אויפגערעגט און געברויכט ניט קיין גראָבע אויס־דריקע, ווען איהר ווילט עפּענען אַ קעסטעלע סאַרדינס. סאַרדין־קעסטעלעך זיינען ניט קיין פעראיין־מיטינגען, וועלכע מוזען זיך עפענען און שליסען מיט רוסישע „מי שברך'ס״.

ווען איהר קויפט כינין, האָט לחלוטין קיין מורא ניט, אַז דער אַפּטהעקער וועט אייך אָנשטאָט דעם געבען מאָרפין און וועט אייך פער'סם'ען. געדענקט דערביי, אַז מאָרפין קאָסט פיעל טהייערער פון כינין, און זייט זיכער, אַז דער אַפּאָטהעקער וועט קיין טעות ניט מאַכען.

קצבים דאַרפען קיינמאָל ניט האָבען קיין „לעבער־קראַנקהייט״.

אין פאַל זיי קענען דעם לעבער ניט פערקויפען, זאָלען זיי איהם אוועקגעבען דעם הונד.

וועו איהר שטעקט אָן אייער פריינד מיט אַ געפעהרליכער קראַנקהייט, נעהמט עס זיך ניט צו שטאַרק צום הארצען. גליקליך איז דער, וואָס קען געבען און דאַרף ביי יענעם ניט נעהמען!

משה נאַדיר

וויאַ צו וואַקסען

ווי הויך זאָל אַ מענש וואַקסען ? ווען זאָל ער אָנהויבען און ווען אויפהערען ?

ווי הויך זאָל אַ מענש וואַקסען ? דערויף איז לייכט צו ענט־פערען — ביז אונטער דעם קאַפּעלוש ! מענשען וואָס וואַקסען אַרויס פון זייער אייגענעם קאַפּעליוש זיינען על פּי רוב אוננאָרמאַל, אויפ־גערייצט און בייז. דאָס קען מען אַם בעסטען בעמערקען, ווען מען זאָל טרייען זיי איינשניידען אין אַן אויער אָדער אָבבייסען אַ נאָז. אַזעלכע מענשען ווערען שרעקליך אויפגערעגט פון אַזעלכע זאַכען און מאַנכעס מאָל קענט איהר פון זיי כאַפּען אַ פּאַטש אויך. די אַלטע גריכען האָבען געדענקט, אַז אַ מענש דאַרף ניט זיין מעהר ווי מיטעל־הויך.

אָבער אויך אין מיטעל־הויכקייט איז פאַראַן דרייערליי קלאַסען : ק ל י י ן מיטעל־הויך, מ י ט ע ל מיטעל־הויך און ה ו י ך מיטעל־הויך.

צום ערשטען קלאַס בעלאַנגען די וואָס זיינען קליין דערפאַר וואָס אַנדערע זיינען העכער פון זיי ; צום צווייטען קלאַס בעלאַנגען די וואָס זיינען מיטעלמעסיג דערפאַר וואָס אַנדערע זיינען קלענער פון זיי, און צום דריטען קלאַס בעלאַנגען די וואָס זיינען הויך דערפאַר וואָס אַנדערע זיינען מיטעלמעסיגער פון זיי.

דער כלל איז : וואַקסט ניט צו הויך ! וואַקסט ניט צו שנעל ! וואַקסט ביסלעכווייז ! וואַקסט מיט אַ סיסטעם ! צוויי אינטשעס יעדען טאָג (חוץ שבת און געזעצליכע ימים־טובים) איז גענוג פאַר אַ נאָרמאַלען מענשען. און אַזוי גיך ווי איהר האָט דערגרייכט אַ געוויסען פּונקט, וואָס איהר קענט שוין בשום אופן ניט געהן העכער — בלייבט שטעהן. געהט ניט ווייטער. גיט אַן אַנדערען אַ טשענס !...

— ווען אַ מענש זאָל אָנהויבען וואַקסען און ווען אויפהערען ? —

נאָך אונזער מיינונג דאַרף אַ מענש אַנהויבען וואַקסען אַ פּאָר יאָהר איידער ער ווערט געבוירען, ווייל דעמאָלט האָט ער געוועהנליך מעהר צייט זיך אָבצוגעבען מיט דער דאָזיגער אַרבייט און אחוץ דעם וועט מען איהם שפּעטער ניט קענען אויפוואַרפען, אַז ער איז געוואַקסען „דורך קינסטליכע מיטעל״, וואָס דאָס איז אַ גרויסע בושה.

נאָך בעסער איז איהר זאָלט לאָזען אייער טאַטען וואַקסען פאַר אייך. אַלעס וואָס איך וועט דאַן איבערבלייבען צו טהאָן, איז זיצען מיט פערלעגטע הענד און קוקען ווי דער טאַטע וואַקסט.

דאָס איז אַ לייכטע אַרבייט און פאָדערט ניט קיין שום אָנשטרענגונג. אין דער צייט וואָס דער טאַטע וואַקסט, קענט איהר דערווייל שפּיעלען אַ פּאָוקער, געהן אין מואווינג־פּיקטשורס, פערברענגען זיך אין די פּאַריזער שאַנטאַנען, אין ניו יאָרקער טשייני־טאַון אָדער אין אַן אַנדער ניצליכען אַנשטאַלט...

אויב איהר קענט זיך ניט העלפען און מוזט שוין אַליין וואַקסען — טהוט עס בייננאַכט, ווען קיינער זעהט ניט און זייט פאַרזיכטיג ניט אויפצואוועקען אייערע שכנים. לאָזט אַראָב די פאָרהאַנגען, פערריגעלט די טהיר, לעשט אויס דעם לאָמפּ און וואַקסט — שטילערהייד!...

משה נאַדיר

וויא צו זיין שעהן

אַליין בין איך זעהר אַ שעהנער מענש — אַ רעגעלע דאל! איהר זאָלט אַ קוק טהאָן אויף מיין פּנים וואָלט איהר גע׳חלש׳ט. היינט האָב איך אַ נאָז — איז דאָס אַ זעלטענהייט צווישען נעזער. מיינע אויגען — איהר האָט אַמאָל געזעהן מיינע אויגען? ניין? דאַן האָט איהר קיין שעהנע אויגען ניט געזעהן! דיאַמאַנטען! — וואָס רייד איך דיאַמאַנטען? בריליאַנטען! וואָס רייד איך בריליאַנטען? — שטערען — לבנות — זונען!... פון מיינ׳ס אַ קליין בליקעלע מיט׳ן לינקען אויג האָבען זיך אַמאָל ביי צוויי פראַנצויזישע גאָווערנאַנטקעס אָנגעכאַפּט די קינדער־וועגעלעך —ביידע קינדער זיינען נעבעך פערברענט געוואָרען!

אַחוץ אַ נאָז מיט צוויי אויגען האָב איך נאָך אויך אַ קאָפּ (דוכט זיך מיט לאָקען!), איין צונג און צוויי אויערען — קורץ און גוט, איך בין אַ קראַסאַוועץ!

ווי אַזוי זשע האָט זיך דאָס אַלץ גענומען צו מיר?

וועל, איך מוז אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת, אַז איך בין ג ע ב ו י ר ע ן געוואָרען אַ שעהנער — און אָט דאָ ליעגט דער גאַנצער סוד! געבוירען ווערען שעהן איז אָבער ניט קיין לייכטע זאַך. אַך, פריינדע, ווען איהר זאָלט וויסען ווי שווער און ביטער איך האָב געהאָרעוועט אויף געבוירען צו ווערען שעהן!

ביי טאָג פלעג איך ליגען מיט׳ן פּנים קעגען דער זון, בכדי צו קריגען אַ געזונדע, ברוינליכע פאַרב, און ביינאַכט פלעג איך זיצען קעגען דער לבנה און זיך לאָזען אָבבלייכען די נאָז מיט׳ן שטערען...

זומער פלעג איך אַרומשפּאַצירען אין די גערטנער און זיך פּיטערען מיט פּאָזעמקעס, בכדי צו קריגען רויטע ליפּען, און ווינטער פלעג איך קייען שנעע, בכדי צו קריגען ווייסע צייהנער.

און אַזוי האָב איך געהאָרעוועט, ווי איך האָב אייך שוין

געזאָגט, שווער און ביטער, ביז וואַנעט איך בין געבוירען געוואָרען א שעהנער.

פראָפּאָרציאָן פון דער פיגור.

די פיגור פון א מיידעל, עלטער ווי 18 יאָהר, דארף זיין אַקוראַט עלף מאָל אזוי גרוים, ווי דער רעכטער פוס. דער קאָפּ (צוזאמען מיט'ן „נאָרד פּאָל") דארף זיין וועניגסטענס צוויי מאָל אזוי גרוים ווי די פּלייצעס, און די לינקע האנד דארף זיך נאָכשלעפּען אויף דער ערד.

די פינגער פון די פיס דארפען זיין גלייך צו די פינגער פון די הענד, אוןביידע טאָרען ניט זיין לענגער ווי א „יארד" מיט דריי פּערטעל.

אָט דאָס איז אין קורצע ווערטער — פּראָפּאָרציע!

סודות פון שעהנקייט.

אויב איהר האָט א פּנים פון אסתר המלכה, זיינט איהר א שעהנע, און אַלע בחורים וועלען אייך ליעב האָבען, און אויב איהר שרייבט ליעדלעך, וועט אייך אָנקומען ניט שווער זיי אָבצודרוקען. אויב אָבער איהר האָט א פּנים ווי ושתי, אָדער ווי מיין מוהמע רישע, ווען זי פאָהרט אויפ'ן יריד — דאן זייט איהר א מיאוס'קייט און א פּאסקודסטווע, און די גלייכסטע זאך וואָס איהר קענט טהאָן איז — בעגעהן זעלבסמאָרד!

יעקב יוסף

וויא זיך נוהג צו זיין אום זומער

ווי צו אַרבייטען.

צום אַלעם ערשטען אַרבייט ניט. ראָקעפעלער אַרבייט אויך ניט. אויב עס איז אייך לאַנגווייליג אַרומצוגעהן ליידיג, סטרייקט! אָבער — אום הימעל'ס ווילען! — היט זיך פאַר אויפרעגונגען! דאָס איז שעדליך אין די היצען. קריכט ניט אונטער די פאָליציייסקע שטעקענס, רייסט זיך ניט איין מיט די סטרייק־ברעכער, פערלאַנגט ניט קיין סטרייק־בענעפיט, מאָהנט ניט קיין חשבונות ביי אייערע פיהרער. דאָס איז זעהר שעדליך. סקעבט ניט! דאָס איז צו אויפרעגענד. אויב איהר ווילט שוין יאַ אַ סקעב טהאָן, לעגט עס אָב אויף ווינטער...

ווי זיך צו האַלטען קיהל.

די הויפט־זאַך איז אין די הייסע זומער טעג: פרישע לופט און האַלטען פריש דעם קערפּער. זייט וואָס מעהר אין פּאַרק: — מענער אין די אונטערשטע העמדער, פרויען — מיט אַרויסגעוואָרפענע ברוסטען, קינדער — מיט די פּופּקעס אין דרויסען. ליגט אויף די טראָטואַרען צווישען די אַש־קאַסטענס און מיסט־קאַסטענס, אונטערגעבעט מיט וואַרימע מאַנטלען און באַנאַנאַ־שאָלעכטס.

ווי צו שלאָפען אין די היצען.

שלאָפען זאָלט איהר נור אויף די דעכער. אויב איהר קענט מיט זיך אהין מיטנעהמען די וואַנצען און די באָרדערס, טהוט עס. צער

בעלי חיים איז אַ מדה טובה, אפילו אום זומער און עס קיהלט אייער געוויסען. זאָלען אַלע שלאָפען מיט אייך אויפ׳ן „רוף“. אויב אין גאַנצען נאַקעט איז נאָך בעסער. עסט זיך ניט אָב דאָס האַרץ, ווען אַ פרעמדער פוס פערקריכט אין אייער היילִיגען פאַמיליען־געלעגער.

ווי אַזוי ניט צו שלאָפען אין די היצען.

שלאָפט ניט אויף דער לינקער זייט, עס קען נאָך פערשאַטען אייער האַרץ.

שלאָפט ניט אויף דער רעכטער זייט, עס איז שעדליך פאַר אייערע לונגען.

שלאָפט ניט אויפ׳ן בויך, דאָס מאַכט אייך כמעט אוממעגליך צו אָטהעמען.

שלאָפט ניט זיצענדיג אויף אַ שטוהל, ווייל אייער קערפער וועט זיך געפינען אין אַן אוננאַטירליכער לאַגע און איהר וועט ניט קענען שלאָפען ווי געהעריג.

שלאָפט ניט שטעהענדיג, ווייל איהר קענט נאָך אומפאַלען און ברעכען האלז און נאַקען.

שלאָפט ניט אין פּאַרק, עס וועט זיך אייך זיכער חלומ׳ען אַ פּאָליסמאַן.

שלאָפט ניט אויפ׳ן פייער־עסקייפּ, דאָס קען נאָך שטערען אַ גנב אַריינצוקריכען אין הויז דורכ׳ן פענסטער.

שלאָפט ניט אויפ׳ן רוף: אַן עראָפּליין קען נאָך אַרונטערפאַלען אויף אייך.

שלאָפט גאָרניט!....

סקיצעז, מעשה׳לעך,
סצענקעס און בילדלעך.

ג. ל.

קארבאל

היימי ציבולקין, דער ארבעל־„וואַרפער" פון הויט־דרייסער׳ס שאַפּ, אַ לאַנגער בחור, מיט לאַנגע, דאַרע הענד, מיט אַ האַלז ווי ביי אַ זשיראַף, מיט אַ ברוסט וואָס האָט שטאַרק חשק געהאַט אריינצוקריכען אין די פּלייצעס, מיט אַ נאָז וואָס האָט זיך מיט׳ן שפּיץ אָהן אויפהער געצויגען זיך צו צוקושען מיט די ליפּען, און מיט אַ שמאָל קליין קעפּעל, וואָס האָט זיך תּמ׳עוואַטע געשאָקעלט אונטער דער לאַסט פון 12 לאַנגע ברייטע הערעלעך און אַ ריעזיגען פליך — היימי ציבולקין איז איצטער אויסער זיך. און אויסער זיך איז ער צוליעב אַ בריוועל פון זיין אַלטער „מיסעס", וועלכען זיין נייע „מיסעס" האָט איהם נור־וואָס איבערגעגעבען און פון דעם בריוועל, מוזען מיר מודה זיין, האָט אַזאַ מענש ווי היימי ציבולקין געקענט ווערען אויסער זיך, ווייל געלייענט האָט זיך דאָס בריוועל אַט־אַזוי:

„היימי! איך האָב דיך נעכטען ווידער געזעהן זיך אַרומ־שלעפּען אין סעווענטה סטריט פּאַרק מיט יענער גאַנז, צו וועלכער אַן אַנשטענדיגער מענש וואָלט זיך געמוזט מיאוס׳ען זיך צוצוריהרען. איך גיב דיר, אַלזאָ, די לעצטע וואָרנונג: אויב דו וועסט ניט סטאַפּען דיינע מאָנקי־ביזנעס מיט יענעם זעקעל ביינער, וועסטו זיך אויס־ריכטען אַ פינסטערען, ווינסטען סוף. שוין זייט וואָכען שטעהט ביי מיר אָנגעגרייט אַ פלעשעל קארבאָל און דאָס פלעשעל קארבאָל וועל איך אויסגיסען אויף דיין צורה, ווען איך וועל דיך נאָך אַמאָל זעהן מיט איהר. געדענק, היימי! דו שפּיעלסט זיך מיט פייער!

דיין עוויג ליעבענדע

חנה קוואַסמאַן."

אַט־דאָס איז געוועזן דאָס בריוועל, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט פון די כלים אונזער היימי ציבולקין, דעם ארבעל־„וואַרפער", פון

הויטשינדער׳ס שאַפּ. און אַט דאָס זעלבע בריוועל האָט עס ענדליך געטריבען ציבולקינ׳ען צום אדוואָקאַט הויטשינדער.

הויטשינדער האָט איבערגעלייענט דאָס שרעקליכע בריוועל, האָט עס לאַנגזאַם צונויפגעלעגט און עס קאַלט צוריקגעקערט ציבולקינ׳ען.

אַ שוידער איז איבער ציבולקינ׳ס קערפּער דורכגעלאָפען.

— נו? — האָט ער געפרעגט מעהר טויט ווי לעבעדיג.

— צרות! — האָט געענטפערט הויטשינדער — זי וועט אַבגיסען. זיבער ווי דער טאָג: זי וועט אַבגיסען.

— נו? — האָט זיך שוין געטרייסעלט פאַר שרעק ציבולקין.

— נו־נו! — האָט ווייטער געצויגען הויטשינדער — וואָס פערשטעהט איהר ניט? קאַרבאָל — ברענט עס. אויגען זיינען אַן איידעלע מאַטעריע. און אַז קאַרבאָל טרעפט אין די אויגען, ווערט מען בלינד, און אַז מען ווערט בלינד... פאַרבייגעהענדיג: וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?

— סליוור־וואָרפער.

— סליוור־וואָרפען קען מען ניט אָהן אויגען?

— גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איהר? — האָט אַזש אַ רעווע געטהאָן פאַר שרעק ציבולקין.

— צרות! — האָט ווידער אַ בורטשע געטהאָן הויטשינדער — איבריגענס, וועלען מיר נאָך זעהן... ווער איז זי, אָט די חנה קוואַסמאַן? אַ מיידעל, אַ ווייבעל? יונג, אַלט? אָרים, רייך?

— אַן אלמנה, האַלט אַ באָרדינג־הויז, פערמאָגט אַ פּאָר טויזענד דאָלאַר.

— הם... — האָט זיך פערטראַכט הויטשינדער — גיט מיר איהר אדרעס, איך וועל זיך זעהן מיט איהר... וואָס הייסט, גלאַט נעהמען און אויסברענען אַ מענשען די אויגען! נאָ, סער! דאָס געהט ניט ביי אונז אין אַמעריקאַ!

*

הויטשינדער׳ען איז איינגעפאַלען אַליין צו בעזוכען חנה קוואַס־מאַן. ער האָט געהאַט זיין פּלאַן דערביי.

געהענדיג צו איהר, האָט ער מיט אַן אָנגעכמורעטען שטערען און מיט צונויפגעקריצטע ציינער גערמורמעלט צו זיך אַליין:

— אהאַ... מיט קאַרבאָל ווילט איהר עס אַ מענשען אָבגיסען, מאַדאַם קוואַסמאַן? פאַר אַ קאַליקע איהם מאַכען? גוט! דעם עלעקטריק טשער פערזוכען האָט זיך אייך פערגלוסט? נעהמען אַ לעבעדיגען סליוור־וואָרפער און איהם אויסברענען די אויגען! פאַר אַזאַ זאַך!... אָבער — צוריק גערעדט, וואָס: פאַר אַזאַ זאַך?... עס וועט זיך געפינען אַן אַדוואָקאַטעל און וועט נעהמען דערצעהלען: אַן אונגליקליכע אַלמנה, נעבעך... פערפיהרט געוואָרען פון אַ לומפּ... געוואָלט רעטען איהר עהרע... זי צו בעפרייען איז אַזוי לייכט ווי אַ האָר פון דער מילך אַרויסצונעהמען... און צוויי טויזענד דאָלאַר פערמאָגט זי... עך, הויטשינדער, הויטשינדער! וואָס דען, צו דיר וועט אָנקומען עפּעס אַ לייטישע „קיים“! מיט ציבולקין׳ען וועסטו, ברודער, ניט וויט פערפאָהרען. אַ קבצן, אַ האָלאָדריגע. וועט דיר אַריינקוועטשען אַ צעהנערעל, וועט ער מיינען, אַז ער האָט דיך גליקליך געמאַכט. און דעם אמת געזאָגט, אַזאַ מאָרדע ווי זיינע איז קיין צעהנערעל אויך ניט ווערטה.

הויטשינדער האָט זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט אין מיטען גאַס, ווי ער וואָלט פּאַראַליזירט געוואָרען פון זיין אייגענעם נייעם געדאַנק. און ווען ער האָט ווייטער גענומען געהן, האָבען שוין זיינע געדאַנקען גענומען גאָר אַ נייע ווענדונג און ער האָט געמורמעלט:

— און אַזאַ מיאוס׳קייט פערדרעהט עס דעם קאָפּ אַנשטענדיגע, אָרימע, וויסטע אַלמנות! פערפיהרט, אַוועקוואַרפען און — רוף מיך קנאַקניסעל! ניין, ברודער, אַזעלכע זאַכען געהט ניט ביי אונז אין אַמעריקאַ. מיט קיין צעהנערעל, ברודער, וועסטו אונז ניט קויפען. זוך דיר אַ צווייטען נאַר. הויטשינדער, ברודער, איז אימער אויף דער גערעכטער זייט. אַ וויסטע אלמנה מיט צוויי טויזענד דאָלאַר, אַז זי ברענט אימיצען אויס די אויגען, איז אַ געשמאַקערער ביסען ווי עפּעס אַ ציבולקין... יעס, סער!

*

אין חנה קוואַסמאַן׳ס וואוינונג האָט הויטשינדער׳ן בעגעגענט

אַ דיקע, הויכע פרוי פון אַ יאָהר 40, מיט אַ בייזען געזיכט און ענערגישע בעוועגונגען.

— וואָס דאַרפט איהר? — איז געווען איהר בייזער ענטפער אויף זיין זיסער בעגריסונג.

הויטשינדער האָט זיך פאַרגעשטעלט און בעמערקט מיט אַ ביטרען שמייכעלע:

— הייסט עס, מיר ווילען איהם אויספּאַרען די אויגען?

— וואָסערע אויגען? וואָס פּלוידערט איהר, מיסטער? — האָט אָבגעהאַקט ווי מיט אַ האַק די אַלמנה.

— נו, נו! — האָט זי אונטערגעמונטערט הויטשינדער — שעהמט זיך ניט, עס טרעפט זיך.

— אָבער וואָס האָט איהר זיך אָנגעבונדען? מען טאָר שוין גאָר קיין שפּאַס ניט מאַכען?

— הייסט עס, איהר דענקט גאָר ניט איהם אָבצוגיסען מיט קאַרבאָל?

— קיין מאָל אין זינען ניט געהאַט.

ביי הויטשינדער'ן איז ביי דיעזע ווערטער דאָס האַרץ פער־קיהלט געוואָרען אין דער ברוסט. אַט האָסטו דיר, אַלע פּלענער זיך צופלויגען! ער האָט בעשלאָסען צו קעמפּפען ביז'ן לעצטען.

— און ווארום זאָלט איהר איהם טאַקע ניט אָבגיסען מיט קאַרבאָל? — האָט ער פאַרזיכטיג אָנגעהויבען — וואָס־זשע מיינט איהר, זיי פערדיענען עס ניט די לומפּען?

— נו, גיסט, אז איהר ווילט! — האָט געענטפערט די אלמנה

— גיסען! און ווער וועט געהן אין פּריזאָן דערפאַר, איך, צי איהר?

— אָה, נאַרישקייטען! — איז שוין הויטשינדער געוואָרען מוטהיגער — יעדע פרוי גיסט היינטיגע צייטען אָב איהר געליעב־טען מיט קאַרבאָל און ביים געריכט ווערען זיי אַלע בעפרייט.

— געהט שוין, געהט! — האָט ניט געגלויבט די אַלמנה.

— גערעכטיגקייט, מיסעם! — האָט הויטשינדער אויפגע־הויבען שטרענג אַ פינגער — די גערעכטיגקייט בעשיצט תמיד דעם שוואַכען.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט פּלוצלינג גענומען לאַכען ווי אַ

משוגע׳נע מרס. קוואסמאַן — איך בין, הייסט עס, די שוואַכע! אוי, מיסטער, וואוהין זייט איהר פערפאַהרען? איך קען דאָך מיין ציבולקין׳ען צורייסען ווי אַ לעמעשקע. איין געשריי און ער דרעהט זיך צונויף אַזוי, אַז מען זעהט איהם מעהר ניט אַרויס. איהר קענט מיך ניט, מיסטער, אַז איך ווער אין כעס, איז — היט זיך די ביינער!

הויטשינדער איז געוואָרען אונגעדולדיג.

— וואָס טויג מיר די אַלע מעשיות? — האָט ער געזאָגט — נאָך אייער מיינונג איז ער דער שוואַכער, און נאָכ׳ן געזעץ נאָך זיינט איהר די שוואַכערע. איהר בעלאַנגט צום שוואַכען מין און דעריבער קענט איהר ניט ענטגעגענשטעהן זיינע פערלאַנגען און פאָדערונגען. ער איז דאָך אַ מאַן און איהר — ניט מעהר ווי אַ שוואַכע פרוי.

— וואָס אמת, איז אמת — האָט צוגעגעבען מאַדאַם קוואַסמאַן און איז פלוצלינג רויט געוואָרען.

— אָה, איך פערשטעה, איך פערשטעה! — האָט אונטער־געכאַפּט הויטשינדער — און איהר קענט זיך פערשפּאָרען די מיה ווייטער צו ערקלעהרען. איך רעספּעקטיר אייער געפיהל פון צניעות... ער, ער איז שולדיג אין אַלעם. און ער, דער לומפּ, וואַגט נאָך איצטער נאָכצולויפען נאָך אַן אַנדער פרוי.

מאַדאַם קוואַסמאַן׳ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ בייזען פייערעל.

— פּאַלגט מיך, גיסט איהם אָב מיט קאַרבאָל — האָט זיך ווי געבעטען ביי איהר הויטשינדער.

— אָבער דער עלעקטריק טשער? — האָט שוואַך פּראָטעס־טירדט די אלמנה.

— אָה, האָט ניט קיין מורא! — האָט זי דער אַדוואָקאַט אַליץ ניט אָבגעלאָזט. — מיט אַן אַדוואָקאַט ווי איך קענט איהר זיך אַלעס פערגינען. למשל, איך גיב זיך אַ שטעל אַוועק פאַר די ריכטער און גיב אַ זאָג אַט־אַזוי: מיינע הערען געשוואָרענע, איהר מוזט בעפרייען אַט די פרוי, וואָס איז נאָך כמעט אַ קינד. אין וואָס בעשטעהט דען איהר זינד? אין דעם, וואָס זי האָט געליעבט. אַט

דאָס קינד, אָט דאָס נאַטור־קינד, וואָס קען כמעט קיין אַנדער וואָרט ניט אַרויסגעבען, אויסער „איך ליעב!" און ער, דער... דער... וועל, איך וויל איהם ניט זידלען... ער איז געקומען און האָט ביי איהר גערויבט אַלעס: איהר יוגענד, איהר שעהנקייט, איהר הארץ, איהר לעבען. ער האָט אַלעס ביי איהר צוגענומען און האָט זי אַריינגע־שליידערט אין אַבגרונד פון פינסטערניס און פערצווייפלונג.

— אָה, דער לומפּ, דער לומפּ! — האָט אַ כליפּע געטהאָן די אַלמנה, געריהרט פון דעם אַדוואָקאַט'ס ווערטער.

— שלאָגט ניט איבער — האָט זי צוריקגעהאַלטען הויט־שינדער — לאָזט ענדיגען... און ווייטער וועל איך זאָגען: איז דען איהר גאַנץ לעבען ניט בעשטאַנען פון ליידען און נור פון ליידען? האָט זי דען איהר גאַנץ לעבען ניט געביינקט נאָך אַ מאַן וועלכען זי זאָל מיט ליעבע אַוועקגעבען איהר לייב צוזאַמען מיט דער נשמה?

— אמת, אמת — האָט שוין איצט ביטער געוויינט די אַלמנה.

— און ענדליך — האָט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין רעדע פאַר די ניט־עקזיסטירענדע ריכטער דער אַדוואָקאַט — און ענדליך האָט זי דעם מאַן געפונען. ענדליך האָט אויך פאַר איהר געגומען שיינען די זון און זינגען די פויגעל. זי איז שוין ניט קיין יונג מיידעלע, איהר הארץ האָט, ווי עס שיינט, זיך שוין גאַר אַבגעוועהנט צו ליעבען. און פּלוצלינג — עס שטראַהלט פאַר איהר די זון. און געשטראַהלט האָט די זון פון די אויגען פון דעם געליעבטען מאַן און בעגאָסען האָט די זון מיט איהרע שטראַהלען איהר גאַנצע נשמה און האָט געגאָסען פרייד אין די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך פון איהר הארצען. זי האָט געגלויבט אין איהם און איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. ווייסט איהר, הערען געשוואָרענע, וואָס עס הייסט פאַר אַ טויטען מענשען לעבעדיג צו ווערען?

מאַדאַם קוואַסמאַן האָט שוין איצט ניט געקענט אַבכאַפּען דעם אָטהעם פאַר געוויין. אָבער הויטשינדער האָט זיך ניט געקימערט וועגען איהר און האָט פאָרטגעזעצט:

— איהר פערשטעהט עס, הערען געשוואָרענע, איהר ריכטער פון געזעלשאַפטליכען געוויסען! און פּלוצלינג — האָט ער זי פערלאָזט!

— ער האָט זי פּערלאָזט — האָט ווידערהאָלט שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, הויטשינדער אין דער צייט, ווען מאַדאַם קוואַסמאַן האָט שוין געהאַלטען ביי היסטעריקע.

— איין מינוטקעלע, מאַדאַם קוואַסמאַן, איין מינוטקעלע! לאָזט ענדיגען! שטערט ניט! אַלזאָ, איך רייד ווייטער: ער האָט זי פערלאָזען און האָט זי, די ליעבענדע, די יעניגע, וועלכע האָט איהם אַלעס אוועקגעגעבען, אריינגעשליידערט אין אזא אַברונד, דער איינציגער גערדאנק וועגען וועלכען פערגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערען. ער האָט זי אריינגעשליידערט אין אַן אַבגרונד, פון וועלכען זי האָט זיך מיט די שרעקליכסטע ליידען קוים אַרויסגע־דראַפּעט, אום צו לעבען מיט איהם און צו שטאַרבען אונטער די וואָרימע שטראַהלען פון זיינע אויגען... לאָזט, לאָזט!... נאָך איין מינוטקעלע, מאַדאַם קוואַסמאַן!... איך בין שוין צו ענדע... אַלזאָ: ער האָט זי אוועקגעוואָרפען ווי אַ שמוציגע שמאַטע, ווי אַ שטיק בלאָטע, וואָס מען האָט על פּי טעות אויפגעהויבען פון דער ערד. און זיינע שטראַהלענדע אויגען לאַשצען איצטער אַן אַנדערע... מאַדאַם קוואַסמאַן, וואַרט, איך האָב נאָך ניט געענדיגט! מאַדאַם קוואַס....

אָבער מאַדאַם קוואַסמאַן איז שוין אין הויז ניט געווען. זי האָט געכאַפּט עפּעס אַ פלאַש מיט עפּעס אַ פליסיגקייט און איז מיט איהר אין איין סעקונדע פערשוואונדען.

— אַט איצטער וועט ציבולקין האָבען זיין עהרליך אויסקור־מעניש און איך וועל קריגען אַ פעטע „קיים" — האָט צופריעדען געזאָגט צו זיך אַליין הויטשינדער און איז אוועק צוריק אין זיין אָפּיס.

*

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום איז אין הויטשינדער׳ס אָפּיס אריינגעפאַלען ציבולקין, פון וועלכען עס האָט זיך זעהר שטאַרק געפיהלט דער ריח פון קעראָסין.

— טאַקע אָבגעגאָסען! — האָט ער אויסגעשריען מיט פרייד — פון קאָפּ ביז די פיס. פון אַ גרויסער, פולער פלאַש גליוך פליוך

אין פּנים אַריין. אַ גליק, וואָס זי האָט אַ טעות געהאַט: אַנשטאַט די פלאַש מיט קאַרבאָל האָט זי געכאַפּט די פלאַש מיט קעראָסין. און באַלד טאַקע חרטה געקראָגען! שלום געוואָרען... שוין....

און שוין גרייטענדיג זיך אָוועקצוגעהן, האָט נאָך ציבולקין צוגעגעבען:

— יאָ, שיער ניט פערגעסען פאַר גרויס פרייד... מאַדאַם קוואַסמאַן לאָזט אייך גריסען און לאָזט אייך מודיע זיין, אז פאַר אייערע רייד דאָרט וועט זי אייך אָבגיסען מיט קאַרבאָל... אונבעדינגט... נישקשה, זאָגט זי, זי וויים שוין איצטער, אַז פאַר אַזעלכע זאַכען געהט מען ניט אויפ׳ן עלעקטריק טשער... גוד־באַי!

ביי הויטשינדערען איז מיט איין מאָל פאַר שרעק אָבגעשטאָרבען דאָס האַרץ.

א. ל. באַראָן

דער הונד פון דער רעדאַקציע

(נאָך אַ גע'גנב'עטען סיוזשעט)

ווען דער בעוואוסטער פּאָעט, מיסטער קראָכמאַל, איז אריינגעקומען אין רעדאַקציע פון „נעכטיגען טאָג“, האָט איהם דער רעדאַקטאָר, מיסטער פּאָטייטאָשאָלעכץ, אויפגענומען מיט גרויס בעגייסטערונג.

— איהר וועט מיר געפעליגסט ענטשולדיגען אויף איניגע מינוטען. — האָט פּאָטייטאָשאָלעכץ מיט אַ העפליכען שמייכעל זיך געבעטען ביים פּאָעט און ער איז צוגעגאַנגען צו אַ צווייטען לאַנג-האָרעדיגען שרייבער, וואָס איז געזעסען אין אַ ווינקעל, מיט אַ רחמנות-פּנים און מיט אַן אראָבגעלאָזטען קאָפּ וואָס האָט צוליעב די מורא'דיגע לאַנגע האָר אויסגעזעהען ווי אַ „דאָסטער“, מיט וועלכען מען שטויבט אָב מעבעל.

— אבער וואָרום דענקט איהר, אַז מיין ערצעהלונג, „פערוועלקטע לאָקען“ טויג ניט? — האָט דער לאַנג-האָריגער און רחמנות-פּנים'דיגער שרייבער געפאָדערט פון רעדאַקטאָר.

— איך !... — האָט זיך דער רעדאַקטאָר אָבגערופען — גאָט איז מיט אייך! איך האָב נעכטען אַ גאַנצע נאַכט זיך געקריעגט וועגען דעם מיט מיין געהילפס-רעדאַקטאָר, מיסטער לעקיך, אבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט ווי אַן אָקס: ניין און ניין!

— ווי וואָלט געווען, — האָט זיך דער יונגער מאַן מיט'ן רחמנות-פּנים געווענדעט צו פּאָטייטאָשאָלעכץ'ן מיט כמעט אַ וויינענדע שטימע — ווי וואָלט געווען, ווען איך זעה זיך מיט מיסטער לעקיך אַליין וועגען דעם?... ער איז דאָך ניט קיין גזלן!...

— אַך, נאָך ערגער, אַ רעגעלער מערדער און צייטענווייז נאָך אַ סוואָלאָטש דערצו! מען זאָל אַזוי בעהאַנדלען יונגע שרייבער! נור — פּרובירט...

אַז דער לאַנג-האָריגער און רחמנות-פּנים'דיגער שרייבער, דער

מחבר פון „פערוועלקטע לאָקען" איז אַרויס, האָט זיך דער רעדאַק־
טאָר געווענדעט צום בעוואוסטען פּאָעט, מיסטער קראָכמאַל:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך האָב אייך געלאָזט
וואַרטען, איהר זייט מסתמא געקומען נאָך אַן ענטפער. איהר ווילט
דאָך קריגען אייער אַוואַנס, די פינף און ניינציג סענט פאַר אייער
געדיכט?

— געוויס.

— הם... וועגען דעם מוזט איהר זיך אָבער זעהן מיט מיין
אַסיסטענט, מיט מיסטער לעקיך. ער האָט צו שאַפען איבער דעם.

— דענקט איהר, אַז ער וועט מיר ניט ענטזאָגען?

— ווער ווייסט איהם, דעם גזלן! ווען איהר שטעהט צו
איהם צו, קענט איהר פיליכט פועל'ן, איך זאָג אייך אָבער פריהער,
אַז ער איז אַ מערדער, דער מיסטער לעקיך...

מיסטער לעקיך'ס צימער איז געווען קליין, דונקעל, שמוציג
און פערצויגען מיט פּאַוטינע.

ער אַליין איז געווען אַ קלייניגקער, דאַרינקער מענשעלע, מיט
קאַלטע וואַסערדיגע אויגען, מיט אַ שטימע פון אַ אידענע, וואָס
דאַרף באַלד געלעגען ווערען.

ווען מיסטער קראָכמאַל איז אַריין אין צימער, האָט ער וויעדער
דאָרט געפונען דעם פריהערדיגען בחור מיט די שרעקליך לאַנגע האָר
מיט'ן רחמנות־פּנים זיצענדיג נעבען מיסטער לעקיך און טרייסלענ־
דיג זיך ווי אַ בלאַט פון יעדען קלאַפּ אָן טיש וואָס מיסטער לעקיך
האָט דערלאַנגט מיט זיין דאַרינקען קולאַק.

— וואָס מיר פּאַטייטאָשאָלעכץ, ווען מיר פּאַטייטאָשאָלעכץ!

— האָט זיך מיסטער לעקיך געקאָכט — איך בין דער באָס... אייערע
ליעדער טויגען אויף ניינציג כפּרות!

— אָבער וואָרום? געוואַלד, וואָרום?

— גאָר פּראָסט, דאָס זיינען גאָר קיין ליעדער ניט, דאָס איז
געהאַקטע קרויט! באַטשווינע איז דאָס!

— למשל... ציינט מיר אָן וואו?...

מר. לעקיך האָט אַ כאַפּ געטהאָן אַ שטיקעל צונויפגעקוועטשטע
פּאַפּיער און גענומען לעזען:

„צו איהרע פיס האָב איך געבראַכט
די טרוימען פון מיין הארצען,
כ׳האָב איהר געזאָגט: אָ, גלויב אין זיי."

— — — — — — — — — — —

— נו, איז וואָס געפעלט אייך דאָ ניט? — האָט זיך צו איהם דער דיכטער געווענדעט, ווי אַ פער׳משפט׳ער.

— וואָס הייסט, וואָס געפעלט מיר דאָ ניט? דאָס איז דאָך קוואטש. „צו איהרע פיס"... כאַ־כאַ־כאַ! „צו איהרע פיס", — איהר מעגט זיך שעהמען מיט אזוינע ליעדער. ווען איך בין אויף אייער פלאַץ, וואָלט איך איינגענומען געז... אויף מיין עהרענ־וואָרט! אזאַ גרויסער בחור שרייבט עס אזעלכע פלוידערייען... וואָס דענקט איהר, וואָס, איך בין פאַטייטאַשאַלעכץ! שנעל, ווארפט זיך שוין ארויס און פערמאַכט די טהיר... איך לייד פון ראַמאַטעס.

ווען דער לאנג־האָריגער, צוזאַמענגעבראָכען פון שאַנדע איז ארויס, האָט זיך מיסטער לעקיך געווענדעט צום בעריהמטען פאָעט קראַבמאַל:

— און וואָס ווילט איהר?

— אַ גוטען מאָרגען, מר. לעקיך! איך... איך בין דאָס קראַב־מאַל... איך וויל מיינע פינף און נייִנציג סענט, דעם אוואַנס... מר. פאַטייטאַשאַלעכץ האָט געהייסען!...

מר לעקיך האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט שפּיזען אין זיינע פערגאַסענע אויגעלעך.

— עס איז נאָך ניט געדרוקט און איהר קענט קיין סענט ניט קריגען!

— איך מוז עס אָבער האָבען... עס איז ביי מיר אַ לעבענס־פראַגע... און מר. פאַטייטאַשאַלעכץ האָט געהייסען געבען..

— אַ מאָדנער מענש איז דער פאַטייטאַשאַלעכץ. ס׳איז איהם גרינג צו זאָגען: גיב!... וואָס הייסט איהר דאַרפט האָבען? און איך דאַרף ניט האָבען?... ווער דאַרף דאָס ניט האָבען?

היינט דאַרפט איהר אַן „אוואנס" אויף אייער ליעד, און מאָרגען... וועט זיך אייך נאָך פערוועלען מיין ווייב אויך...

— דאָס איז אַן אנדער זאַך, מר. לעקיך...

— אַך, רעדט ניט צו מיר... איך קען אייער חברה! ס'איז אַ מאָדנע וועלט היינט געוואָרען! פע... פוי... וואָס דענקט איהר, כ'וויים ניט, אז ס'איז יעצט געוואָרען אַ הפקר אויף די זאַכען?...

— איהר זייט אַ גרויסער פערד! — האָט קראָכמאַל אַ געשריי געטהאָן און איז אַרויס פון צימער.

מר. לעקיך איז געבליעבען אַליין אַ צושראָקענער און גענומען מיט אַ טאַש־טיכעל ווישען זיינע אויגען.

עס זיינען אוועק אַ פּאָר מינוט און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון וויינען.

*

— נו, וואָס? — האָט פּאַטייטאָשאַלעביץ אַ פרעג געטהאָן, ווען קראָכמאַל איז צו איהם ווידער אריין — געפּועל'ט?

— וויים איך וואָס!

— טאַקע ניט? אַזאַ גזלן איז דאָס? — איז שוין פּאַטייטאָשאַלעביץ אַרויס פון געדולד.

— וואָס רעדט איהר, אַ חוץ דעם וואָס ער איז אַזאַ קאַרגער הונד, איז ער נאָך אַ גרויסער פערד, אַ גראָביאַן!...

— אָבער וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

— היינט, זאָגט ער, בעטסטו געלד, און מאָרגען וועסטו בעטען מיין ווייב...

— וואָס הייסט? — האָט זיך פּאַטייטאָשאַלעביץ אָבגערופען אַ צוקאָכטער — וואָס הייסט, אַזאַ מערזאַוועץ! האָט איהר איהם געזאָגט, אַז איהר דאַרפט עס נויטיג?!

— אַלץ הייסט געזאָגט!

— אַך, ווען איך וועל שוין פּטור ווערען פון דעם עזעל, וועל איך פשוט די אויגען עפענען.

— איך פערשטעה, אַז איהר מוזט אויך האָבען פון איהם קאַלטס און וואַרימס.

— וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר, מר. קראָכמאַל! דער

מאַן לעגט מיך אין דער ערד אַריין. אַ מענש זאָל אַזוי שלעכט בעהאַנדלען שרייבער, קאַלעגען!

זיי זיינען אַ ווײַלע געבליבען זיצען.

— מר. פּאַטייטאַשאַלעכץ! — האָט זיך מיט אַ געבעט־שטימע געווענדעט צו איהם דער פּאָעט קראַכמאַל — טהוט מיר אַ פערזענליכע טובה... מיין ווייב געהט צו קינד מיט אַ צווילינג... איך מוז זי אָבפיהרען אין האָספּיטאַל... טהוט מיר אַ טובה און שרייבט מיר אָן אַ פּאָר ווערטער צו דעם ראַזבויניק, אַז איהר הייסט אַז ער זאָל עס טהאָן פאַר א י י ך פערזענליך!...

— מיט פערגעניגען! — האָט פּאַטייטאַשאַלעכץ זיך אָב־גערופען.

— איך וועל אייך זעהר און זעהר דאַנקבאַר זיין דערפאַר. — האָט קראַכמאַל אויסגערופען און איז אַוועק צום צווייטען רעדאַקטאָר.

ווען קראַכמאַל איז אַריין אין מר. לעקיך'ס צימער, האָט ער דאָרטען ווידער געטראָפען עפּעס אַן איבערגעשראָקענעם יונגען מאַן, אויף וועלכען דער רעדאַקטאָר מר. לעקיך האָט זיך געקאָכט:

— וואָס איז דאָס פאַר היסטאָרישע ראָמאַנען? ווער דאַרף זיי?! וואָס, פּאַטייטאַשאַלעכץ! וואָס איז מיר אייער פּאַטייטאַ־שאַלעכץ! פּאַטייטאַשאַלעכץ איז מיר ניט קיין בעל־דעה... היסטאָרישע ראָמאַנען גאָר... פון מתושלח'ס צייטען! — כאַ־כאַ־כאַ! — איהר האָט דען עפּעס אַ בעגריף פון יענער עפּאָכע?! כאַ־כאַ־כאַ — גוד־באַי! גוד־באַי! געהט זיך געזונטערהייט!...

און ווענדענדיג זיך צו מר. קראַכמאַל, האָט ער ווילד אויס־גערופען:

— אהא, איהר זייט שוין ווידער דאָ!

— איך האָב צו אייך אַ פּאָר ווערטער פון מר. פּאַטייטאַ־שאַלעכץ, — האָט קראַכמאַל געזאָגט, בייסענדיג די אונטערשטע ליפּ פאַר כעס.

מר. לעקיך האָט אַרויסגעריסען דאָס צעטעלע פון זיינע הענד, אַ שנעלען בליק געטהאָן אויף דעם און האָט עס אַריינגעוואָרפען אין וויסט־באַסקעט.

— ניטאָ, ניטאָ! — האָט ער זיך צושריען — אויף צו געבען געלד בין איך אַ באַלעבאָס!...

— וואָ—ס? — האָט קראָכמאַל אויסגערופען, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער פון אויפרעגונג — אַ באַלעבאָס זייט איהר? איהר זייט אַ קאַניבאַל, אַ מערדער, אַ סוואָלאָטש, אַ מערזאַוועץ זייט איהר, ניט קיין באַלעבאָס!...

אַליין ניט ווייסענדיג וואָרום און ווי אַזוי, האָט מר. לעקיך צוריק אויפגעהויבען דאָס צעטעלע פון ווייסט-באַסקעט און איז עס נאָך אַמאָל דורכגעלאָפען מיט זיינע וואַסערדיגע אויגען און האָט מיט אַ צובראָכענער שטימע, אין וועלכער עס האָט געקלונגען ווי חרטה און שאַנד, געזאָגט:

— געהט אריין אין אָפיס... נאַט אייך מיין קאַרד... איהר וועט קריגען...

מר. קראָכמאַל האָט אַ כאַפּ געטהאָן די קאַרד, און ארויסגעהענדיג האָט ער געשריען מיט נצחון:

— איהר זייט אַ גרויסער חזיר, איהר האָט ניט קיין ברעקעל געפיהל פון אַ מענשען! איהר זייט אַ מערזאַוועץ!..

*

געהענדיג צוריק, איז מר. קראָכמאַל אריין צו מר. פּאַטייטאָ-שאָלעכץ, האָט איהם שטאַרק געדריקט די האַנד און הערצליך בעדאַנקט פאַר דער טובה.

— איך בין זעהר צופריערען! — האָט פּאַטייטאָשאָלעכץ אויסגערופען מיט בעגייסטערונג — זעהר צופריעדען וואָס איהר האָט געקראָגען. גוד-באַי, מר. קראָכמאַל, גוד-באַי!

ווען קראָכמאַל איז אַוועק, האָט מר. פּאַטייטאָשאָלעכץ אריינגערופען מיסטער לעקיך צו זיך אין אָפיס.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַוואַנסען, מר. לעקיך? — האָט ער זיך צושריען — מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר זיך צו-וואָרפען מיט מיינע געלדער? איך האָב אייך אָוועקגעזעצט אין אָפיס און צאָהל אייך זעקס דאָלאַר אַ וואָך, אַז איהר זאָלט זיין דער הונד פון דער רעדאַקציע. אָבער אַנשטאָט אָבצורייסען אַ הויז אַן

אונגעווינשטען גאַסט, לעקט איהר זיך גאָר צו צו איהם !... אַלזאָ, געדענקט, מר. לעקיך, נאָך אַמאָל זאָל עס ניט פּאַסירען, איהר הערט ?

— ענטשולדיגט, — האָט מר. לעקיך, אַ טויט־בלאַסער און ציטערנדיג מיט יעדען אבר, זיך געבעטען — פון היינט און ווייטער וועל איך זיך שוין מיט זיי בעגעהען אַביסעל שטרענגער. איך האָב בעגאַנגען אַ גרויסע עולה, ענטשולדיגט !...

א. ל. באַראָן

דעמבענע סטרונעס

(אַ פּאַראָדיע)

שלעכטע צינגער האָבען פערשפּרייט אַ בייזען קלאַנג וועגען מיר איבער׳ן שטאָדט, נעמליך: אַז איך גײה ווערען אַ רעדאַקטאָר...

דער בריעפטרעגער איז גלייך אָהן כחות געבליבען שלעפּענדיג די באַנדלעך פּאָעזיע, פּראָזאַ, איין־אַקטיגע דראַמאַס און „בריעף אין רעדאַקציע".

אַלע יונגע דיכטער האָבען מיך אָנגעהויבען צו טריטען מיט קאַפּע און קייק און מיט פּאַפּיראָסלעך.

די שרייבער פון לאַנגע ערצעהלונגען האָבען אָנגעהויבען „אָנערקענען מיין טאַלאַנט" און רעדען מיט׳ן חניפות׳דיגען טאָן פון אַ קרעמער צו זיינע קונים. איין זונטאָג בין איך געווען איינגעלאַדען צו פינף דינערס פון פינף „ניט אָנערקענטע טאַלענטע". און בין איך געקומען צו אַ מיטינג פון פעראיין „יונגע ליטעראַטען", האָט מען מיך גלייך ערוועהלט אַלס טשערמאַן, און יעדער יונגער ליטעראַט איז געשטאַנען אין נעכסט צו דערלאַנגען מיר אַ גלאָז וואַסער. און בין איך געגאַנגען אין סטריט, זיינען שטענדיג נאָך מיר נאָכגעגאַנגען עטליכע ליטעראַרישע לצים.

פערשטעהט זיך, אַז קיין רוה האָב איך שוין ניט געהאַט, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט.

ס׳איז געווען נאָך גאַנץ פריה, איך בין ערשט געקומען פון אַ „טערקישע באָד", איך עפען אויף די טהיר פון מיין צימער — עס זיצט אַ יונגער מאַן מיט אַ רויטען פנים און מיט אַ פּאָר בלוי־גלעזערנע אויגען.

— איך בין געקומען אייך פאָרלעזען אַ ליעד, הערר רעדאַקטאָר — בעגעגענט ער מיך.

— אַזוי פריה! — שריי איך אויס — זייט איהר משוגע צי חסר דעה?

— איך האָב עס ערשט היינטיגע נאַכט אָנגעשריבען אין קאַפּע.

— אָבער... איך קען אייך איצט ניט אויסהערען! — ענטפער איך אזוי מיט כעס.

— איהר מוזט, הערר רעדאַקטאָר!...

זיין וויינענדיגער קול און טאַקע זיינע שמייכלענדע ווערטער „רע־דאַק־טאָר" האָבען מיך ווייכער געמאַכט און איך האָב איהם געהייסען לעזען.

דער יונגערמאַן האָט ארויסגעשלעפּט א קוויטיג טיכעל און האָט אָבגעווישט דאָס פּנים, פון וועלכען טייכען שווייס האָבען זיך געגאָסען, און גענומען לעזען:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטאַרקער ווי דעמבעס געוועזען,

איצט פליהען ארום אין דער נאַכט מיינע טויבען און זוכען א מאַמען..."

איך האָב קוים אָבגעפּאַכט דעם אָטהעם פון די לאַנגע שורות זיינע.

— יונגער מאַן! — האָב איך אויסגעשריען — געהט אהיים! איהר זייט א גרויסער טאַלאַנט!

— איהר מיינט עס ערנסט? — האָט ער געכאַפּט מיט זיינע צוויי רויטע און דיקע ליפּען קושען מיינע הענד.

— ערנסט, ערנסט, נור טשעפּעט זיך אָב!

— אָבער הערט זיך צו נאָך א מאָל! — האָט זיך דער יונגער מאַן געבעטען און גאַרניט וואַרטענדיג גענומען לעזען:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטאַרקער געוועזען ווי דעמבעס..."

דערפיהלענדיג, אז איך וועל זיך שוין פון דעם קערל ניט אָב־טשעפּען, האָב איך א כאַפּ געטהאָן מיין ראָק, און אין דער צייט

וואָס ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין דעקלאַמירען, האָב איך זיך אראָבגעגנב'עט פון די שטיגען.

דער חברה־מאַן האָט עס קענטיג דערשפּירט, ווייל גלייך האָב איך דערהערט א געלאַף פון די שטיגען. אין א מינוט ארום — ער איז שוין ווידער נעבען מיר.

— איהר האָט דאָך ניט אויסגעהערט דאָס גאַנצע ליעד... — האָט ער זיך געקליאַגעט, און ניט ווארטענדיג ביז איך זאָל אָבציהען דעם אָטהעם, האָט ער גענומען לעזען:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטאַרקער געוועזען ווי דעמבעס...“

דערזעהענדיג, אז ער איז שוין ווידער בעגייסטערט, האָב איך זיך אריינגעכאַפּט אין האָל, פערשלאָסען די טהיר און ארויף אין הויז.

א מיעדער האָב איך זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן זאָפע און גענומען לעזען א בוך. אינוועניג געפין איך עפּעס א פערשריעבענע שטיקעל פּאַפּיער. איך נעהם לעזען:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטאַרקער געוועזען ווי דעמבעס...“

דער חברה־מאַן האָט עס וואהרשיינליך מיר איבערגעלאָזען א קאָפּיע.

שטאַרק נערוועז און אויפגערעגט האָב איך צוריסען די ליעד אין שטיקער און זיך גענומען לעזען דאָס בוך.

אין א פּאָר מינוט ארום קומט אריין מיין ווייב.

— איך האָב פּאַר דיר געבראַכט א בריעף — זאָגט זי.

איך נעהם צו דעם בריעף, עפען איהם אויף און נעהם לעזען:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטאַרקער ווי דעמבעס“—

— צום טייפעל! — שריי איך אוים ניט מיט מיין קול — וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ! — געוואַלד, וואו אנטלויפט מען? וואו טהוט מען זיך אהין?!!

ווילד ווי א חיה האָב איך דעם בריעף צוריסען און זיך פער־שוואָרען מעהר ניט צו לעזען קיין זאך דעם גאנצען טאָג.

מיין ווייב קוקט מיך אָן ווי א משוגענעם און לויפט ארוים פון מיין צימער א צושראָקענע.

איך בלייב א ווײלע אליין, קום צו זיך. מיינע געדאנקען ווערען רוהיג. איך ליעג און טראכט. ביסלעכווייז נעהם איך דרעמ־לען און ווער אנשלאָפען.

כ־כ־כ! כ־כ־כ! כר־כר־כר... עס עפענט זיך די טהיר... עס קומט אריין דער פּאָעט... זיין פנים פלאמט... ער האלט אין האנד א בלאנקען רעוואָלווער — פיף־פאף... פיף־פאף... דאָס גאנצע צימער ווערט פול מיט רויך... ער ווארפט אוועק דעם רעוואָלווער... כאפּט מיך אָן פאר'ן גארגעל, שטעלט ארויף א פוס אויף מיין בויך און הויבט אָן לעזען:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטארקער ווי דעמבעס..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— געוואלד! — שריי איך — איך וויל ניט הערען... איך וויל ניט... איך — איך־ך!

דער פּאָעט ווערט אין כעס... גיט זיך א וואָרף איבער מיר... ער ווערגט מיך... ר—ר—! כ־כ־כ־כררר...

אז איך האָב זיך אויפגעכאפּט איז נעבען מיר געשטאנען מיין ווייב מיט א גלאָז וואסער אין האנד און געשריען:

— וואָס איז דער מעהר מיט דיר, וואָס?

— איך וויל ניט הערען... איך וויל ניט... הערען! — שריי איך אין איין קול.

— וואָ—אָס? וואָס ווילסטו ניט? — —שרייט אוים מיין פרוי טוידט־בלאַס...

איך דערצעהל מיין ווייב די גאנצע געשיכטע. זי מאכט פון דעם א געלעכטער און זאָגט:

— א יונגער מאן איז דאָ גור וואָס געוועזן. ער האָט מיר געבראכט א באקס קענדי און געבעטען, אז ווען דו וועסט אויפשטעהן פון שלאָף, זאָל איך דיר גלייך איבערלעזען דאָס דאָזיגע צעטעלע:

„די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זיינען שטארקער ווי דעמבעס...“

— גוואלד !... גוואלד !... וואָס וויל מען פון מיר האָבען ! גוואלד !... גוואלד !...

און אַזוי שרייענדיג בין איך צוגעלאָפען צום פענסטער און האָב זיך ארונטערגעוואָרפען אויפ'ן טראָטואר..

*

פון דעמאָלט אָן פיהרט מיך מיין ווייב אַרום אויף אַ וועגעלע, אָבער איך האָב ניט קיין חרטה אויף מיין געוואַגטען שריט. פון דעם פאָעט מיט די דעמבענע סטרונעס בין איך פּטור געוואָרען.

ח. גאָטעספעלד

פערזאָרגט די בנים

איך אַליין בין מיר אַ שוואַכינקער, אַ קליינינקער, אַ גאָר־ניט; אָט הויבט זיך ביי מיר אָן דאָס קעפּעל און אָט ענדיגען זיך שוין ביי מיר די פיסלעך — פון דעסטוועגען פערמאָג איך מיר מיין אייגענס אַ זעקס קינדער, און אַלע געראָטענע, אַלע זיהן, אַלע בנים, יונגען מיט פּיסקעס, מיט קייערס, מיט אַ גוי'שען אַפּעטיט; אַז זיי נעהמען זיך צו אַ קוילעטש, איז וועה צו דעם קוילעטש'עס יאָהרען! זיי צופּלעכטען איהם און צודרעהען איהם אַזוי, אַז עס בלייבט ניט פון איהם קיין שריד ופּליט. און טאָמער חס וחלילה איך קען זיי אַזוי פיעל ברויט ניט ליפערען, זיינען זיי בערייט מיך אליין איינצושלינגען — און זיי זיינען עס בכח, די חברה!

איך, אַ קליין טאַטעלע, און זיי, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, בנים מיט קייערס, מיט אַן אַפּעטיט — איז טאַקע סכנות נפשות.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה: אַ אידענע קלאַפּט ביי מיר אין דער טהיר.

— קאָם אין! — צושריי איך זיך און דערשרעק זיך, ווייל ווער האָט עס ביי מיר צו קלאַפּען? מיינע ביזנעס?

און אַ אידענע לאָזט זיך אריין.

— גוט נאָבענט!

— גוט יאָהר!

— איהר זיינט דאָס דער טאַטע פון דעם יונג וואָס האָט אויסגעקלאַפּט אַ „ווינדאָו" אין מיין סטאָר? — פרעגט די אידענע.

איך טהו אַ צעהל איבער מיינע בנים: איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף פּיסקעס — עס פעהלט איינער.

— יאָ, איך בין עס אודאי דער טאַטע פון יענעם בחור — טהו איך מיר אַ שטעל פאַר.

— נו, וועט איהר אַזוי גוט זיין בעצאָהלען פאַר דער „ווינדאָו", אַלאַ ביט, קריגט איהר איהם ניט צוריק.

— וואָס, מיין בחור איז ביי אייך? — פרעג איך מלא שמחה.

— יעס — זאָגט זי — מיין מאַן האָט איהם געכאַפּט און ער האַלט איהם.

— לאַנג לעבען זאָל אייער מאַן דערפאַר — זאָג איך איהר.

— אָבער איהר וועט מוזען בעצאָהלען פאַר דער ווינדאָו — מאַכט זי — אַלאַ ניט, וועט איהר ניט קריגען צוריק אייער בחור — סטראַשעט מיך וויטער די אידענע.

— דאַצרייט! — שאָקעל איך מיט'ן קאָפּ.

די אידענע איז פערשוואונדען און שפּעטער מיט אַ פּאָר שטונדען לאָזט זיך צו מיר אַריין אַ הויכער איד — פון די הויכע אידען.

— איהר זיינט דאָס דער טאַטע, דאָס טאַטעלע פון דעם באָמער, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט די „ווינדאָו" פון מיין סטאָר?

— יעס, איך! — שטעל איך מיך פאַר.

— איך מאַך אייך בעקאַנט — זאָגט ער — אַז איהר דאַרפט מיר בעצאָהלען פאַר דער „ווינדאָו"!

— אַז איך דאַרף אייך בעצאָהלען פאַר דער „ווינדאָו" — ברום איך איהם נאָך.

— און אויב איהר וועט ניט בעצאָהלען, קריגט איהר ניט צוריק אייער בחור.

— און אויב איך וועל ניט בעצאָהלען, קריג איך ניט צוריק מיין בחור — זאָג איך איהם נאָך.

— מיסטער — שרייט אויף מיר דער איד — איהר מאַכט גאָר חוזק?

— חלילה, איך מיין ערנסט — זאָג איך.

— אָבער פאַרוואָס בעצאָהלט איהר ניט? — פרעגט דער איד שוין ווייכער.

— איך — זאָג איך — אַז איך צאָהל ניט, פאַלט מיר אָב אַ שטיק געזונד.

— טו פאַר וואָס־זשע צאָהלט איהר ניט? — פרעגט דער איד.

— פאַר וואָס־זשע צאָהל איך ניט? — פרעג איך איהם.

— פאַר וואָס? — שרייט דער איד.

— פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם גראָסערי מאַן? פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם בוטשער? — פרעג איך.

— פאַר וואָס? — שרייט דער איד.

— און פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם לענדלאָרד? — פרעג איך ווייטער.

— פאַר וואָס? — בייזערט זיך דער איד.

— און פאַר וואָס צאָהל איך ניט דעם אַגענט פון דער זינגער־מאַשין? — פרעג איך.

— פאַר וואָס? — געוואַלדעוועט דער איד.

— עס איז אַ גאָט'ס רחמנות אויף דעם אַגענט — זאָג איך — יענער איז שוין געווען צוועלף מאָל מאָהנען און פאַר וואָס צאָהל איך איהם ניט, פאַר וואָס?

— פאַר וואָס?! — קלאַפּט דער איד שוין אין טיש.

— און פאַר וואָס צאָהל איך איך ניט פאַר דער „ווינדאָו"? — זאָג איך — אייער ווייב איז ביי מיר געווען איין מאָל און איהר זייט שוין דאָ צום צווייטען מאָל.

— אדרבא, פאַר וואָס? — וויל דער איד מיך באַלד דורם זיין.

— נו, זייט אַ חכם און טרעפט פאַר וואָס? — זאָג איך.

— מיסטער, איהר האָט ניט געטראָפען קיין יאָלד, מיט מיר שפּאַסט מען ניט, אויב איהר וועט ניט צאָהלען, האַלט איך אייער בחור פאַר אַ משכון.

— דאַצרייט! — זאָג איך איהם נאָך.

דער הויכער איד איז אַוועק און איך האָב מיך גענומען פיהלען גאָר דאַסיג! שוין, דאַנקען גאָט, פערזאָרגט איין זוהן. — סעמי, דזשייקי, איזי, היימי! — האָב איך מיך געווענדעט צו מיינע איבעריגע בנים — נעהמט שטיינער און לאָזט זיך אַרויס אויס־האַקען פענסטער!...

ח. גאָטעספעלד

איך אדער דער דאָלאַר!

(אַ מאָנאָלאָג געהאַלטען אין אַן אויפגערעגטער שטימונג)

איך, אָדער דאָלאַר? — אָט דאָס איז די פראגע!

ווער איז עם דאָס אַזעלכער, דער פּאַסקודניאַק, דער דאָלאַר? איז ער אַ איד, איז ער אַ מאַנספּאַרשוין, איז ער אַ טאַטע פון קינדער, איז ער אַ סקווירט אַפּרייטאר?

איך, אָדער דער דאָלאַר?

ווער איז ער דאָס, דער פּאַסקודניאַק, וואָס האָט די חוצפּה צו פערגלייכען זיך מיט מיר, דעם יחסן, ר׳ טרייטעל׳ם זוהן, ר׳ משה׳ם איניקעל, פּעסי׳ס מאַן און יונה׳לע דעם סקווירט-אַפּרייטאר?

איך, אָדער דער דאָלאַר?

אָט דאָס איז די פראגע, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר און וויל ניט אָבטרעטען. אָט, אדרבא, לאָמיר זעהען אויף אַ ציקאַוועסט:

בין איך ר׳ טרייטעל׳ם זוהן, אָדער ניט?

יא, איך בין ר׳ טרייטעל׳ם זוהן.

בין איך דער מאַנספּאַרשוין אָדער ניט?

יא, איך בין דער מאַספּאַרשוין.

בין איך אפשר ניט יונה׳לע דער סקווירט-אַפּרייטאר?

יא, איך בין יונה׳לע דער סקווירט-אַפּרייטאר. איך און ניט קיין אנדערער!

בין איך פּעסי׳ס מאַן, אָדער איז דער דאָלאַר פּעסי׳ס מאַן?

יא, איך בין פּעסי׳ס מאַן!

היינט בלייבט דאָך אַלץ די קשיא: ווער איז מעהר יחסן, איך אָדער דער דאָלאַר?

אַז איך קום אַהיים צו מיין פּעסי׳ן אָהן דעם פּאַסקודניאַק, אָהן דעם דאָלאַר אין קעשענע, איז כּאָטש שריי: אני יונה, אני פּעסי׳ס מאַן, אני, איך האָב חתונה געהאַט מיט פּעסי׳ן — זי דערקענט

מיך ניט, זי עפענט אויף מיר א פּיסקעל, אז איך וועל אויס מאַנס־פּאַרשוין, אויס א י ך, אויס ר׳ טרייטעל׳ס זוהן, אויס יונה׳לע דער סקווירט אַפּרייטאָר, אויס פּעסי׳ס מאַן.

— יונה, — זאָגט זי — (איך הייס שוין דאַמאָלס יונה, ניט יונה׳לע) — אז מען איז א קליינער פערדיענער, דאַרף מען ניט פערהונגליקען א ווייב מיט קינדער.

סטייטש (וויל איך שרייען, נור איך האָב קיין מוטה ניט) — ווער איז דאַרין מעהר שולדיג ווי דו? איך מיט מיין אייגענעם רצון וואָלט נאָך היינט געוועזן א לייטישער באַי מיט באַיעס גלייך, נור דו האָסט מיך דערצו איבערגערעדט:

— יונה׳לע (דאַמאָלס האָב איך געהייסען יונה׳לע, ניט יונה), צו וואָס דאַרפען מיר זיך לאַנג ארומשלעפּען?

— יונה׳לע, לאָמיר בעסער האָבען אן אייגענע היים!

— יונה׳לע, עס איז מיר שוין נמאס צו וואוינען ביי דער מיסעס!

— יונה׳לע, לאָמיר שוין געהן חתונה האָבען!

— יונה׳לע, מיר וועלען זיך לעבען ווי די טויבען.

— יונה׳לע, עס וועט אונז זיין אזוי גוט!...

— יונה׳לע, דו וועסט שוין זעהען...

און איצט? זי האָט מיך נור אריינגעכאַפּט אין זאַק אריין, האָט מיט מיר חתונה געהאַט און געהאַט א קינד, צוויי, דריי, פיער אהא, זי פערלייקענט מיך שוין!

ברענג איך אהיים די „פּיידע“, איז הרי טוב, האָט מען פאַר מיר דרך ארץ. דעם טאָג איז: אני, יונה׳לע, אני, טרייטעל׳ס זוהן, אני, פּעסי׳ס מאַן; אָבער דעם צווייטען טאָג, ווען דער פּאַסקוד־ניאַק, דער דאָלאַר, געהט איבער פון מיין רשות אין פּעסי׳ס רשות אריין, ווער איך אויס יונה׳לע, אויס פּעסי׳ס מאַן.

איך אָדער דער דאָלאַר? בין איך פּעסי׳ס מאַן, אָדער ביזטו, דאָלאַר, פּעסי׳ס מאַן?

אויב דו דאָלאַר, ביזט פּעסי׳ס מאַן, מהכיא תיתי, איך לאָז זי דיר צו מיט קנין און מנין, „אתה מלך“, זיי דו פּעסי׳ס מאַן! פיהר דו די מלוכה!

אויב אָבער דו גלייכסט ניט מיין רויטע אידענע און דו ווילסט ניט ליידען פון איהר פּה הקדוש, דאַן לאָז מיך געוועלטיגען, דאַן לאָז מיך זיין פּעסי'ס מאַן!

אז איך זאָל פון איהר ליידען, אויסשטעהן געברענטע צרות, און דו זאָלסט ערשט זיין פּעסי'ס מאַן — דאָס וועל איך ניט דולדען!

איך אָדער דו?...

אָט דאָס מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל געסעטעלט ווערען!...

איך, אָדער דער דאָלאַר!

יצחק רייז

דער נאַקעטער קעניג

(פריי נאָך ה. ק. אַנדערסען)

אמאָל איז געווען אַ קעניג. און דער דאָזיגער קעניג האָט ניט אין זינען געהאַט ניט דאָס לאַנד און ניט דאָס פאָלק — נור זיך אַליין. און מעהר ווי אַלצדינג האָט ער ליעב געהאַט שעהנע מלבושים פון זיידענס און גאָלד און פורפור און אַטלעס.

איינמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָבען זיך אין קעניג׳ס פּאַלאַץ געמאָלדען צוויי יונגען און זיי האָבען אַזוי געזאָגט: אדוני קעניג! מיר קומען פון זעהר אַ ווייטען לאַנד דיר צו ווייזען אונזער קונסט. מיר זיינען וועבער. און די געוואַנד, וואָס מיר וועלען וועבען פאַר דעם קעניג, וועלען פערבלענדען דיינע קעניגליכע אויגען מיט דער שעהנהייט פון זייערע פאַרבען. און דערצו האָבען זיי נאָך אַ מעלה, וואָס זיי זיינען אונזיכטבאַר פאַר יעדען מענשען, וואָס איז ניט געטריי צו זיין אמט, אָדער וואָס פּאַסט זיך ניט פאַר דער שטעלע, וועלכע ער פערנעהמט.

דעם קעניג זיינען די רייד פון די צוויי יונגען געפעלען געוואָרען און ער האָט ביי זיך אַזוי געטראַכט: איצט וועל איך האָבען אַ געלעגענהייט צו וויסען ווער פון מיינע מיניסטאָרען און הויף־לייט איז מיר ניט געטריי און ווער עס פּאַסט זיך ניט פאַר זיין שטעלע.

מען האָט באַלד געבראַכט גרויסע שפּולען מיט גאָלד־פאָדים און זילבער־פאָדים און טהייערע זיידענס, וועלכע די וועבער האָבען בעהאַלטען און זיך גלייך געשטעלט צו דער אַרבייט, דרעהענדיג דאָס ראַד פון אַ לעדיגען וועב־שטוהל.

צוויי טעג מיט צוויי נעכט האָבען די וועבער געאַרבייט אויף דעם לעדיגען וועב־שטוהל, שניידענדיג מיט די שערען אין דער לופט און בלומרשט איבעררייסענדיג דעם פאָדים מיט די פינגער...

אויפ׳ן דריטען טאָג האָט דער קעניג זיך געקליבען צו געהען אויף אַ פּאַראַד און ער האָט דאַרום אריינגעשיקט איינעם פון זיינע מיניסטאָרען צו זעהען, ווי די וועבער האַלטען מיט זיין מאַנטעל.

אַז דער מיניסטער איז אַריינגעקומען איז ער געוואָרען איבער־ראַשט צו זעהען די צוויי יונגען אַרבייטענדיג ביי אַ לעדיגען וועב־שטוהל.

— זאָל עס זיין, אַז איך בין ניט געטריי מיין אַמט? — האָט געטראַכט דער מיניסטער.

אין דער ווײַלע האָבען די צוויי שווינדלער בלומרשט געמאַכט אַ בעוועגונג ווי זיי וואָלטען פאַנאַנדערגעשפּרייט אויף דער ערד אַ לאַנגע שטיק געוואַנד און שמייכלענדיג האָבען זיי איהם געפרעגט, ווי עס געפעלט איהם, און ער האָט געענטפערט: „גרויסאַרטיג!" אַזעלכע פאַרבען און אַזאַ איידעלען געוועב האָט ער נאָך ניט געזעהן זינט ער לעבט!

אַז ער האָט דאָס דערצעהלט דעם קעניג, איז ער געוואָרען זעהר דערפרעהט. איצט, האָט ער געטראַכט, וועלען איהם אַלע קעניגע און קייזאָרים מקנא זיין צוליעב דעם טהייערען מאַנטעל. בכדי אָבער אויסצופּרופען די איבריגע הויף־לייט, צי זיי פּאַסען זיך פאַר זייערע שטעלען, האָט ער זיי איינעם נאָכ'ן אַנדערען אַריינגעשיקט אין דעם וועב־קאַמער בעטראַכטען זיין נייעם מאַנטעל. אָבער אַזוי ווי יעדער איינער איז געווען קלוג גענוג ניט אַרויפצוציהען אויף זיך קיין חשד, האָט יעדער צוגעגעבען אַז דער מאַנטעל איז אַ זעלטענ־הייט צווישען מאַנטלען.

אַז עס איז אונטערגעקומען די צייט, ווען דער קעניג האָט זיך בעדאַרפט אויספּוצען אין זיינע שעהנסטע קליידער פאַר'ן פּאַראַד, איז ער אַריין אין קאַמער צו די צוויי וועבער־יונגען און... ער איז געוואָרען איבערראַשט צו זעהען, ווי זיי אַרבייטען ביי אַ לעדיגען וועב־שטוהל.

„קיינער דאַרף ניט וויסען, אַז איך פּאַס ניט פאַר מיין שטעלע!" האָט זיך דער קעניג באַלד איבערלעגט. און אַז די צוויי שווינדלער האָבען געמאַכט אַ בעוועגונג ווי זיי וואָלטען פאַנאַנדערגעוואָרפען אַ לאַנגען שטיק געוואַנד, האָט עס דער קעניג בלומרשט בעטאַפּט מיט די פינגער און בעוואונדערט די אויסטערלישע פאַרבען, וואָס האָבען, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, פערכאַפּט דאָס אויג.

דאַרויף האָט זיך אָבגערופען איינער פון די צוויי יונגען:

— אויב דעם קעניג געפעהלט, זאָל ער זיך אויסטהאָן אַלע זיינע קליידער און מיר וועלען איהם אָנטהאָן אין דעם נייעם מאַנטעל, אין וועלכען ער זאָל געהן צום פּאַראַד.

דער קעניג האָט איינגעשטימט.

באַלד איז ער געשטאַנען גאַנץ נאַקעט פאַר די צוויי שווינדלער, וועלכע האָבען זיך בלומר'שט בעשעפטיגט מיט אויפהענגען דעם מאַנטעל אויף דעם קעניג'ס ווייסע אַקסלען.

— נו, ווי געפעלט דיר דעם קעניג'ס נייער מאַנטעל? — האָט געפרעגט איין בירגער דעם צווייטען, זעהענדיג דעם נאַקעטען קעניג רייטענדיג פאַראויס אין פּאַראַד.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ מאַנטעל! — האָט דער אַנדערער אויסגערופען מיט בעגייסטערונג — טאַקע נור אַ קעניג קען זיך פערגינען אַזאַ מלבוש!

— איהר זיינט עפּעס אַ מבין אויף די פאַרבען? — האָט אַ דריטער בירגער זיך אַריינגעמישט...

— עס פערכאַפּט די אויגען! — האָט אַריינגעוואָרפען אַ פיערטער.

— אַ רעגענבויגען קען ניט זיין שעהנער! — האָט אונטער־געהאָלפען אַ פינפטער.

— זעה נור דעם נאַקעטען מאַן! — האָט זיך אין ערגעץ דער־הערט דאָס קול פון אַ קינד...

און אַלע האָבען מיט אַמאָל אַראָבגעלאָזען די קעפּ און זיך פערשעהמט...

משה נאַדיר.

אז גאָט וויל

און אָנגעהויבען האָט ער אַזוי:
אנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט „בטחון" !

אַ מענש, הערט איהר, טאָר קיינמאָל ניט אראָבפאַלען ביי זיך, ניט זינדיגען מיט די רייד... נור מקבל זיין אַלצדינג באהבה... וואָרים קיין שום מענש ווייסט ניט וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט ברענגען... אָט גאָר דעמאָלט, ווען די נויט איז שוין אַם גרעסטען, ווען דער חלף ליעגט שוין אויפ'ן האַלז, קען זיך מיט אַמאָל אַ דרעה טהון דאָס רעדעל — און... ווי איך'ל אייך באַלד געבען אַ משל.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ביי אונז אין שטעדטעל געוואוינט אַ יונג און אַ מיידעל. ער, בערעל, איז געווען אַן אָרעם־בחור, אַ יתום, אָהן פריינד און אָהן אַ גואל, האָט ער געגעסען קעסט ביי אָרימע בעלי־בתים... צוגעהונגערט אַ ביסעל... און בסך־הכל איז ער געווען אַ בלאַסער, אַ חלוש...

קוים, קוים אַ ווינטעל איז ער אומגעפאַלען.

זי — זיין שפּעטערדיגע אשה חאַנצע — איז אויך געווען אַ יתומה, אָהן אַ טאַטען, און דערצו נאָך אַ קרומע אויף אַ פוס.

געדיענט האָט זי ערגעץ ביי ר' יאָסעלע שענקער — אַ איד אַ „האבון", מיט אַ שעהנעם פנים, נור אַ מיאוס'ען הארץ... זאָל איהם גאָט ניט שטראָפען... און וואָס דאָס מיידעל האָט פערדיענט, האָט זי אוועקגעגעבען דער מוטער — געננוג צו דערהאַלטען די נשמה.

אז די צייט איז געקומען און דאָס מזל האָט צונויפגעפּאָרט „שקר מיט שלים־מזל" — בערלען מיט חאַנצען הייסט דאָס — מילא, איז מען דאָך אידישע קינדער — מאַכט מען חתונה כדת משה וישראל.

קלעזמער האָבען געשפּיעלט אומזיסט, ר' יאָסעלע שענקער האָט צושטייער געגעבען אַ פלעשעל משקה... נור קיין יויך איז ניט געווען — אפילו ניט קיין פּראָסטע... און חלות אויך ניט. אנשטאָט

דעם האָט מען געקויפט צוויי זעמעל צו קאָפּיקעס... אבי מקיים צו זיין די סעודת מצוה...

נו, קען שוין געמאָלט זיין אַ גרעסערע אָרעמקייט, אַ גרעסערע שפלות, ווי די דאָזיגע?... פון דעסטוועגן, אַז גאָט וויל...

עס איז ניט געווען קיין צוויי יאהר נאָך זייער חתונה, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אָדעס.

און וואָס טויג עס אייך? איך זאָל אַזוי דערלעבען צו זעהען נחת ביי אונזערע קינדער און איהר ביי אייערע, ווי איך האָב זיי אליין, מיט מיינע אייגענע אויגען, געזעהען אויף איינע פון די פּאַראַדנע גאַסען געהענדיג — — — איבער די הייזער...

יעקב יוסף.

א סצענע אין געריכט

דער אנגעקלאָגטער איז א איד א פעדלער. מען האָט געגען איהם ארויסגעקראָגען א „דזשאָדזשמענט". דער אדוואָקאט פון דעם צווייטען צד האָט איהם ארויסגערופען אין קאָורט, אום אויסצוגעפינען, וואָס ער פערמאָגט און פון וואָס מען קען ביי איהם אויפמאָהנען דעם חוב.

לאָיער: דו יו ספיק אינגליש?

איד: ניט מעהר זאָלען מיינע שונאים און ניט־פערגינער לעבען, רבונו של עולם!

לאָיער: פערהייראַט?

איד: וואָס־זשע, עס פאַסט מיר נאָך ניט? שוין, דאכט זיך, ראוי.

לאָיער: האָט איהר קינדער?

איד: אי, זיינט איהר, זאָלט איהר מיר קיין פאראיבעל ניט האָבען, א חכם! שור — קינדער!

לאָיער: וואו וואָהנט איהר?

איד: איהר דארפט עס נויטיג וויסען?

לאָיער: ענטפערט, ווען מען פרעגט אייך!

איד: זעה נור! באלד צינדט ער זיך אָן! וואו איך וואוין? ביי מיין טאָכטער, זאָל לעבען, וואוין איך.

לאָיער: איהר מיינט, אז די טאָכטער וואָהנט ביי אייך.

איד: העי, מיסטער, זאָל זיך אייך נור ניט חלומ'ען!

לאָיער: שרייט ניט אויף מיר און שפייט מיר ניט אין פנים! דאָס גאַנצע פנים פערשפיגען.

איד: וואָס דען? איהר קענט, דאכט זיך, א טויטען אין כעס מאכען. געהערט אן איינפאל: אפשר! נא סער! גאָר אפשר!

לאָיער: נו־נו! זאָל שוין זיין גענוג! וואָס טהוט איהר?

איד: וואָס איך טהו? איך דאווען, איך עס, איך...

לאָיער: מאַכט זיך ניט פאר קיין תם! איך פרעג, פון וואָס מאַכט איהר א לעבען.

איד: עה, ווען איך מאַך אַ לעבען!

לאָיער: טאָ פון וואָס לעבט איהר?

איד: אדרבה, איהר זיינט דאָך עפּעס אַ לאָיער, זאָגט איהר, פון וואָס לעבט מען.

לאָיער: פערדיענען אייערע קינדער?

איד: איהר מוזט עס טאַקע נויטיג וויסען? און אָהן דעם וועט איהר זיך ניט קענען „בעדרעהן“?

לאָיער: איך ראַטה אייך בעסער צו ענטפערן.

איד: מילא!... זיי פערדיענען... צרות פערדיענען זיי!... נו, וואָס האָט איהר גע׳פּועל׳ט?

לאָיער: האָט איהר ציערונג?

איד: אַ נאָז־באַנד.

לאָיער: האָט איהר געלד אין באַנק?

איד: אַז ראָטהשילד האָט, איז דען ניט אַלץ איינס?

לאָיער: קען מען טאַקע ביי אייך גאָר ניט נעהמען?

איד: איהר מיינט אָט אַזוי נעהמט מען און מען נעהמט?

לאָיער: וויפיעל איז ווערטה אייער מעבעל?

איד: וואָס דאַרפט איהר זיך נאַריש מאַכען און פרעגען פרייזען, איהר וועט דען קויפען?

לאָיער (אין כעס): איהר וועט ענטפערן ווי אַ מענש?

איד: וויא — וואָס?

לאָיער (רויט פאַר רציחה): איהר וועט סטאָפּען צי ניין?

איד: זעהט נאָר, איך בעט אייך, מען טאָר שוין גאָר קיין וואָרט ניט פרעגען.

לאָיער: געהט, געהט שוין! וואָרים איך׳ל...

איד: אַ חכם! און מאָרגען וועט ער מיך ווידער שלעפּען אהער...

לאָיער (שפּרינגט אויף און נעהמט זיך ארויסלויפען): צו אַל־די שווארצע יאָהר!

איד (לויפט איהם נאָך): מיסטער, מיסטער! (און ווען דער לאָיער קוקט זיך אום, פערנייגט ער זיך און זאָגט איהם:) גוד באַי! גוד באַי!

אין קאמפיין צייט

צווישען קאמפיין־פערד

(אין שטאל, נאך א פפען־עיר מיטינג.)

ערשטער פערד: דרעמעלסט שוין?
צווייטער פערד (פארשקעט): נאך ניט.
ערשטער פערד: דעם וויפיעלטען האבען מיר היינט?
צווייטער פערד: דעם פיערטען.
ערשטער פערד: און ווען וואוט מען?
צווייטער פערד: דעם אכטען.
ערשטער פערד: א כאלעריע זאל זיי כאפען, די קוואטשערס, די לייזאקעס — ביז דעם אכטען דארפען מיר נאך זיי שלעפען!
צווייטער פערד: וועמען שלעפסט דו?
ערשטער פערד: די דעמאקראטען. און דו?
צווייטער פערד: די סאציאליסטען!
ערשטער פערד: מילא, דער שלעפען, ווי דער שלעפען, אבער דאס אבשטעהן די לאנגע אבענדען און אויסהערען זייערע קוואטש — דאס לעגט מיך אין דר'ערד אריין.

צווייטער פערד: איך בעט דיך, ברודערקע, דערמאן מיר ניט זייערע דרשות, ווארים דאס מאכט מיך זעהר פעסימיסטיש. זאג מיר בעסער, פאר וועמען וואוטסט דו?

ערשטער פערד: איך? תמיד פאר דער קארעטע!

דריטער פערד (וועלכער שלעפט פועלי ציון טראקס, מיט א בייל אויפ'ן קאפ, וואס זעהט אויס ווי א מגן דוד, קומט צו און כאפט זיך א הונגעריגער צום רעשט האבער, וואס איז נאך פערבליבען אין א ווינקעל, מורמעלט, עסענדיג): פון וואס רעדען עס אידען, מיין איך פערד?

ערשטער פערד: נו, ווי געפעלט אייך דער שלאק?

צווייטער פערד (קוקענדיג בייז אויפ׳ן גאסט): וואס געהט עס דיך אן? — דו, ארץ־ישראל׳ניק, דו שלעפ סכך, לולבים און הושענות — דאטס אלל! און מיש זיך ניט אריין אין אמעריקא־נישע ביזנעס!

א ראץ (לויפט פלוצלונג פערביי די קארעטע): האט ניט אימיצער פון אייך א שטיקעלע חלב׳נע ליכט?

אלע צוזאמען: אוועק דו שרץ איינער! מען רעדט דאך עפעס וועגען וויכטיגע ענינים!

דער שטאהל־באק (גיט יעדען פון זיי א שטויס אין הינטען און זאגט): וואס ווייסט איהר פון פאליטיק? לאזט מיך רעדען!

דער ראץ: ציגען־באבקעס זיינען עפעס געשמאק?

דער באק (ניט קוקענדיג אויפ׳ן ראץ): איהר ווייסט דען פאר וואס מען וואוט?

די פערד (מיט א הירזשע פון פראטעסט): ווער, צום שווארץ יאהר, האט דיך געבראכט? דו ביזט דאך גאר קיין סיטיזען ניט!

דער באק: איך בין א רוסישער רעוואלוציאנער.

די פערד (ערשטוינט און איבערצייגט): אויב אזוי, איז שוין רעכט.

דער ראץ: פערד בלייבען פערד! (אנטלויפט).

צווישען וואוטערס.

(אונטערגעהערט אויף אן ס. פ. מיטינג אין קלינטאן האלל)

— ווער איז א גרעסערער סאציאליסט, קארל מארקס אדער אונזער קאנדידאט?

— ס׳א פראגע! געוויס אונזער קאנדידאט.

— פון וואנען איז עס געדרונגען?

— ס׳הייסט פון וואנען? ווען קארל מארקס וואלט געווען א גרעסער סאציאליסט, וואלט מען דאך בעסער איהם ארויסגעשטעלט פאר קאנגרעסמען אין נייטען דיסטריקט!

— א מאָל איז עס גאָר קיין ראיה ניט: אַלס סאָציאַליסט, קען טאַקע זיין, אַז מאַרקס איז געווען א גרעסערער, אָבער אין א קאַמפּיין דאַרף מען א פּאָליטיקער, און אַלס פּאָליטיקער — ווי קומט קאַלר מאַרקס צו אונזער קאַנדידאַט?

צווישען סאָציאַליסטען.

ערשטער: פאַר וועמען וואוט איהר, פאַר די ס. פּ. אָדער ס. ל. פּ.?

צווייטער: איך בין ניט קיין ס. ל. פּ.־מאַן.

ערשטער: וועט איהר, הייסט עס, וואוטען פאַר די ס. פּ.?

צווייטער: ניין.

ערשטער: ארויסגעמופט אין בראָנקס אָדער בראָנזוויל?

צווייטער: אויך ניט. פאַר די לעצטע 25 יאָהר וואוין איך אין הענרי סטריט.

ערשטער: איהר האָט זיך ניט רעדזשיסטרירט?

צווייטער: איך האָב נאָך ניט ארויסגענומען די ע ר ש ט ע סיטיזען־פּייפּערס.

גערוּלד

(אַ סצענקע ביי אַן אויגען־דאָקטאָר)

— אַלזאָ, דאָקטאָר, ווען וועט איהר פאַרטיג האָבען מיינע ברילען ?

— אייערע ברילען װעלען זייז פאַרטיג דיענסטאָג אַרום דריי אוהר.

— װעלען זיי זיין שטאַרק ?

— יא, מאַדאַם.

— די בעסטע געשליפענע גלעזער ?

— יא, מאַדאַם.

— דיענסטאַג אַרום דריי אוהר, זאָגט איהר ?

— יא, מאַדאַם.

— איהר וועט מיר צוגעבען אַ באַקסעל ?

— געוויס, מאַדאַם.

— די פריהעריגע זיינען ניט געווען גוט גענוג.

— די װעלען שוין זיין אָלל־ראַיט, מאַדאַם.

— קען דאָס ניט פאַרטיג ווערען דיענסטאַג מיטאָג ?

— ניין, מאַדאַם.

— האָב איך אייך געזאָגט, אַז איך וויל ניט קיין פריימס ?

— יא, מאַדאַם.

— איהר זאָלט מיר געבען די בעסטע סאָרט גלעזער.

— אָלל־ראַיט, מאַדאַם.

— מאַכט זיי גוט און שטאַרק.

— גוט און שטאַרק, מאַדאַם.

— װעלל, אַ גוטען טאָג.

— אַ גוטען טאָג, מאַדאַם.

זי געהט צו צו דער טהיר און קעהרט זיך אום צוריק :

— ווען, האָט איהר געזאָגט, װעלען זיי פערטיג ווערען ?

— דיענסטאַג, דריי אוהר, מאַדאַם.

— דיענסטאג, דריי אוהר?

— יא, מאַדאַם.

— זעהט, אַז איך זאָל ניט דיסאַפּאָינטעט ווערען.

— זייט רוהיג, מאַדאַם.

— אַ גוטען טאָג.

— אַ גוטען טאָג.

ווען די דאַמע האָט פערמאַכט די טהיר פון יענער זייט, איז דער דאָקטאָר געפאַלען חלשות...

ריגאָלדאָ.

אַ מעשה מיט אַ מאָראַל

עס איז געווען פאַרנאַכט. אין איינע פון די ניו יאָרקער רעדאַקציעס איז אַריינגעקומען אַ אינגעל פון אַ יאהר 17 און געבעטען זעהן דעם רעדאַקטאָר.

דעם אינגעל׳ס פּנים איז געווען בלאַס און אָבגעצעהרט, ווי ביי איינעם וואָס האָט אַ לאַנגע צייט ניט געשלאָפען. אין זיין רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ צונויפגעוויקעלטען בויגען פּאַפּיער, און מיט דער צווייטער האָט ער נערוועז געצופּט דעם קראַגען — ווי עפּעס וואָלט איהם געקוועטשט.

— קען איך זעהן דעם רעדאַקטאָר? — האָט ער געפרעגט נאָך אַמאָל ביי דעם מענשען וואָס איז געזעסען ביים פענסטעריל און אָנגענומען אַדוועריטייזמענטס.

—דער רעדאַקטאָר איז אויפ׳ן ערשטען פלאָר! — האָט איהם דער מאַן אָנגעוויזען — געהט אַרויף וועט איהר איהם זעהן.

מיט לאַנגזאַמע נערוועזע טריט איז דאָס אינגעל אַרויפגעגאַנגען אויבען.

— וואָס קען איך טהון פאַר אייך? — האָט געפרעגט דער רעדאַקטאָר מיט אַ שטרענגען פּריצישען טאָן, זעהענדיג ווי דאָס אינגעל שטעהט פאַר איהם מיט דעם היטעל אין האַנד.

— איך... איך האָב אייך געבראַכט אַ ליעד...

— אַ ליעד? דער רעדאַקטאָר האָט איהם אָבגעמאָסטען פון אויבען ביז אַראָב, און ענדליך אַ זאָג געטהאָן, מעהר אויס רחמנות ווי יושר:

— אנו, בעווייזט וואָס איהר האָט...

דער יונגערמאַן האָט איהם דערלאַנגט דעם כתב.

דער רעדאַקטאָר האָט אָנגעזאָטעלט די ברילען, דורכגעלאָפען מיט די אויגען איבער די ערשטע עטליכע שורות און ענדליך צוריק־געגעבען דעם מאַנוסקריפּט צו דעם אינגעל מיט דער קאַלטבלוטיגער בעמערקונג:

— יונגערמאַן, פערברענט עס אויפ׳ן פייער, ס׳איז גלאַט גראַם־שטראַם!

דער בלאַסער יונג איז געוואָרען נאָך בלאַסער, א ווײלע האָט ער נאָכגעדענקט, דאַן האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

— מיין טאַטע איז דער אַגענט פון אייער צייטונג אין פּיטס־בורג.

— אויב אַזוי, — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר מיט א פריינדליכען שמייכעל — גיט אהער... נאָך אַלעמען איז עס ניט קיין שלעכטע זאַך... ס׳וועט אריין אין נעקסטען נומער.

מאָראַל: דער אמת׳ער טאַלענט מוז האָבען א צייטונגס־אַגענט פאַר א טאַטען...

עקב יוסף.

דעם פעדלער'ס בעסטער קונה

— אַט דער איירישער לענדלאָרד איז דיין בעסטער קונה?
— פששש... אַליין הייסט אַ קונה!
— אָבער ווי קומסטו צו איהם?
— אַ מעשה אַ גאַנצע דערביי.
— למשל?
— ער האָט מיך אַמאָל געלאָזט אַרעסטירען.
— נו?
— נו, בין איך אָבגעזעסען צוויי טעג אין „חדר" און בעצאָהלט 5 דאָלאַר שטראָף.
— איך פערשטעה ניט.
— טאָ ווארט... איך בין געקומען צו איהם נאָך אַמאָל.
— און דאָס מאָל?
— און דאָס מאָל האָט ער מיך אַראָבגעוואָרפען פון אַלע שטיגען.
— טאָ וואָס האָסטו געטהאָן?
— וואָס זאָל איך טהון? איך בין געקומען נאָך אַמאָל.
— און...
— ער האָט מיר צובראָכען הענד און פיס.
— אַ־וואַ!
— דריי וואָכען בין איך נאָכדעם אָבגעלעגען אין האָספּיטאַל, און זייט דעמאָלט האָב איך גענומען שפּייען מיט בלוט.
— נו?
— נו, נו! זייט דעמאָלט קויפט ער שוין!
— בעסער געוואָרען, הייסט עס?
— שייך צו זאָגען! דער בעסטער קונה!
— נאָך גוט אַזוי!
— וואָס דען מיינסטו?! גאָט פערלאָזט ניט!

יעקב יוסף.

אין גרענד סטריטער פּאָסט־אָפּיס

ביים פענסטער, וואו מען פערקויפט סטעמפּס (מאַרקעס) שטעהט אַן עלטערע פרוי, אַ „גרינע“ און דער קלערק מוז צו איהר רעדען אידיש. הינטער איהר שטעהען מענשען אין אַ לאַנגער רייהע.

— הכלל, וואָס ווילט איהר? — פרעגט דער קלערק.

— וועה איז מיר, קוים זיך דערשטופּט! גאָר זיך ניט צו דערשלאָגען! ווי ערב יום כפּור, להבדיל, צו די כפּרות.

— הכלל, וואָס ווילט איהר?

— זאָל איך אזוי וויסען פון בייז. מיין טאָכטער האָט מיר געטאַלקעוועט און געטאָלקעוועט, איך האָב זיך גע׳חזר׳ט און גע׳חזר׳ט, און געקומען צו עפּעס — פערגעסען ווי אַן טויט.

— איהר וועט אמאָל זאָגען וואָס איהר ווילט?

— זעה נאָר, איך בעט דיך, ווי ער האָט עס קיין צייט ניט!... וואָס איך וויל? סטעמפּס וויל איך.

— וויפיעל? זאָגט שנעלער! מענשען שטעהען הינטער אייך...

— איהר דארפט מיך ניט דערמאָנען. ווען איהר וואָלט דאָ שטעהן, וואָלט איהר שוין געוואוסט ווי מען שלאָגט דיר, מיינע שונאים, אָב די זייטען.

— נו, שנעלער, וויפיעל סטעמפּס?

— וואַרט!... יאָ, דאכט זיך אזוי האָט מיין טאָכטער געזאָגט: צוויי דריי־סענטיגע, דריי צוויי־סענטיגע, דריי... ווייסט איהר גאָר וואָס? וועגט מיר בעסער אָב דאָס פּעקעל און זאָגט אליין, וויפיעל דארף מען אויף דעם סטעמפּס...

— 14 סענט.

— 14 סענט! אָט וועל איך זיך באַלד צעלויפען און אייך אוועקלעגען 14 סענט פאר אזא קליין פּעקעלע!

— הערט, מיסעס, איהר האַלט אָב אפשר הונדערט מענשען.

— נישקשה, איך האָב אויך געוואָרט.

— נו, ווילט איהר די סטעמפּס?

— איך ווייס אַליין ניט... וואָס־זשע זאָגט איהר? טאַקע 14 סענט?

— מיסיס, איהר וועט סטאַפּען, צי ניין?

— זעה נור, ווי מען טאָר שוין קיין וואָרט ניט אויסרעדען! עס ברענט אויף איהם די הויט! וואָס־זשע, איהר אַרבייט פון שמיק?

— איהר נעהמט די סטעמפּס?

— גלאַט נעהמען! ווער ווייס, צי איך דאַרף?

— טאָ נעהמט ניט!

— און אפשר דאַרף איך?

— מיס—ס—סיס! —

— שאַ, שאַ! איך געה שוין!

— און די סטעמפּס?

— ווייס איך... איך וועל בעסער פריהער פרעגען מיין טאָכ־טער... וואָס איז, מאָרגען וועט שוין די קראָם זיין פערשפּאַרט?...

ווי צו ווערען א סיטיזען

(אַ סצענע)

די קאָרט־הויז איז געפּאַקט מיט אידען. מען רעדט, מען שרייט, מען דינגט זיך, מען חזר'ט די פראגען און אנטוואָרטען, ביליגע לאָיערלעך, 5 סענטיגע פּאָליטישענדלעך און גלאַט שווינדלער שאַ־בער־מאַכערען אין די ווינקעלעך. אַן אָפיסער, אַ רויטער, אַ געזונ־דער איירישמען, דרעהט דעם קלאָב אין לופטען און גיט אַלע מאָל אַ שפּיי ארוים אַ שטראָמעלע טשיו־טאָבעקאָ.

מיסטער קארפּאנטשיק, אַ איד מיט אַ רויט אויג און דאָס אַנ־דערע פערדעקט מיט אַ שווארצער בעלמע, שטעהט דער ערשטער אין ליין.

ענדליך רופט דער קלוירק אוים: „מיסטער פּנחס קאַראַפּאַנ־טשיק!" אונזער צוקינפטיגער וואוטער כאַפּט זיך ראַפּטאַם צו צו דער באַר און די פראגען הויבען זיך אָן. דער קלערק פרעגט:

— ווער עלעקטעט דעם' פּרעזידענט?

— די פּיפּעל דורך עלעקטריק.

— ביסט פערהייראַט?

— האַ? פערהייראַט!

— ביזט אַ פּאָליגאַמיסט?

— יעס.

— אַ פּאָליגאַמיסט?

— שור!

— וויפיעל ווייבער האָסטו?

— וויפיעל ווייבער? וואָס הייסט — איינע!

— וויפיעל שטאַאַטען זיינען דאָ אין די יונייטעד סטייטס?

— 46.

— —רעכען זיי אוים.

— אָלל־ראַיט: ברוקלין, בראָנזוויל, ניו יאָרק, באָסטאָן, יאָנ־קערס, ניו־לאָטס —

— געגוג — געגוג!
— צו וואָס דארפסטו ווערען א סיטיזען?
— כ׳דארף האָבען לייסענס צו פעדלען מיט פיש....
— בעלאנגסטו צו סאָסייעטיס וואָס זיינען פיינדליך צו דער רעגיערונג?
— צו סאָסייעטיס? ס׳א שאלה! צו חברה תהילים, אנשי ש״ס, בית המדרש הגדול.
— —וואָס, זיי זיינען אנארכיסטען?
— וואָס?
— זייט איהר אן אנארכיסט?
— איך? זאָל גאָט אויסהיטען! איך בין פון קיעווער גובערניע.
— ווי לאנג זייט איהר אין לאנד?
— אין עלים איילאנד וויים מען. טהוט א פרעג.
— מיר קענען אייך די פייפערס ניט געבען. מיר מוזען וויסען גענוי, ווי לאנג איהר זייט אין לאנד. האָט איהר עדות?
— עדות? צו וואָס? איהר גלויבט מיר ניט?
— ווער איז דער פרעזידענט?
— דער פרעזידענט?
— יע.
— פון אונזער שוהל?
— ניין, פון אמעריקא.
— איך קען א פרעג טהאָן. (לאָזט זיך אוועקגעהן און קעהרט זיך באלד אום צוריק):
— ווען דער פרעזידענט איז, פרעגט איהר? דאכט זיך, אז הוירסט.
דער קלערק (מיט א שמייכעל): — ניט געטראָפען, מיסטער.
— רוזוועלט.
— ווידער ניט געטראָפען.
— ברייען.
— אלץ ניט געטראָפען.
— אויב אזוי, מוז איך טאקי א פרעג טהאָן.... איהר׳ט צו־ווארטען א ביסעל? איך קום באלד צוריק...

משה נאַדיר.

געראַטעוועט

ס'איז געווען זומער און עטליכע מיטאַרבייטער פון „טעגליכען שיסער" זיינען ארויסגעפאָהרען צום ים זיך אָבצורוהען פון דער שווערער בלאַף־אַרבייט.

אָבגעבאָדען זיך אין ים, אָנגעגעסען זיך מיט כל־טוב, איז דער רעדאַקציאָנס־פּאָעט אריין אין התלהבות און גענומען מאַכען חנ'דלעך צום ים.

— טראַלאַטאַ—טאַ־טאַ! — האָט ער ווי אַ קאַטשקע נאָכ־געשנאָבעלט דאָס רוישען פון ים...

— קיץ־קיץ! קיץ־קיץ! — האָט דער אַלטער ראָמאַנען־שרייבער, אַ בעקאַנטער בעל־עבירה־ניק, פערבעסערט דעם פּאָעט, מיינענדיג, אַז דאָס קיצעלט ער זיינע אַ בעקאַנטע מיידעל אונטער די פּאַכוועס.

— אַ־קאַ־טאַ! אַ־קאַ־טאַ! — האָט דער פּעליטאָניסט פער־בעסערט דעם ראָמאַניסט...

— קאַ־פּי, קאַ־פּי, קאַ־פּי! — האָט ענדליך דער רעדאַקטאָר זיך אריינגעמישט און איבערגעגעבען אין מענשליכער שפּראַך דאָס רוישען פון גרויסען, פון פרייען, פון אונענדליכען ים...

אזוי האָבען זיי זיך פערבראַכט אַ שטיקעל צייט, זיך האַמפּערנ־דיג איבער דער שפּראַך פון די וועללען.

מיט אמאָל האָט זיך דערהערט אַ הערצרייסענדער געשריי פון אַ מענשליכען האַרץ: „ראַטעוועט!"

— דוכט זיך, אַז אימיצער שרייט. — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר.

— דוכט זיך, אַז ס'איז אַ מענש! — האָט געזאָגט דער פּאָעט און זיך אויסגעווישט די ברילען...

— ס'איז אדם אַ מענש... — האָט געשמייכעלט דער פּעליטאָ־ניסט — ער לערנט זיך שטאַרבען!...

— ראַטעוועט! — האָט זיך ווידער געהערט אַ פערצווייפעל־טער קול.

— טאָמער וואָלט מען אַ טראַכט געטהאָן וועגען רופען אימי־צען? — האָט דער פּאָעט געפרעגט.

— וויים איך וואָס! ס׳איז שוין סאַי ווי סאַי צו שפּעט! — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר...

— הורראַ פאַר דער לעמעשקע! — האָט אויסגערופען דער פעליטאָניסט.

און אַז דער מענש, וואָס האָט זיך געטרונקען, האָט געזעהען מיט וועמען ער האָט צו טהון, האָט ער אַ טראַכט געטהאָן אַ ווײַלע און אויסגערופען:

— איך וויל זיך סובסקרייבען אויפ׳ן „טעגליכען שיסער!"

אין אַ מינוט אַרום איז דער רעדאַקטאָר געווען אין ים, מיט די שיף, מיט אַלעמען, און געשלעפּט דעם טרינקענדען מענש צום ברעג מיט אַלע כחות...

ווי אלט זייט איהר?

ביי אַ פּראָצעס אין אַ היגען געריכט איז פאָרגעקומען פאָל־גענדער דיאַלאָג צווישען דעם אדוואָקאַט און זיין קליענטין:

— ווי אַלט זייט איהר, מאַדאַם?

— ווער, איך אַליין?

— יעס.

— איך בין גאָר ניט אַלט...

— ענטשולדיגט... איך מיין, וויפיעל יאָהרען זיינט איהר שוין פאַראיבער?

— איך בין ניט פאַראיבער די יאָהרען... נור די יאָהרען זיינען מיך פאַראיבער!...

— ריכטיג. אָבער וויפיעל יאָהרען זיינען אייך שוין פאַר־איבער?

— אַלע..

— אבער וויפיעל זיינען די אַלע געווען?

— ווייניגער ווי אַ פולע...

— דהיינו, וואָס רופט איהר ווייניגער ווי אַ פולע?...

— אַ ביסעל מעהר ווי גאָר ווייניג...

— אָבער, מאַדאַם, איהר מוזט ענטפערן אויף מיין פראגע — איך וויל וויסען, ווי אַלט איהר זיינט!

— ווי אַלט איך זאָל ניט זיין, בין איך נאָך אַלץ אינגער פון אייער ווייב.

— אָבער, מאַדאַם, בערוהיגט זיך! דאָ איז ניט די פראגע פון מיין ווייב. זאָגט קלאָר און דייטליך, ווי אַלט זיינט איהר.

— איך בין ניט פיעל עלטער פון אייער טאָכטער...

— אבער, מאַדאַם, איך זעה ניט איין, וואָרום איהר ענטזאָגט זיך צו ענטפערען אויף דער פראגע — האָט זיך דער אדוואָקאַט „געקלאַגיעט" ביי איהר — איך אויף אייער אָרט וואָלט גלייך אויס־געזאָגט ווי אַלט איך בין!

— יאַ, אָבער קיינער וועט אייך ניט פרעגען ווי אַלט איהר

זיינט, וואָרים די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז איהר זיינט אַלט גענוג צו פערשטעהען, אַז אַ „ליידי“ שטעלט מען ניט אַזעלכע פראַגען — אַט האָט איהר אייך און גאָר!...

און דער אַדוואָקאַט האָט געמוזט איבערגעהן צו אַנדערע פראַגען.

* * *

משה נאַדיר.

די לענדלאַרדס נעבאַך

דאַס האָט פּאַסירט אין בראָנזוויל.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, און אויף די לעדיגע לאָטס, ניט ווייט פון סוטער עוועניו, האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ פערדעכטי־גער פּאַרשוין. דאָס פּנים איז ביי איהם געווען פערשטעלט מיט אַ שוואַרצער מאַסקע, די אויגען וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון די לעכער האָבען געלויכטען ווי צוויי לאַמטערנעס אויף דעם מאַסט־בוים פון אַ שיף ווען זי איז אין שטורם...

שטיל ווי אַ שאָטען האָט ער זיך אַרומגעדרעהט און געלויערט אויף זיין קרבן...

ענדליך האָט זיך בעוויעזען אַ איד. רוהיג, ניט וויסענדיג וואָס איהם ערוואַרטעט, געהט זיך דער איד. אין דער לינקער האַנד האַלט אַ שקאַרמוצעל מיט ראָזשינקעלעך, מיט וועלכע ער דער־כאַפּט זיך אַלע ווייל דאָס האַרץ.

דער גנב האָט געגעבען אַ שפּרונג אַרויס פון זיין בעהעלטעניש און אָנשטעלענדיג אַ רעוואָלווער געגען דעם אידענ׳ס דערשראָקענע נאָז האָט ער איהם געגעבען אַ בעפעהל: דאָס געלד אָדער דאָס לעבען!

דעם אידען איז נעבעך געבליבען שטעהן אַ ראָזשינקעלע אין האַלז, דערהערענדיג אַזעלכע דבורים, וואָס ער הערט ניט אפילו פון זיין ווייב.

— איך בין אַ קראַנקער מענש! —בעט ער זיך ביי דעם גנב— איך לייד אויף „הארמאַטעס" און איך טאָר זיך ניט איבערשרעקען!

— גיב דאָס געלד, דו אַזוינער און אַזוינער! — בייזערט זיך דער גנב — און האַלט ניט קיין רעדעס.

— איך האָב אַ שווער און שוויגער! — בעט זיך ווייטער דער איד.

— גיב דאָס געלד, אָדער ביזט אַ טויטער! — האַלט זיך דער גנב ביי זיינעם.

— איך האָב עלף קינדער... און איך וואָלט געקענט האָבען נאָך מעהר!

— געלד אָדער דאָס לעבען! — קריצט דער גנב מיט די ציינער.

— איך בין אַ לענדלאָרד פון עטליכע הייזער... — האָט דער איד געפּרובט דאָס לעצטע מיטעל.

— און וואו האָסטו דיינע הייזער? — האָט דער גנב געפרעגט שוין אַביסעל מילדער.

— דאָ היע, אין בראָנזוויל!

— אויב אַזוי, — האָט דער גנב געזאָגט מיט אַ שווערען זיפץ, ארויסנעהמענדיג פון פּאַקעט די לעצטע פּאָר סענט — טאָ נאַ־דיר אויף וועטשערע און געה אַהיים.

משה נאדיר.

ערגער ווי געשטארבען

אָנגעלעהנט אָן דער פּארענצע פון דער וויליאמסבורג בריק איז געשטאַנען אַ מענש און געקוקט אויף די רוישענדע כוואַליעס. זיין פּנים איז געווען בלאַס ווי קרייד און די הענד אָבגעלאָזען, ווי ביי איינעם וואָס האָט בעגאַנגען אַ שווערען פערברעכען.

מיט אַ טאָג צוריק — אַ שוידער געהט דורך זיין לייב ביי דעם דאָזיגען געדאַנק — האָט ער ערמאָרדעט זיין פאטער. ווי שרעקליך דאָס איז!

איצט מוז ער ריינוואַשען דאָס בלוט פון זיינע הענד.

„איך מוז זיך נוקם זיין אָן מיין אייגענעם לעבען!" מורמעלט ער, און שוין פערקאַשערט ער די הויזען און וויל שפּרינגען...

אָבער פּלוצלונג דערפיהלט ער אַ האַנד אויף זיינע פּלייצעס און ער הערט אַ קול וואָס זאָגט: „ניט שפּרינגען, ר' איד!"

— לאָזט מיך! — רייסט זיך דער מענש מיט אַלע כחות — איך מוז זיך דערטרינקען... איך בין אַ מערדער, איך האָב דער־הרג'עט דעם טאַטען!

— אויב אזוי, — זאָגט דער פרעמדער — האָב איך פאַר אייך אָן ערגערע שטראָף ווי טרינקען זיך — איך וועל זיך גט'ן מיט מיין ווייב און איהר הייראַט זי...

משה נאַדיר.

דער העלד

אַ מאָל איז געווען אַ וואָרים, און דער דאָזיגער וואָרים איז ווי אַלע ווערים געווען אַ „טיעפער גריבלער" און אַ געוואלדיגער סקעפּטיקער.

— מענשען געהען אויף די פיס, — פלעגט ער זיך בעקלאָגען פאַר די עלטערע ווערים — דערפאַר ווייל זיי זיינען צו פויל צו קריכען אויף די בייכער. דאָס איז אַ סימן, אַז די וועלט ווערט שוואַך און אָבגעלעבט.

— די מענשען טראָגען לעדערנע פּאַדעשוועס, דערפאַר ווייל זיי האָבען מורא מיר זאָלען זיי ניט בייסען! — פלעגט ער זיך אַן אַנדערס מאָל בעריהמען פאַר זיינע מיסט־בערגעל לאַנדסלייט און בעקאַנטע.

איינמאָל, בעת דער וואָרים איז אויסגעקראָכען מיט זיין כלה, איז ער געוואָרען איבערראַשט צו זעהען אַ ריעזיגע מאַשין מיט צוויי פלאַקערדיגע „אויגען" פאַרביפליהען פאַזע וואַלד, וואו עס איז געלעגען דאָס בלעטעל אונטער וועלכען ער האָט געוואוינט.

— האַלט! — האָט דער וואָרים אויסגעשריען און זיך צונויפ־געצויגען פאַר שרעק אין אַ טונקעלער בעהעלטעניש.

און אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען פערשוואונדען, איז ער אַרויסגעקראָכען פון זיין בעהעלטעניש און זיך אַרומקוקענדיג צי מען זעהט ניט ערגעץ נאָך די „פאַרע" פון לאָקאָמאָטיוו, האָט ער אויסגערופען שטאָלץ:

— פייגלינג! ער איז אַנטלאָפען פון מיר!

רינאַלדאָ.

דער פּראָפעסאָר

מיט דעם צילינדער־קאַפּעליוש אויף דער פּאַטילניצע און מיט דער נאָז געגען הימעל, האָט דער פּראָפעסאָר שפּאַציערט אין פּאַרק, ווען ער האָט דערזעהן אַרום זיך אַ רעדעל פון מענשען.

— עפּעס איז דער מעהר מיט מיר! — האָט דער פּראָפעסאָר, וועלכער איז זיך געווען בעוואוסט פון זיין צוטראָגענקייט, געזאָגט צו אַ פּאָליסמאַן — דענקט איהר, אַז דאָס פּנים איז ביי מיר אויס־געשמירט?

— אָבער צו וואָס טראָגט איהר דאָס שטיק רויהע פלייש אונטער'ן אָרעם?

— אָ, דו ליעבער גאָט! — האָט זיך דער פּראָפעסאָר געכאַפּט — דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז עס וועט עפּעס פּאַסירען! מיין וויב האָט מיך געבעטען איך זאָל אוועקלעגען איהר נייעם העט אויפ'ן בעט, אריינלעגען דאָס שטיק פלייש אין אויוועז און ארויסנעהמען די בייבי מיט'ן קערידזשעל פאַר אַ שפּאַציער...

— איהר האָט דאָך ניט אריינגעלעגט דאָס קינד אין אויוועז?— האָט דער אָרדנונגס־היטער געפרעגט.

— ע פּ ע ס האָב איך אריינגעלעגט, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר קאָלטבלוטיג — אָבער איך געדענק ניט, צי דאָס איז געווען די בייבי אָדער דאָס קערידזשעל!

— שנעל! לאָמיר לויפען! — האָט געזאָגט דער פּאָליסמאַן, אָננעהמענדיג דעם פּראָפעסאָר פאַר'ן האַנד.

צוהיצט און אָהן אָטהעם זיינען זיי נאָך צוואַנציג מינוט לויפען אָנגעקומען אין דעם פּראָפעסאָר'ס הויז.

— וואָס מאַכט אייער בייבי? — איז געווען די ערשטע פראגע וואָס דער פערסאָפּעטער פּאָליסמאַן האָט געפרעגט ביי דער פּראָ־פעסאָרשע, וועלכע איז אַנטקעגענגעקומען אויף די טרעפּ.

— די בייבי איז אָלל ראַיט! — האָט געענטפערט דעם פּראָ־פעסאָר'ס וויב מיט אַ שמייכעל — נור דער הוט האָט זיך אין גאַנצען אָבגעבראָטען.

רינאַלדאָ.

איינער פאַר אַלע

אַלאַד ראַשי, אַ יונגער און לעבענסלוסטיגער טערק, האָט פאַר־בראַכט אַ לאַנגע צייט אין אונזער ניו יאָרק.

געקומען איז ער אַהערצו מיט דעם צוועק זיך צו בעקענען מיט'ן „ציוויליזירטען" לעבען פון די אמעריקאַנער און אויך צו נאַשען פון אונזער קולטור.

ער איז געווען אַ גרויסער מענש, דער אַלאַד ראַשי, און זיין העכסטע אויפגאַבע איז געווען צו געפינען וועגען און מיטלען ווי אַזוי אויפצוקלערען זיין אָרים פאָלק, די טערקען, וועמען די גליהענדע מזרח־זון האָט, ווי ער האָט געדענקט, בלינד געמאַכט פאַר די גרויסע אמת'ען פון אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט.

אַלס אַ מענש פון דער סעמיטישער ראַסע, האָט זיך אַלאַד ראַשי גיך בעקאַנט מיט פיעלע אידישע סאָציאַליסטען, געגאַנגען צו זייערע מיטינגען און לעקטשורס, געלעזען זייערע אידישע צייטונגען (ענגליש איז איהם געווען שווער זיך אויסצולערנען!), צוגעהערט זיך צו די סטאָמפּ־רעדעס אין עלעקשאָן־צייט און אַלס פאָלקאָמענער ראַדיקאַל און אָנגעפּיקעוועט מיט פּרינציפּען, ווי אַ מילגרוים מיט קערליך, האָט ער אין עטליכע יאָהר שפּעטער זיך אומגעקעהרט אין דעם לאַנד פון זיינע פעטער.

און אַלאַד ראַשי האָט זיך גענומען פערשפּרייטען ליכטיגקייט צווישען די מאַסען.

די ערשטע זאַך האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ האַרעם פון עטליכע און זעכציג יונגע, אָריענטאַלישע מיידלעך, און געטריי צו די פּרינ־ציפּען פון דער סאָציאַליסטישער לעהרע, האָט ער אויף דער טהיר פון יעדען בעזונדערען שלאָפצימער אויפגעהאַנגען אַ שילד מיט דער פאָלגענדער מאָטאָ:

„איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם".

אנאָנימוס.

ראַטעוועט!

— אַ־נו, ליזעטשקע, שפּרינג אַריין אין וואַסער!

— באַלד, מאַמעניו.

און דאָס מיידעל איז אַריינגעשפּרונגען.

— אוי, ווי גוט, מאַמעלע! איך וועל באַלד אָוועקשווימען וויט, ווייט... זעהסט, מאַמעלע, ווי ווייט איך בין שוין?...

— אוי, מאַמע, ראַטעווע, איך טרענק זיך!... געוואַלד, ראַ—טע—וועט!...

— ווי גאָט איז איך ליעב, יונגערמאַן! מיין טאָכטער טרענקט זיך!... מיין איינציג קינד... ראַטעוועט זי!...

— איין ווייליגקע, פרייליין!... האַלט זיך! — האַלט זיך אויפ'ן וואַסער! — איך שווים צו איך! — אַט אַזוי... אַט אַזוי... האַלט זיך אָן אָן מיר פעסט! — און איצט צום ברעג!

— אַך, ווי דאַנקבאַר איך בין איך, יונגערמאַן, וואָס איהר האָט געראַטעוועט מיין איינציגע טאָכטער! מיט וואָס זאָל איך איך אָבדאַנקען? יאַ, איך וועל ערלויבען מיין טאָכטער, זי זאָל מיט איך הייראַטהען דערפאַר!...

— ענטשולדיגט, מאַדאַם, איך בין פערהייראַטה... עס טהוט מיר לייד, איך האָב אַ פרוי... אַ שאָד, אַזאַ געלעגענהייט!...

— אַך, דער רוח זאָל עס נעהמען!... ליזעטשקע, שפּרינג צוריק אין וואַסער!...

בוכע! — דאָס מיידעל איז צוריק אַריינגעשפּרונגען.

— אוי, ווי גוט! — אַ פערגעניגען! זעה נור, מאַמעניו, ווי איך שווים! — דאָ איז טיעף... ב־ר־ר־ר... עס ווערט מיר קאַלט!... ראַטעוועט! ראַ־טע־וועט! איך טרענק זיך!... ראַ־טע־וועט!...

— ווי גאָט איז איך ליעב, יונגערמאַן, מיין טאָכטער, מיין איינציגע טאָכטער טרענקט זיך!... ראַטעוועט!...

— באַלד, באַלד האַלט זיך, האַלט זיך, פרייליין, איך שווים צו איך!... אַט אַזוי, אַט אַזוי!... האַלט זיך פעסט אָן מיר!...

— אַך, ווי זאָל איך אייך אָבדאַנקען, יונגערמאַן ?... ליזעטשקע, פייגעלע מיינס !... אויב דו ווילסט, קענסטו הייראַטהען דעם יונגען הערר, אַלס צייכען פון דאַנקבאַרקייט...

— ענטשולדיגט, איך בין פערהייראַטה...

— צום טייוועל !... ליזעטשקע, אין וואַסער אריין צוריק !... בוכץ !

— אַי־אַי־אַי ! מאַמע ! איך טרענק זיך !...

— איין ווייליגקע, פריילין, האַלט זיך אויפ׳ן וואַסער !... איך רעטע אייך... שרעקט אייך ניט, מוטער !

— ענטשולדיגט, יונגערמאַן, זיינט איהר פערהייראַטה ?

— יאַ, פערהייראַטה.

— געהט געזונטערהייד, מיין טאָכטער ועט זיך אַליין רעטען !

ריינאַלדאָ

און ער האָט געקושט

ס'איז געווען אַרום צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. ביי די פּאַטשעטשעס אין פראָנט־רום איז געזעסען דאָס יונגע פּאָאַרעל און האָבען זיך געקושט.

שנעל, שנעל, מערדעריש שנעל איז צוגעגאַנגען דער קוש־פּראָצעס. אומקלאַמערט אין זיינע פעסטע אָרעמס האָט ער געהאַל־טען זיין קוש־געגענשטאַנד. זיין היטעל איז געלעגען אויף דר'ערד, זיין קראַגען איז געווען צוקנייטשט און די ברילען זיינען געלעגען צובראָכען נעבען זיינע פיס. טראָפּענס שווייס האָבען זיך געגאָסען פון זיין פּנים, אָבער ער איז געווען אַ העלדישער יונג און ער האָט געטהאָן זיין פליכט אַזוי געטריי ווי ער האָט געקענט.

ער האָט געקושט!

אַ שעה נאָך אַ שעה איז פערגאַנגען און דער יונגערמאַן האָט נאָך אַלץ געקושט. די ליפּען האָבען איהם שרעקליך וועה געטהאָן, אין האַלז איז איהם געווען טרוקען, אבער ער האָט געטהאָן זיין ארבייט אַזוי גוט ווי ער האָט געקענט.

ער האָט געקושט!

אַ זייגער דריי פאַרטאָג איז ער געוואָרען אויסגעמאַטערט, די קרעפטען האָבען איהם אָנגעהויבען פערלאָזען, — אָבער דאָך האָט ער ניט אָבגעטרעטען פון זיין פּאָסטען... ווי אַן אויסגעמאַטערטער, פערשלאָפענער פייערמאַן האָט ער געטהאָן זיין ארבייט, פּינקטליך, אָבער מעכאַניש...

ער האָט געקושט!

ענדליך האָט ער געפיהלט אַז ער פאַלט אוועק. די אויגען האָבען זיך איהם פערצויגען אין אַ נעבעל, די ליפּען זיינען ביי איהם געוואָרען צושפּאָלטען אויף עטליכע טהיילען און דער קאָפּ איז ביי איהם געווען ווי אין אַ טשאַד...

— איך מוז זיך אָברוהען אַ ווייַלע, אויף אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם.... — האָט דער יונגערמאַן געשעפּטשעט צו זיין געליעבטע

מיט די לעצטע כחות פון זיינע צושפּאָלטענע ליפּען.

דאָ האָט די געליעבטע אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין:

— דו ביזט אַ פאַלשער, — האָט זי געכליפּעט — דו האָסט מיך מעהר ניט ליעב! דו האָסט מיך מעהר ניט ליעב!...

כפל-שמונה׳דיגע ליגענס

י. סטיינסאַפּיר.

דער ליגען איז דער בעסטער אמת

ביי דעם פּריץ שמעניצקי איז געווען אַ באַל. עס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען פּריצים פון גאַנץ פּוילען, און מען האָט זיך משמח געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט. ויהי כטוב לב שמעניצקי ביין, ווען דער פּריץ שמעניצקי מיט זיינע פריינד זיינען געווען פער־שנאַשקעט, רופט זיך אָב דער בעל הבית צו זיינע געסט:

— פּאַנאָוויע! לאָמיר זיך שפּיעלען אין ליגען־זאָגען. לאָמיר איינלעגען יעדער צו הונדערט רובעל, און ווער עס וועט זאָגען דעם גרעסטען ליגען, זאָל קריגען די גאַנצע סומע. יאָ, נאָך אַ זאַך: אויב אימיצער פון אונז איז ניט קיין מאָדים אין ליגען זאָגען, קען אַ פריינד, אָדער זיינער אַ בעקאַנטער זאָגען פאַר איהם אַ ליגען. קורץ, דער גרעסטער ליגנער קריגט די איינגעלייגטע הונדערט רובעלדיגע.

די פּריצים איז דער „ספּאָרט" געפעלען, און מען האָט גלייך ערוועהלט אַ פּאָרזיצענדען, ביי וועמען מען האָט איינגעלעגט די מזומנים.

דער אָבמאַך איז געווען, אַז ווען איינער וועט האָבען אָבגעזאָגט זיין ליגען, זאָל מען עס נעהמען צום אָבשטימען. ווען אַלע וועלען שטימען „טאָ ניע פּראַוודאַ!" (דאָס איז ניט אמת) איז דער ליגען אַ געראָטענער, און דער ערצעהלער געווינט דאָס געלד. ווען אָבער איינינגע אָדער אפילו איינער וועט זאָגען „טאָ מאָזשע ביטש" (דאָס איז מעגליך), דאַן האָט דער ליגען־זאָגער פערשפּיעלט.

דעם ערשטען האָט מען מכבד געווען פאַן שמעניצקי, דעם בעל־שמחה אליין.

— ביי מיר אין סאָד — פאַנגט אָן דער פּאַן זיין געשיכטע — איז אַמאָל געוואַקסען אַן עפּעל, איז ער געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך ניט געקענט האַלטען אויפ'ן בוים און איז אַראָבגעפאַלען. האָב איך צונויפגערופען אַלע פּאַראָבקעס מען זאָל איהם ארויס־טראָגען פון סאַד, האָבען זיי איהם אָבער ניט געקענט ריהרען פון אָרט, אַזוי גרויס איז געווען דער עפּעל. האָט מען געבראַכט פון

גאַנצען הויף די פערד, זיי צוגעשפּאַנט צום עפּעל — אָבער ניט פון אָרט. איך האָב געזעהן, אַז עס איז שלעכט, בין איך אוועק אין וואַרשאַ, געבראַכט אַן אינזשעניר, ער האָט ביי מיר אין גאָרטען אויסגעבויט אַן אייזענבאַהן, און מיט דער הילפע פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט מען דעם עפּעל קוים מיט צרות אַרויסגעשלעפּט...

דאַכט זיך אַ גאַנץ גלאַטער ליגען, האַ ?

— טאָ מאָזשע ביטש ! — האָבען אָבער אַלע פריצים אויסגע־רופען מיט איין שטימע. און פאַן שמעניצקי האָט פערשפּיעלט.

— דער צווייטער קומט פאַן פּאָקאַרסקי — האָט דער פּאָרזי־צענדער אַנאָנסירט, און פאַן פּאָקאַרסקי האָט אָנגעפאַנגען :

— פּאַנאָוויע ! הערט וואָס איך וועל אייך דערצעהלען : ביי מיר אין גאָרטען איז געוואַקסען אַן אוגעראָק (קיוקאָמבער), איז ער געווען אַזוי גרויס, אַז ווען איך האָב איהם געוואָלט צושניידען, איז אריינגעפאַלען דאָס מעסער אינווענינ און איך האָב עס ניט געקענט דערלאַנגען. איך האָב גלייך אַרונטערגעשיקט אַ פּאַרעבאָק אין אוגע־ראָק נאָכ׳ן מעסער. אין 6 שטונדען אַרום איז ער צוריקגעקומען און דערצעהלט, אַז דאָס מעסער האָט ער נ י ט געפונען, נור וואָס דען ?

— ער האָט דאָרטען געטראָפען אַ רייטער אויף אַ פערד, וועלכער זוכט זיין זשערעבעץ דריי טעג און דריי נעכט און קען איהם ניט געפינען.

— הייסט ווי קענסטו פון מיר ערוואַרטען, פּאַן, — האָט דער פּאַרעבאָק זיך אָבגערופען — אַז איך זאָל געפינען דאָרט אַ מעסער ? !...

פּאַן פּאָקאַרסקי איז געווען זיכער, אַז זיין ליגען איז דער ריכטיגסטער און ער קריגט שוין דעם פּעקעל אַסיגנאַציעס. אָבער, ניין !

— טאָ מאָזשע ביטש ! — האָבען אַלע פריצים אויסגערופען : מען וויל ניט געבען קיין טשאַנס צו געווינען.

— פּאַן פּאָקאַרסקי האָט פערשפּיעלט. נעקסט קומט פּאַן זאַבלאָצקי, — האָט דער טשערמאַן אַנאָנסירט.

— פּאַנאָוויע ! — האָט פּאַן זאַבלאָצקי גענומען דאָס וואָרט, — איך וועל אייך יעצט עפּעס דערצעהלען וואָס איהר וועט מוזען

צוגעבען, אז עס איז א ליגען. ביי מיר האט מען אמאל געקאכט א טאפ זופ, איז ער געווען אזוי גרויס, אז ווען מען האט געדארפט ארונטערנעהמען דעם שוים פון טעפעל, האט מען געדארפט אויס־האקען דעם גרעסטען בוים פון וואלד און מאכען דערפון א קאך־לעפעל. איז אבער דער לעפעל געווען צו קליין. שייך קליין, פשוט גארניט! מען האט געמוזט ארויף אויפ׳ן טעפעל מיט א פאראכאד, מען איז געפאהרען איבער די זופ און געשוימט דעם שוים...

נו, דארף מען שוין, דאכט זיך, א גרעסערען ליגען? — אבער די פריצים שרייען: „טא מאזשע ביטש" — און כאטש שיסט זיי אין די קעפ!...

— איצט קומט פאן ראזומניצקי, — האט דער פארזיצענדער אויסגערופען.

— פאנאוויע! — הויבט אן ראזומניצקי — אזוי ווי איך האב ניט וואס צו דערצעהלען, און מיר האבען דאך אבגעמאכט אז א צווייטער קען אויך דערצעהלען, וועל איך הייסען מיין קוטשער, אז ער זאל ברענגען מיין פאקטאר, לייזערען. דער לייזער איז א קלוגער זשידיק. אז ער וועט עפעס דערצעהלען, וועט שוין זיין וואס צו הערען.

די פריצים האבען איינגעשטימט, און ווי א פייל פון בויגען איז שוין דער קוטשער געפלויגען נאך לייזער׳ן. געבראכט לייזער׳ן אין פאלאץ, האט איהם פאן ראזומניצקי דערצעהלט וועגען וואס דא האנדעלט זיך, און זאגט צו ענדע: „איצט, לייזער, אויב דו וועסט פאר מיר געווינען דעם פרייז, קריגסטו פון מיר דעם מאיאנטעק וואס דו האלטסט יעצט אויף דריי יאהר אהן א גראשען געלד און נאך א פאר הונדערטער במזומן."

דערהערט די געשיכטע, ווענדעט זיך לייזער צום פריץ: „וועלמאזשני פאן דזשידזשיץ, איך פערהאף, אז איך וועל די זאך דורכפיהרען. איך וועל דערצעהלען א געשיכטע, וואס אלע וועלען מוזען שרייען „ניע פראוודא". איך פערלאנג אבער פון אייך, פאן, א גאראנטיע אז די פריצים זאלען מיך ניט צורייסען ווי א הערינג."

דער פריץ האט גאראנטירט.

— פאנאוויע! — האט זיך דאן לייזער געווענדעט צו די

פערזאַמעלטע פּריצים — איך וועל אייער צייט ניט פערנעהמען מיט באָבע מעשיות. איך וועל דאָס מאַכען קורץ.

„אייער גאָט יעזוס איז געווען אַ ממזר.“

ווי געביסען פון שלאַנגען זיינען אַלע פּריצים אויפגעשפּרונגען: „טאָ ניע פּראַוודאַ! טאָ ניע פּראַוודאַ!“ האָבען זיי געדונערט אין איין קול.

* * *

ראַזומניצקי האָט געוואונען דעם פּרייז.

* * *

„פּשאַקרעוו, לייזער“, — האָט זיך דער פּריץ נאָכדעם געווענ־דעט צום אידען — ווי האָסטו עס געוואַגט ריזיקירען צו זאָגען אַזאַ ליגען! ווען איך וואָלט דיך ניט בעשיצט, וואָלטען דאָך דיך די אויפגערעגטע פּאַניעס צוריסען אין שטיקער!

— איך וועל דיר זאָגען, וועלמאָזשני פּאַן! — האָט זיך לייזער פערענטפערט — איך האָב געהערט, אַז די דריי פּריצים פאַר מיר האָבען געזאָגט אַזעלכע גרויסע ליגענס און האָבען גאָר ניט געקענט אויפטהאָן, האָב איך זיך געכאַפּט פאַר׳ן אמת. דער אמת איז דער בעסטער ליגען...

ליזאמוסט

געשפּיעלט פּינאקעל אין הימעל

לעצטען ראש השנה, ווען מיין גאנצע פאמיליע איז אוועק אין שוהל, האב איך זיך געפיהלט זעהר לאנגווייליג אליין אין הויז. בין איך זיך מישב, איך׳ל גאר שפּיעלען א פּינאקעל. האב איך אבער ניט געהאט מיט וועמען. אלע מיינע בעקאנטע זיינען אוועק אין די שוהלען. עס איז ניט געבליבען קיין לעבעדיגער מענש אין די הייזער. וואס דארפט איהר מעהר, אפילו גענאסע ביק, וואס איז א פייער־דיגער אנארכיסט, סאציאליסט, ארבייטער רינג מעמבער און, ס׳פערשטעהט זיך, גלויבט ניט אין גאט, איז אויך אוועק אין שוהל, וואס זיין ארבייטער רינג ברענטש האט איינגעפיקסט אויף ימים נוראים. ס׳אמעריקא!

דאך, שפּיעלען א פּינאקעל מוז מען, בין איך ארויף אויפ׳ן הימעל. (ווי, זאלט איהר ניט פרעגען. דאס איז א סארט „פּעטען“ וואס איך וועל אייך ניט אויסזאגען, ווייל איך וויל ניט אז א ליאדע ווער זאל וויסען דעם סוד פון ארויפגעהן אין הימעל...) קורץ, איך בין ארויף אין הימעל און איך שפּיעל שוין א פּינאקעל מיט די מלאכים. מאלט אייך, אז אזוי שפּיעלען פּינאקעל ווי איך קען, קענען די הימעלשע איינוואוינער ניט, און וואו נאר זיי האבען געהאט א גרייצער, אדער א פּענע, האב איך עס ביי זיי אבגעוואונען.

מיר האבען זיך אזוי אבגעשפּיעלט ביז נאכט. ביינאכט דארף מען דאך האבען א האטעל. זיינען אבער צוליעב דעם געוואלדיגען ראש השנה יריד, און אום צו זעהן דעם פייט צווישען דעם שטן און דעם מלאך מליץ, זיך אנגעלאפען אזוי פיעל געסט, אז אלע האטעלס און אלע בארדינג־הייזער זיינען געווען איבערגעפּאקט, וואס טהוט מען? — שלעכט! האב איך אנגעהויבען געהן אהיים. צוגעקומען צום לאך פון הימעל, דורך וועלכע איך בין ארויף, אבער ווייס איך וואס? — עס איז אהין גאר ניט צוצוקומען! מיליאנען מאל מיליאנען תפילות שטופען זיך און שטויסען זיך און דראפּען

זיך דורכ'ן לאָך ארויף צום כסא הכבוד. עס איז ניט געבליבען קיין פלאַץ א שפּילקע אַראָבצוואַרפען.

אָבער מיינער האָט זיך ניט פערלאָרען: איך האָב גלייך ארויסגענומען מיין מעסערל פון וועסט־פּאַקעט און האָב אויסגע־שניטען אַן אנדער לאָך אין הימעל, האָב אָנגעבונדען א לאַנגען שטריק אָן א דאָרטיגען בוים און האָב זיך אַזוי פּאַוואָליטשקע ארונטערגעלאָזען... ערשט אין מיטען וועג, איך טהו א קוק — דער שטריק איז צו קורץ!... מיין שכל איז מיר ווידער געקומען צו הילף: איך האָב גלייך אָבגעשניטען דעם עק שטריק וואָס איז צוגע־בונדען געווען צום הימעל, האָב עס צוגעבונדען צום עק וואָס איך האָב געהאַלטען אין האנד, און האָב זיך ווידער געלאָזען ארונטער.

ווען איך בין געקומען אַזוי ארום א 5 טויזענד פוס פון דער ערד, אהא — דער שטריק איז ווידער קורץ!

נו, דאָס מאָל האָב איך שוין ניט געוואָלט געהן שטוקעווען דעם שטריק: אין גאַנצען פינף טויזענד פוס פון דער ערד — בין איך אַראָבגעשפּרונגען — גלייך אין טייך. מיינט איהר אפשר אַז איך האָב זיך אָבגעשלאָגען אָדער איינגעגעצט? — חלילה! — עס איז געווען פּונקט נאָך תשליך־צייט. ניו יאָרקער עולם האָט נאָר וואָס געהאַט אריינגעוואָרפען די עבירות אין וואַסער... און איהר ווייסט דאָך ניו יאָרקער עבירות: אַזוינע וויכע, פּעטע, גראָבע און פרישע, ערשט בעגאַנגענע, אַז דער ריוועך האָט געזשאַלעוועט זיי צו פער־שלינגען... און זיי זיינען זיך געלעגען אויפ'ן וואַסער ווי א דיקע קאָלדרע. קורץ, איך בין ארויפגעפאַלען ווי אויף א פּוכאָווע פּערענע, און —

ווילט איהר אפשר מאַכען א פּינאָקעל?

אוי, א פּינאָקעל, א פּינאָקעל, אין הימעל אריין איז כדאי צו פליהען צו מאַכען א פּינאָקעל!...

אַ געשיכטליכער פּאַקט און אַ מעשה מיט אַ ציעג

— איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען.

— אָבער אמת?

— געוויס. ווי דו ווייסט, איז דער ווינטער פון יאָהר 1812, וועהרענד דער רוסיש־פראַנצויזישער קריעג, געווען זעהר אַ קאַלטער. די גרויזאַמסטע פרעסט האָבען זיך געביטען מיט די שרעקליכסטע שנעע־שטורמס. ווען אַזאַ ווינטער וואָלט ביי היינטיגע צייטען פּאַסירט אין ניו יאָרק, וואָלטען אַלע טעגליכע צייטונגען געוואָרען שטיקלעך אייז... איך, אַלס פּאָסטאַוושטשיק פון ציצית פאַר די אידישע סאָלדאַטען אין דער רוסישער אַרמעע, בעקום אין אַ פריה־מאָרגען אַ בריעף פון׳ם פעלד־מאַרשאַל, אַז ער וויל מיך זעהן. און דאָ איז דאָס גאַנצע שטעדטעל בעדעקט מיט שנעע, ממש איבער די דעכער. היים איך דעם גוי איינשפּאַנען דעם שליטען און מיר פאָהרען. און עס פאָהרט זיך אַזוי איבער דעם ווייכען, גלאַנציגען שנעע, אַז עס איז אַ מחיה. פּלוצים — טררראַאַאַאַקדדדך!! צובראָ־כען אַן אַקס!... ווי אַזוי? גאַר פּשוט. פאָהרענדיג האָבען מיר מיט׳ן שליטען פערטשעפּעט דעם שפּיץ פון׳ם קלויסטער — און ניט פון אָרט! איז דאָך געגוג, האַ? ניין, ברעכט זיך נאָך איין דער דאַך, און מיר שיטען זיך אַריין אין קלויסטער. אַ גוואַלד, אַ מהומה... אַלע „דאַוונער" לאָזען זיך לויפען. איינער וואַרפט אום אַ ברענעדיגע ליכט און עס ווערט אַ פייער. אין אַ שטונדע מיט אַ פערטעל איז שוין פון׳ם שטעדטעל קיין זכר ניט געבליבען. און מחמת דער גרויסער היץ, איז דער גאַנצער שנעע צושמאָלצען געוואָ־רען און איך בין אַוועק אין טייך זיך באָדען.

— מען קען ניט זאָגען, וואָס אמת איז אמת, אַ ציקאַווע געשיכטע. אַצונד הער אויס מיין מעשה: געווען איז דאָס אום סכות. זיצען מיר אַזוי אין סוכה און עסען. מיין טאַטע האָט אַ

טבע, אַז מ'דערלאַנגט דעם צימעס, ריהרט ער זיך אפילו ניט צו צו איהם. נאָר וואָס־זשע דען? — דער מאַרך־ביין. זיין בעסטער פערגעניגען איז צו שמאַטשקען דעם מאַרך־ביין, וואָס די מאַמע לעגט אַריין אין צימעס. און מיר, קונדסים, כאַפּען דערוויייל די בעבלעך פון זיין טעלער. מיט אַמאָל דערזעהען מיר, ווי עפּעס בעוועגט זיך אויפ'ן טאַטענ'ס טעלער. און ווער, מיינסטו, איז דאָס געווען? וועסט ניט טרעפען. די מעשה איז אַזוי געווען: אונזער ציעג האָט זיך פערגלוסט צו מאַכען אַ שפּאַציער איבער'ן דאַך פון אונזער שטוב, האָט זי נעבעך פערבלאָנדזשעט אויף אונזער סוכה, און אָט ליעגט זי אויסגעצויגען, ווי אַ פּריצ'טע אויפ'ן טאַטענ'ס טעלער און דריגעט מיט די פיסלעך. מיין טאַטע, זאָל לעבען, האָט דערוויילל, דרעמלענדיג, אַרויסגעלאָזט דעם ביין פון האַנד. אַ דאגה: נישטאָ דער ביין, — כאַפּט ער אַ פיסעל פון דער ציעג און קייט, כראָמשקעט און דרעמעלט. פּאַרטיג געוואָרען מיט איין פיסעל, נעהמט ער זיך צום צווייטען, צום דריטען און צום פיערטען. ווען די ציעג האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו „מעקען", האָט זיך מיין טאַטע אויפגעכאַפּט, און דערזעהענדיג דעם חורבן, האָט ער זיך אַביסעל אַזוי ווי פערשעהמט. שנעל האָט ער אויפגעהויבען פון דער ערד דעם מאַרך־ביין, האָט איהם צוהאַקט אויף פיער שטיקלעך, האָט די שטיקלעך בײנער צוגעקלעפּט צו די אָבגעגריי־זשעטע פיסלעך פון דער ציעג, האָט דערביי עפּעס געזאָגט אַ פּסוק און די ציעג איז אַרונטערגעשפּרונגען פון טעלער און איז אַוועק אַ טענצעל אויף אַלע פיער פיסלעך, אָט פּונקט ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען!...

צווישען געלע־רטע

— הער אומיסטען א געשיכטע, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאסירט.

אין דעם דריטען זיעבעטעל פונ'ם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען מיר, אַ חברה געלעהרטע, צווישען וועלכע עם האָבען זיך אויך געפונען מארקאָ פּאָלאָ, בנימין השלישי און פּראָפעסאָר יאָקום־בעמבע, פּאָרגענומען אַ רייזע איבער דער וועלט. אונזער פּלאַן איז געווען ארומצורייזען דעם ערד־קוגעל, פונ'ם איסט־ריווער ביז'ן ירדן און פון דער גנילאָפּיאַטעווקע ביז'ן שטילען אָקעאַן. אַ שיף האָבען מיר געהאַט איינע פון די בעסטע, מיט אַ גאַנץ גרויסען קוימען, און אונזער רייזע איז געווען אַ זעלטענע. 7 יאָהר האָבען מיר אַזוי ארומגעשפּאַציערט איבער פערשיעדענע ימים.

נור איינמאָל, פּערלאָזענדיג די עלעפאַנטען־אינזלען אינ'ם גרינעם מעער, האָט אונז געפּאַקט אַ גרויסער שטורם, אַלע אינ־סטרומענטען און אויך דער קאָמפּאַס זיינען פערלאָרען געגאַנגען און מיר האָבען ניט געוואוסט אויף וועלכען גראַד מיר געפינען זיך. אַזוי האָבען מיר ארומגעבלאָנקעט 25 וואָכען. איך פון צופיעל „גאָר נישט טהאָן", האָב איך ארויפגעקלעטערט אויפ'ן ראַנד פון קוימען און גענומען בעאָבאַכטען, טאָמער וועל איך דערזעהן אַ שטיקעל ישוב.

13 טעג בין איך אָבגעזעסען אויפ'ן קוימען, ניט פערזוכענדיג אפילו קיין טראָפּען שאַמפּאַניער. אויפ'ן 20סטען טאָג האָב איך דערזעהן אַ דונקעלען פלעק. „לאַנד! לאַנד!" האָב איך אויסגע־שריען, און פון גרויס שמחה בין איך אריינגעפאַלען אין קוימען. ווען מיר זיינען שפּעטער צוגעקומען צום ברעג, האָט מען געמוזט איבערקעהרען די שיף און איך בין ארויסגעפאַלען אויף דער ערד.

— אהאַ! דערפאַר ביזטו אַזוי אויסגעשמירט!

ביי די רויטע אידעלעך

— העללאָ, הערשעלע! וואָס עפּעס אזוי פערשטויבט? ערשט פון׳ם וועג, הפּנים?

— געוויס. געוועזן ביי די רויטע אידלעך, פון יענער זייט סמבטיון.

— געהט שוין, געהט!

— אָט האָסטו מיין עהרענוואָרט — איז שוין גוט?

— אויב אזוי איז עפּעס אנדערש. מען זאָגט דאָך אָבער, אז עס ווארפט מיט שטיינער; ס׳איז גאָר אונמעגליך צוצוקומען אהין?

— ניט פאַר מיר. ערשטענס, בין אין אַ איד פון רוסלאנד, האָב איך שוין פאַר אַ שטיין קיין מורא ניט. צווייטענס, אַ איד אַ חכם — אז מ׳זעהט פליהען אַ שטיין, רוקט מען זיך אָב אָן אַ זייט, און דריטענס, צו וואָס זיינען לופט־שיפען בעשאַפען געוואָרען?

— אהאַ, איצטער פערשטעה איך שוין. ווי־זשע זעהען זיי אויס, אונזערע ברידערלעך?

— ברידערלעך? יעדער אידליק פון 5 ביז 6 פלאַר די הויך. גלית הפלישתי איז געוועזן אַ הונד געגען זיי. מ׳קען זאָגען: אַ לאַנד פון לויטער „גדולים“. איינער האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ וועטשערע, האָט ער מיך אין זיין וועסטען־טאַש געבראַכט צו טראָגען אהיים.

— מסתמא געמאַכט אַ פרי־רייד, אָנגעצונדען די עלעקטריק?

— וואָס׳אַר עלעקטריק — שמעקטריק? אז צוויי אידעלעך קומען זיך צוזאַמען ווערט ליכטיג אין שטוב, — זיי זיינען דאָך רויטע.

— אזוי! נו, און פרנסה האָבען זיי?

— דאָס וואָרט איז גאָר אין זייער לעקסיקאָן ניטאָ.

— וואָס הייסט?

— פשוט. צו וואָס דאַרף מען פרנסה, ווען ביי יעדען אין גאָרטען וואַקסען אויף די בוימער פאַרטיגע בולקעס?

— און פוטער?

— אפילו די בהמות זיינען דאָרט קלוג. די גאַנצע נאַכט קאַטשען זיי זיך פון די בערג און אין דער פריה, אַנשטאַט מילך, מעלקט מען פוטער.

— און אַז איך וויל אַ שטיקעל פלייש?

— לויפען אַרום אין די גאַסען געבראָטענע אָקסען. יעדער האָט אויף זיך אַ הכשר פון אַ בעוואוסטען רב. אַ מעסער שטעקט אין דער זייט פון יעדען אָקס, שנייד דיר אָב דאָס בעסטע שטיק און דאָס איבריגע וואַרף אַוועק פאַר די הינט.

— און אַ שטייגער, נאַפשיקלאַד, איך האָב ליעב הערינג?

— אין די טייכען שווימען אַרום מיליאָנען מאַרינירטע הערינג אָהן ביינער. כאַטש נעהם און שלינג זיי.

— האָבען זיי דאָרטען צייטונגען?

— הערסט, חכם! טאַקע דערפאַר לעבען זיי דאָך אייביג, ווייל ס׳איז ניטאָ! איינער, אַ ליץ האָט דאָרטען אַמאָל געוואָלט ווערען רעדאַקטאָר, האָבען זיי איהם משלח געווען און צום אַנדענקען פון דער פרעהליכער פאַסירונג, רופען זיי דעם גרעסטען טייך פון לאַנד נאָך דעם רעדאַקטאָר: סמבטיון.

— וואונדער איבער וואונדער! ווי לאַנג וואוינען זיי דאָרט?

— פון באַלד נאָכ׳ן חורבן בית שלישי. אַן אַלטיטשקער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער איז נח׳ס זון אײדעם.

— וואָאָאָס?? !!

— איך בין אויך אַזוי קלוג ווי דו. ער האָט מיר אָבער געוויזען אַן אָבגעהאַקטען פינגער וועלכען ער האָט פערלוירען ביים בויען די תבה. היינט געה, גלויב ניט! זיין ווייבעל האָט ער מיר אויך פאָרגעשטעלט. נאָך גאָר אַ יונגעטשקע. געווען — האָט ער מיר דערצעהלט — די ערשטע כאָריסטין ביי מרים׳ען אין כאָר ביים אריבערגעהן דעם ים־סוף און „אויסגעכאַפּט“ האָט ער זי אין אַ יום־כפור־טאָג אין איינעם פון די ירושלים׳ער גערטנער.

— עפּעס אַ ניש־קשה׳דיג ווייבעל?

— נישט־קשה. אָבער פאָרט אַ אידענע. וועהרענד זי האָט

מיר געצייגט איהרע קליידער, האָבען דערווייל אין הויף די ווייסע־חברה׳ניקעס מיר קאַליע געמאַכט מיין לופט־באַלון.

— וואָס־זשע האָט איהר געטהאָן?

— א פראגע. אונטער אַ שטיין האָב איך פיינט צו ליעגען, אָבער אויבען... האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איינעם פון די שטיינער, וועלכען דער סמבטיון ווארפט ארויס און... אָט בין איך דאָ!

א מערקווירדיגע רייזע

— מילא, חכמות אן א זייט. איך וועל דיר בעסער דערצעהלען אן ערנסטע זאך. פאריגען זומער האב איך מיין וועקיישאן פערבראכט אין די קעטסקילס. חוץ קארטען שפּיעלען און לשון־הרע, וואס טהוט מען נאך אין די לאנגע טעג? נעהמען מיר זיך איינמאל צונויף א קאמפאניע צו געהן זוכען נעסטען פון אדלערס. ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען בארג, דערזעהען מיר א גרויסע לאך, כמעט ווי א בעדרום אין א טענעמענט־הויז, און אין לאך ליעגען צוויי אדלערס, יעדער פון זיי איז גרויס ווי א קריעגסשיף, און שפּיעלען זיך מיט זייערע קליינע אדלערלעך. דער „ער" האט הפנים געמיינט, אז מיר ווילען רויבען זיינע יורשים, גיט ער זיך א כאפּ הענדום־פּענדום, נעהמט מיך אן פאר'ן גארטעל און ס'האט אזוי פיעל גערויערט וויפיעל איך רעד מיט דיר, איך שטעה שוין אויפ'ן בארג אררט. דאס איז דער בארג וואו נח האט זיך נאכ'ן מבול אבגעשטעלט מיט דער תבה. וואלסטו זעהען וואס זאכען עס טהוט זיך דארט! טהייערע קיכען־געשיר פון עכטען ווארשעווער זילבער, מעבעל, געמאכט פון די בעסטע אמעריקאנער פאבריקאנטען, אפילו א בילד געמאהלען פון דעם גרויסען ראפאעל. נאר געה שלעפּ זיך מיט זיי. א פּאר קליניגקייטען האב איך יא גענומען, דהיינו: אן אתרוג־פּושקע, דאס קידוש־גלעזעל, פון וועלכען נח האט זיך פערשנאשקעט ארויסקומענדיג פון תבה, זיין טלית און תפילין און זיין יארמולקע. אויך גוט, טראכט איך מיר, עס וועט צונוץ קומען פאר'ן אידישען מוזעאום אין בראנזוויל. אבער ווי אזוי נח האט דארט געוואוינט — אסור אויב איך פערשטעה: אזא שרעקליכע קעלט, אז די ווערטער פריהרען אין מויל. מיין בעל־עגלה מיט'ן אדלערשען בליק האט עס פערשטאנען און אין זעקס סעקונדען זיינען מיר שוין געווען אויפ'ן בארג וועזואוויוס. אנגעווארעמט זיך די הענד ביין סאמע „קראטער", פליהען מיר ווייטער. טראג־זשע מיך, אדלערשער קאפּ, אהין, פון וואנען דו האסט מיך גענומען! —

ניין! דורכגעפלויגען איבער ניו יאָרק, לאָזט ער מיך איבער אויף דעם שפּיץ פון דער זינגער־בילדינג און אַליין — געה זוך איהם. וואָס טהוט מען? נעהם איך דעם שטעקען מיט'ן פלאַג פון דער בילדינג, מאַך מיר אַ „פּאַראַשיוט" און... וואָס זאָל איך זאָגען אַ ליגען? איך בין ניט אַרונטער אויף דער ערד, נור אריין אין אַ פענסטער פון אַ וואָל סטריטער באַנק. אַך, וואָס געלד דאָרט האָט זיך געפונען, מאַמעלעך מיינע! איך בין בטבע גאָר אַן אָרענטלי־כער, אָבער געה בלייב עהרליך, ווען דער יצר הרע שטורכעט דיך פון הינטען: „נעהם, נאַרעלע, נעהם. דו ביזט ניט דער איינציגער!" איך האָב פּאַוואָלינקע אויפגעבראָכען אַ סייף און ארויסגענומען $2.50 אויף אַ טיקעט און בין צוריק אַוועק אין די קאָנטרי.

עקשנות

ע ר ש ט ע ר: — איך בין אמאָל געווען אַ גרויסער סוחר. איינ־מאָל בין איך געגאַנגען מיט אַ שטאָל אָקסען פון דריי־הונדערט אין צאָהל קיין וויען אויף דעם מאַרק, און ווי איך בין געקומען קיין פלאָריסדאָרף (אַ סטאַנציע אונטער וויען), זאָגט מען מיר, אַז איך זאָל ניט אַריינגעהן מיט די אָקסען קיין וויען, ווייל עס הערט זיך אין וויען די אָקסען־קראַנקהייט „פיה־זייכע" (אַ חולאת וואָס אַז די בהמה שטעקט זיך פון איהר אָן, מוז מען זי תיכף שיסען). איך האָב איעדען געהערט ווי די קאַץ און מיך איינגע'עקשנ'ט און דוקא אַריין מיט די אָקסען קיין וויען. אַלע דריי־הונדערט אָקסען האָט מען מיר אויסגעשאָסען און איך האָב מיינס אויסגעפיהרט.

צ ו ו י י ט ע ר: — אויך מיר עקשנות! מיין אידענע האָט צו מיר אמאָל אום ווינטער, אין אַ זעהר ברענענדיגען פראָסט, געזאָגט: „יאַנקעל, געהסט אין מאַרק, נעהם מיט דעם פעלץ." נור ווייל זי האָט מיר געהייסען נעהמען דעם פעלץ האָב איך, איהר אויף להכעיס, איהם ניט גענומען. איך בין געשטאַנען אין מאַרק, די נאָז, איין אויער און צוויי פינגער זיינען מיר אָבגעפראָרען געוואָרען און איך האָב מיין ווייב געוויזען אַז איך האָב אויס־געפיהרט.

ד ר י ט ע ר: — וואָס האָקט איהר מיר אַ טשייניק מיט אייערע עקשנות? הערט! איך קום אמאָל אַריין צו אַ דענטיסט און זאָג איהם: „פּליעז, נעהמט מיר אַרויס אַ צאָהן, ער טהוט מיר זעהר וועה." „וועלכער צאָהן?" פרעגט ער מיך. „וואָס הייסט וועלכער? איהר זיינט דאָך עפּעס אַ דענטיסט, דאַרפט איהר אַליין וויסען וועלכער, אויף וואָס דען האָט איהר אויסשטודירט דאָקטאָר?" דער דענטיסט האָט מיר געריסען איין צאָהן נאָכ'ן אַנדערען, און איך האָב איהם ניט געוואָלט אויסזאָגען וועלכער ס'איז, ביז אויפ'ן לעצט האָט ער געפּאַקט דעם צאָהן וואָס האָט מיר וועה געטהאָן, און איך האָב איהם געוויזען וואָס עקשנות הייסט.

איהם קומט דאָס זייגערעל

צוויי אינגלעך, געהענדיג, האָבען געפונען א זייגערעל. איינער האָט געזאָגט, אז דאָס זייגערעל געהערט צו איהם, און דער צווייטער האָט געזאָגט, אז — צו איהם. איז געבליבען צווישען זיי, ווער עס וועט זאָגען דעם גרעסטען ליגען, דעם קומט דאָס זייגערעל.

ע ר ש ט ע ר א י נ ג ע ל: מיין טאַטענס אָטאָמאָביל איז אַזוי גרויס, אז ווען מיר מופען אַריבער זומער אין קאַונטרי, נעהמט מיין טאַטע דאָס הויז פון 4 פלאָר וואָס מיר האָבען אין די בראָנקס און שטעלט עס אריין אין אָטאָמאָביל און מופט עס אריבער אין קאַונטרי, און אין אָטאָמאָביל איז נאָך דאָ פּלאַץ פאר 500 מענשען צו זיצען.

צ ו ו י י ט ע ר א י נ ג ע ל: ביי מיין טאַטען אויף דער פארם וואַקסט אזא גרויסע קאָפּ קרויט, אז בשעת עס איז פאָרגעקומען דער אמעריקאנער בירגער־קריעג, זיינען מיט א גרויסען שטורם־ווינד געקומען צו אונז צופליהען צוויי הונדערט סאָלדאַטען, האָט זיי דער זיידע ביינאַכט אַלע צוגעדעקט מיט א בלאַט פון קרויט.

דאַרויף האָבען זיך ביידע אינגלעך גענומען שפּארען, אז זיין ליגען איז דער גרעסטער. זיינען זיי געגאַנגען פרעגען דעם גלח, ער זאָל ענטשיידען וועמעס ליגען עס איז גרעסער.

ד ע ר ג ל ח, אויסהערענדיג זיי, האָט זיי אָנגעפאַנגען צו מוסר'ן: ניט שעהן פון אייך, קינדער, איהר זאָלט אייך אריינלאָזען אין אַזעלכע ליגענס. אָט קוקט מיך אָן, איך בין אַן אַלטער מאַן פון 65 יאָהר, מיט א גרויען קאָפּ, און איך האָב נאָך אין מיין לעבען קיין ליגען ניט געזאָגט.

„דזשייק", רופט זיך אָב איין אינגעל צום צווייטען, „גיב דעם גלח דאָס זייגערעל!"

פערשיעדענע ליגענס

גבורות.

— הער אוים וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט לעצטע וואָך. געהענדיג אַזוי אויף בראָדוויי זוכען ארבייט, האָב איך דערזעהען ווי מען שלעפּט ארויף אַ גרויסע סייף פון אַזוי ארום פופציג טויזענד פונט אויפ'ן צעהנטען פלאָר. פּלוצלינג האָבען זיך די שטריק איבערגעריסען און די סייף איז גלייך געפאַלען אויף מיר. איך בין ניט געוועזן פויל און גלייך ארויסגעקראָכען פון אונטער'ן סייף און דערלאַנגענדיג מיט מיין רעכטען פויסט אַזאַ שטויס דעם סייף אַז ער איז צושאָטען געוואָרען אויף פּיצלעך בין איך מיר אוועק אהיים, ווי ניט מיך מיינט מען עס.

— דאָס איז גאָר! הער בעסער וואָס מיט מיר האָט געטראָפען: איך געה אויף דער בוועריי פון דער ארבייט, ערשט איך זעה מיינער אַן אַלטער פריינד געהט אויף דער צווייטער זייט גאַס. האָב איך אַ געשריי געטהאָן צו איהם, ער זאָל צו מיר אריבערקומען. אַזוי ווי ער האָט זיך געלאָזט אריבערגעהן די גאַס, איז אָנגעלאָפען אַ קאַר און האָט איהם איבערגעפאָהרען, אָבהאַקענדיג דעם קאָפּ פון די פּלייצעס. איך האָב גלייך געכאַפּט זיין קאָפּ מיט'ן קערפּער און זיי אריינגעטראָגען אין אַ שניידער־סטאָר, און ווי נור מען האָט צוגענעהט זיין קאָפּ צו די פּלייצעס און צוגעפּרעסט, האָט ער מיר געדאַנקט און איז זיך אוועק אהיים אַ גליקליכער.

איך און מיין ברודער.

איך און מיין ברודער זיינען אַמאָל געגאַנגען אין לאָנדאָן אין דער גרויסער שוהל הערען דעם חזן ראש חדש בענשען. איך געדענק עס גלייך עס וואָלט היינט געשעהן. עס איז געווען דער צווייטער טאָג ר"ה. פערבייגעהענדיג אַ גרויסען טייך, האָט זיך אויפגעכאַפּט

אַ שרעקליכער ווינד און האָט אריבערגעטראָגען אַ גרויסען מיהל־שטיין פון יענער זייט טייך. די לאַך פונ'ם שטיין איז ארויף גלייך אויף מיין קאָפּ, אַ מערכה, איך בין געגאַנגען אין אַ קאַשקעט מיט אַ גרויסען דאַשעק, ווען ניט וואָלט דער שטיין מיר מיין נאָז אָבגע־האַקט. איך האָב אַנדערש ניט געקענט אראָבנעהמען דעם שטיין, ביז איך האָב ניט אויסגעטהאָן דעם קאַשקעט.

מיין ברודער האָט דעמאָלט געטראָגען אַ שטרויענעם הוט. דערזעהענדיג דעם גרויסען שטורם־ווינד, האָט ער שנעל ארונטער־געכאַפּט דעם ראָבער פון ארום דעם הוט און באַלד צוגעבונדען צום קנעפּעל. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפען. דער ווינד האָט אַ ציה אויס געגעבען דעם ראָבער, און דער הוט האָט זיך געצויגען אויף דעם ים טויזענדער מיילען ווייט. מיר האָבען געוואַרט ביז אויף דער נאַכט, אז מען זאָל מעגען מיט אַ מעסער אָבשניידען דעם ראָבער פונ'ם קנעפּעל. ווען מיר זיינען שפּעטער מיט דריי יאָהר געקומען קיין אַמעריקאַ, און איך בין געגאַנגען מיט מיין ברודער אין סענטראַל פּאַרק אָנקוקען די חיות, ויבוא המן! דער הוט פליהט מיט'ן ראָבער און פאַלט פּונקט מיין ברודער אויפ'ן קאָפּ.

וועגען באַנק הייזער.

— מיין זיידע דערצעהלט: ווען ער איז געווען אין בערלין, האָט ער געזעהן אַ באַנק־הויז, איז עס געווען 95 שטאָק הויך און אַ הונ־דערט־טויזענד פוס לאַנג. דאָס קאָנטאָ־בוך (אַזוי רופט מען דאָס אויף דייטש) איז געווען אַזוי גרויס, אז פון „דעביט" ביז'ן „קרעדיט" זיינען געלעגען רעלסען און דער בוכהאַלטער פלעגט מוזען צופאָהרען מיט דער באַהן איינצושרייבען די ציפער פון איין זייט בוך צום צווייטען זייט.

— אויך מיר אַ וואונדער! מיין זיידע האָט געזעהן אין אַ בערלינער באַנק ווי עס זיינען געשטאַנען 25 טויזענד מאַן ארוים־געשטעלט די צינגער און געקלעפּט מאַרקעס אויף בריעף. אַזאַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ איז דאָרט געווען.

— עט, דאָס איז גאָר ניט! מיין זיידע איז אַליין געווען אַ בוכ־האַלטער אין אַ גרויסער בערלינער באַנק, דערצעהלט ער: אַז דער דירעקטאָר פון דער באַנק האָט פעראָרדענט מען זאָל שרייבען די זיבענס אָהן די פּאַסקעלעך (אין יוראָפּ, ווי בעוואוסט, קרייציגט מען איבער דעם 7 מיט אַ פּאַסיקעל), וועט מען עקאָנאָמיזירען טינט; און די עקאָנאָמיע האָט אריינגעבראַכט אין איין יאהר פינף מיליאָן מאַרק.

אַ מעשה מיט אַ דועל.

דער פּריץ פון דעם דאָרף, פון וואַנען איך קום (בערעזענע הייסט עס), האָט זיך אַמאָל שטאַרק צוקריעגט מיט דעם פּריץ פון דעם צווייטען דאָרף — סאָסנאָוויץ. דער סאָסנאָוויצער פּריץ האָט שרעקליך מיאוס בעליידיגט מיין פּריץ, ס׳הייסט דעם בערעזענער, האָט איהם מיין פּריץ ארויסגערופען אויף אַ דועל מיט שווערדען.

דער פּלאַץ פון דעם דועל איז געווען אונטער אונזער בערעזע־נאָווער קרעטשמע, ווינטער איז עס געווען, אַ פראָסט האָט דעמאָלט געברענט פּחדים׳דיג. קענסט פערשטעהן וואָס פאַר אַ מין פראָסט ס׳איז געווען, אַז דער פּריץ מיינער האָט מיט זיין שווערד, בשעת דועל, גענעבען אַ האַק דעם סאָסנאָוויצער פּריץ אין האַלז, האָט ער איהם מיט׳ן ערשטען האַק אָבגעהאַקט דעם קאָפּ. דער פראָסט איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער קאָפּ איז ניט גלייך אַראָב און איז צוגעפראָרען געוואָרען צום קערפּער. ערשט ווען נאָכ׳ן דועל זיינען די פּריצים אריינגעגאַנגען צו אונז אין קרעטשמע עפּעס טרינקען, האָט זיך אין מיטען טרינקען דער בערעזענער פּריץ שטאַרק דערהיצט, און דאָס אייז האָט אָנגעהויבען טאָפּיען, איז איהם ערשט אין קרעטשמע דער קאָפּ אַרונטער.

וועגען הונגעריגע.

— אז עס קומט צו רייד פון הונגער, וועל איך אייך דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט:

איך בין אַמאָל געפאָהרען אויפ׳ן טייך מיט אַ שיפעל. איך בין אַזוי הונגעריג געווען, אַז איך האָב מורא געהאַט איך זאָל זיך אַליין ניט אויפעסען. וואָס טהוט מען? בין איך געפאַלען אויף אַ פּלאַן: איך האָב געכאַפּט עטליכע שפּענדלעך און ארומגעלעגט ארום ברעג און זיי אָנגעצונדען. דער טייך האָט געגעבען אַ זיד אויף, און איך האָב מיך גוט אָנגעגעסען מיט פריש־געקאָכטע פיש.

— עט, דאָס איז ביי דיר אַ מציאה! איך בין אַמאָל געווען ביי מיין טאַטען אין וואַסער־מיהל און מיר האָבען אויך געוואָלט שטאַרק עסען. דאָ ליעגט פרישע, לעבעדיגע פיש, נור עס איז ניטאָ אין וואָס צו קאָכען. איך האָב אָנגעהויבען זוכען אַ כלי — ניטאָ. דערווייל דערזעה איך אַ שטיק וואַקס — געכאַפּט און געמאַכט אַ פענדעל און אָבגעקאָכט די פיש און מיר...

— חכם, ווי אַזוי קען מען קאָכען אין אַ וואַקסענע כלי?

— פערד־קאָפּ! מיר האָבען געמאַכט אַזאַ גרויס פייער, אַז דאָס וואַקס האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צוצושמעלצען.

שוהלען צו שוהלען ניט גלייך.

— איך בין אַמאָל געווען אין פּאַריז אין אַ שוהל, איז די שוהל דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען האָט גערופען אַ מזרח־בעל־הבית ער זאָל עולה לתורה זיין האָט געדויערט צוויי שטונדען ביז ער איז געקומען פון זיין „שטאָדט“ צום באַלעמער, — אי דאָס איז ער געפאָהרען די צוויי שעה אויף אַ פערד.

— עט, דאָס איז גאָרניט. אויך מיר אַ שוהל! כ׳האָב געזעהן אַמאָל אַ שוהל אין בערלין, שטעהען דאָרטען צוויי באַהנען פון ביידע זייטען בעלעמער, וואָס ברענגען די עליה׳ניקעס צופיהרען פון זייערע „שטעדט“ צו דער תורה און פיהרען זיי נאָכהער צוריק אָב

צו זייערע ערטער. א חוץ דעם מוזען נאָך די באַהנען אויפ׳ן וועג זיך אָבשטעלען ארויפצונעהמען קוילען און וואסער פאר די לאָקאָ־מאָטיוועו. נור דאָס איז אַלץ בלאָטע. דער עיקר איז, אז ראש השנה בעת מען בלאָזט שופר אויפ׳ן בעלעמער, איז די וואָס זיצען אין פּאַליש דערהערען דעם קול שופר ערשט ארום חנוכה־צייט.

אַלץ הייסט אַ ברונען!

— אין שמאָלעוויץ איז דאָ אַ ברונען, איז ער אזוי טיעף, אז עס לויפען אין איהם 7 מינים וואסערען...

— פּששש, פּאַראַדע... אויך מיר אַ ברונען! ביי אונז אין שמעלעוויץ, זעהסטו, איז אויך דאָ אַ ברונען, האָט די שמש׳טע ערב־פּסח אַראָבגעלאָזען אין דעם דאָזיגען ברונען אויף אַ שפּאַגאַטעל אַ צעהנדליג הערינג אום זיי אויסצואווייקען אויף פּסח, איז אָבער ווען די הערינג האָבען זיך אָנגעוויייקט מיט וואסער, זיינען זיי געוואָרען אזוי שווער, אז זיי האָבען מיטגעשלעפּט די שמש׳טע אין ברונען אריין. דאָס איז געווען ערב פּסח. דער ברונען איז אָבער געווען אזוי טיעף, אז דעם פּליוסק פון דער שמש׳טעס פאַל האָט מען ערשט דערהערט הושענא רבה...

געוואוינהייט.

— וואונדער איבער וואונדער! וואָס געוואוינהייט קען אויפ־טהאָן! איך קען איינעם וועלכער האָט זיך צוגעוועהנט צו שפּרינגען. דעם ערשטען טאָג פלעגט ער שפּרינגען פון איין טרעפּעל, דעם צווייטען — פון צוויי טרעפּלעך, דעם דריטען — פון דריי, א. ז. וו. יעצט שפּרינגט ער אַרונטער פון אַ צוועלף־פּלאָריגע געביידע און — גאָר ניט.

— ס׳איז טאקע גאָר ניט. מיינער אַ בעקאַנטער האָט זיך צוגעוועהנט יעדען טאָג צו טרינקען אַ טראָפּען סם, געמישט מיט

מילך, איצט האָט ער עס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז ער טרינקט אויס אַ גאַנצען גאַלאָן סם אָהן מילך, און עס אַרט איהם ניט.

— זעהסטו, און מיך אַרט עס יאָ. וואָס פאַר אַ נסים דערצעהל־סטו, האַ? מיין לאַנדסמאַן׳ס אַ שוואָגער האָט ערפונדען אַ מאַשינקע, אַז מען לעגט אַריין אין איין זייט אַ לעבעדיקע קוה מיט אַ זעקעל מעהל, געהט פון דער אַנדערער זייט אַרויס פאַרטיגע קרעפּלעך.

— אָווא, אַ טהייערע מציאה! מיינס אַ גליעד־געשוועסטער־קינד האָט אויסגעטראַכט אַ פּעטען, טאַקע אויך דיזעלבע, נור אַביסעל אַנדערש, דהיינו: אַז די קרעפּלעך געפעלען ניט, לעגט מען זיי אַריין צוריק אין מאַשינקע, געהט אַרויס פון דער אַנדערער זייט אַ זעקעל מעהל און די לעבעדיגע קוה נאָך מיט אַ קעלבער דערצו.

וועגען מצה־מאַשינען און שכורים.

בערקע: נו, זעהט מען זיך דאָס אָן מיט קונצען אויף דער וועלט.

שמערקע: וואָס האָסטו אַזוינס געזעהען?

בערקע: איך האָב געזעהן אַ מאַשין, וואָס אַז מען האָט אַריינגעלעגט אין איהר אַ שטיק טייג, איז אַרויסגעקומען אַ געבאַקטע מצה.

שמערקע: דאָס איז בלאָטע!

בערקע: ווייסטו פון אַ גרעסערען וואונדער?

שמערקע: אויב איך וויים? איך האָב געזעהן אַ מאַשין וואו מען האָט אַריינגעלעגט באַנדלעך וויינטרויבען אין איין זייט און פון דער אַנדערער זייט זיינען געשטאַנען „פּאַטרול וועגען" און מען האָט געשלעפּט שכור׳ע גוים אין סטיישאַן־הויז!...

די פרויען־וועלט

די פרויען־וועלט

גלייכווערטלעך און אפאריזמען וועגען פרויען.

פאר שעהנע פרויען איז זעהר נאריש צו זיין קלוג.

*

קיין מלאך איז ניט אזוי בלאנד, ווי מאנכע פרויען פארבען זיך.

*

דער מאן וואס איז געבוירען צו רעגיערען זאל אויסמיידען פרויען.

*

עס זיינען פאראן פרויען, וואס קענען אפילו ניט די קונסט פון ארומגעהן לעדיג.

*

פיעלע שאטענדיגע טהאטען פון א פרוי ווערען פערדעקט מיט א זוניגען שמייכעל.

*

ליעבע איז פון יענע לוקסוס-ארטיקלען אהן וועלכע דער מענש קען זיך ניט בעגעהן.

*

אלצדינג קענט איהר איבערצייגען א פרוי, חוץ אז אירגענד וועלכע זאך איז אנדערש ווי זי דענקט.

*

עס איז זעהר לייכט צו ערקלערען זיך אין ליעבע. שווער איז נור נאכהער די ערקלערונג קלאר צו מאכען...

*

די גרעסטע, זשעניאלסטע, ריעזיגסטע נארישקייטען זיינען קארליקעס אין פערגלייך מיט מאנכע פרויען...

*

דער טייפעל איז קיינמאל ניט אזוי שווארץ, ווי די פרוי מאהלט איהם אין דער צייט, וואס ער איז איהר געווארען אונטריי.

„וואָרום האָט איהר ניט חתונה?" האָט אַ מיידעל געפרעגט ביי אַן עלטערען בחור.

„ווייל דאָס גט'ן זיך קאָסט צו טהייער," האָט דער ציניקער געענטפערט.

*

אַ מאַן וואָס הייראַטה אַ מיאוס'ע אָדער עלטערע פרוי צוליעב איהר געלד בעטראַכט זיינע קושען אַלס אַ מין אונגערעכטע און געצוואונגענע צינזען אויף זיין פערמעגען.

*

וואָרום איז עס, וואָס די מאָהלער שטעלען אימער פאָר די מלאכים אַלס בלאָנדע, וועהרענד אין ווירקליכען לעבען זעהען מיר אַז די בלאָנדע זיינען מייסטענס אַקטריסעס און כאָריסטקעס?...

*

אין ליעבעס־ווערטערבוך ווערט דאָס וואָרט „האַרץ" אָפט פערביטען אויף דעם וואָרט „ערד". ווען אַ געליעבטע זאָגט, למשל: „דו וועסט ביי מיר ליעגען טיעף אין האַרצען" — מיינט זי געוועהנליך: „וועסט ביי מיר ליעגען טיעף אין דר'ערד!..."

*

אַ פרוי קען פיעלעס פערנעהמען, אָבער ווייניג פערגעבען.

*

די שעהנסטע שפּראַך פון דער פרוי איז איהר שטילשווייגען.

*

אויב איהר ווילט צופריעדענשטעלען אייערע ווייבליכע געסט, מוזט איהר פאַר אַלעמען צייגען, אַז איהר זיינט ניט צופריעדען מיט אייער פרוי...

*

אַז אַ מאַנסביל געפינט היינטיגע צייטען אויס, אַז אַ פרוי איז שעהן, ווייל ער פאַר דעם „געפינען" אַ שכר השבת אבדה — אין דער פאָרם פון אַ גוטען נדן.

*

די הויפּט־אורזאַכע וואָרום פרויען קענען ניט זיין קיין נאָהענטע פריינדינס איינע מיט די אַנדערע, איז ווייל זיי זיינען צו אָפּענהערציג.

מען קען ליעב האָבען אַ מיידעל אי פאַר איהר צניעות איז פאַר איהר חוצפה.

*

עס איז לייכטער פאַר אַ פרוי צו זיין נאַריש און ניט זיין שעהן, ווי צו זיין שעהן און ניט זיין נאַריש.

*

פיעלע מיידלעך, וואָס לעגען די יונגע לייט אין דר׳ערד, געפינען זיך נאכהער שימלענדיג אויף די פאָליצעס.

*

אום צו מאַכען פרויען־געסט פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים — מוזט איהר זיי איינלאַדען זיך אַ ביסעל צו שילטען...

*

מענער און, להבדיל, הינט שעצען אם בעסטען די זאכען, וועלכע זיי קריעגען דורך אַ לאַנגען בעטען זיך...

*

אַז דו געהסט צו אַ פרוי, נעהם מיט אַ בייטש און — אַ באָקס קענדי.

*

די מייסטע מענער הייראַטהען אוים לאַנגווייליע און די מייסטע פרויען הייראַטהען אוים נייגיעריגקייט...

*

דער איינציגער אונטערשיעד צווישען אַ קאַפּריז און אַ פרוי איז דאָס, וואָס די פרוי דויערט לענגער...

*

צו שטאַרבען פאַר אַ פרוי איז אָפטמאָל אַ קלענערע העלדיש־קייט ווי צו לעבען מיט איהר!...

*

אַ פרוי איז קיינמאָל ניט א ל י י ן מיט זיך, וואָרים יעמאָלט ווען זי איז אַליין, איז זי אַן א נ ד ע ר ע...

*

אוועקגעבען אַ קעניגרייך פאַר אַ פערד איז געווים אַ נאַריש־קייט; אבער אוועקגעבען אַ קעניגרייך צו אַ פרוי איז אַן אונגליק!

— ווי שעהן איז די פרוי! — האָט גאָט אויסגערופען ענטציקט פון הוה׳ן, וועלכע ער האָט ערשט געהאט אויסגעשניטען פון אדם׳ס ריפּ.

— אָבער זי טהוט וועה! — האָט נעבעך געקרעכצט אדם און זיך געהאַלטען פאַר דער זייט.

*

מען זאָגט, אַז די שלאַנג, וועלכע האָט אָנגערעדט אדם׳ען צו עסען עפּעל, איז געווען אַנגעשטעלט פון אַ געוויסע פירמע וואָס פערקויפט פּעטענט־מעדיצינס...

*

מאַנכע פרויען זיינען געגליכען צו יונגע פּאַטייטאָס (קאַרטאָ־פעל) — פּשוט׳ע מענשען ליעבען זיי אַם בעסטען אין די העמדלעך.

*

דער קאָרסעט איז אַ זעלטענער מיטעל אויף צו האַלטען דעם טייפעל געפאַנגען אַרום דער פרוי׳ס האַרצען.

*

די פרוי — דאָס איז דער „קאָמפּאָט" פון לעבען. לאָז זי דאַרום איבער אויף דער סאַמע ענדע!

*

דער פרוי׳ס נשמה איז אַ פויגעלע וואָס פליהט קיינמאָל ניט אַראָב דעם „דאַך" פון איהר וואוינונג — דאָס הייסט איהר קאַפּעליוש!

*

— לעג זיך, אדם, איך וועל פון דיר מאַכען אַ מענש! — אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו אדם׳ן בשעת ער איז איהם געגאַנגען מאַכען די געוויסע אָפּעראַציע.

— כאַ־כאַ־כאַ! פון מיר אַ מענש! האָט זיך אדם צולאַכט מיט אַזא הויכען געלעכטער, אַז ער איז אַזש געבליבען אָהן אַ זייט.

האָב ניט חתונה און דו וועסט חרטה האָבען; האָב יאָ חתונה און דו וועסט חרטה האָבען דארויף וואָס דו האָסט קיין געלעגענ־הייט חרטה צו האָבען...

*

ליעבע איז אַ זאַך וואָס איז נ י ט...

*

אַ פרוי וואָס וויל עסען די יאָדרע מוז — לאָזען דעם מאַן קנאַקען די נוס!

*

די פרוי איז אַ פּראָבלעמע וואָס לעזט זיך אויף אין אַ רעטעניש.

*

פיעלע מאַנסבילען שעצען מעהר אין דער פרוי אַן אָפענע ברוסט, ווי אַן אָפען האַרץ.

*

קיין וואונדער וואָס דער פרוי׳ס געדאַנקען זיינען ריינער ווי דעם מאַן׳ס — זי בייט זיי דאָך אָזוי אָפט!...

*

פיעלע פרויען קענען ג ע פ י נ ע ן דעם ריכטיגען וועג אין לעבען, אָבער זעהר וועניג קענען אויף איהם ג ע ה ע ן...

*

די פרוי אורטהיילט אזוי לייכט און פערשטעהט אזוי שווער...

*

איבערראַשען אַ פרוי מיט אַ ליעבעס־ערקלערונג, הייסט איבער־ראַשען אַ זונענשטראַהל מיט אַ שפּיעגעל...

*

איין איינציגער ליעבעס־שטראַהל מאַכט אָפט ליכטיגער דאָס האַרץ פון אַ פרוי ווי די גאַנצע זון...

*

די ערציהונג וואָס היינטיגע פרויען גיבען זייערע טעכטער בעשטעהט פון גוטע לעהרען מיט שלעכטע אילוסטראַציעס...

*

אין ים פון לעבען פּאַסירט אָפט, אַז די פרוי לויפט נאָך אַן איינציגער כוואַליע אַנשטאַט צו שעפּען פון די קומענדע...

פיעלע פרויען, וועלכע קענען די גוטהערציגע נאַטורען פון זייערע מענער, פאַלען בכיון אין זומפּ, בכדי צו געבען זייערע מענער א געלעגענהייט זיי אויפצוהויבען.

*

א פרוי איז אזא מין סאָרט וויטץ, וואָס מאַכט אונז אָפט לאַכען מיט טרערען...

*

ליעבע איז א פעראייניגונג פון צוויי נשמות פאַר דעם נוצען פון א דריטער.

*

פאַראַנען דרייערליי פרויען אויף דער וועלט — שלעכטע פרויען, ערגערע פרויען און נ א ך ערגערע...

*

דער בעכער פול מיט דעם שטאַרקסטען וויין מאַכט אָפטמאָל ניט אזוי שכור ווי די מיידעלשע האַנד, וועלכע ה א ל ט דעם בעכער!

*

די פרוי קען זיך צו אַלעם צוגעוועהנען! פאַראַנען צווישען זיי אזעלכע, וואָס קענען אָבלעבען זייערע יאָהרען מיט א י י ן מאַן.

*

אַן אונאַנשטענדיגע מיידעל איז א מיידעל וואָס האָט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו זיין אַנשטענדיג, און פערקעהרט...

*

מאַנכע פרויען בעהאַנדלען זייער אונשולד, ווי א קליין קינד בעהאַנדעלט א פּויק, וועלכע דער פאַטער האָט איהם געקויפט — ער פּויקט אין איהר אָהן אַן אויפהער, ביז וואַנען זי ווערט צובראָכען.

*

די פרוי איז א לייטער, דורך וועלכע דעם מאַנ׳ס נשמה קען ענטוועדער ארויפקלעטערען צום הימעל אָדער ארונטערקלעטערען אין דער העלע...

*

„די גאַנצע וועלט ליעבט א פערליעבטען" — איז שוין עפּעס א חידוש וואָס פערהייראַטהע מענשען האָבען אזא ביטערען האַס צו דער גאַנצער וועלט?...

מען דענקט, אז בעת די וועלט וועט האלטען אין אונטערגעהן, וועט זי מוזען אויסווארטען א ווײלע, ביז וואנען די פרויען וועלען זיך אנטהאן די קארסעטען.

*

א מאן איז אזוי הויך ווי ער דענקט; א פרוי — אזוי הויך ווי זי ליעבט.

*

דאס וויכטיגסטע אין א פרוי׳ס בריעף איז געוועהנליך אין דער ערשטער אדער אין דער לעצטער שורה.

*

אז א פרוי ווארפט א שטיין אין גארטען אריין, קענען איהם צעהן מאנסבילען ניט געפינען.

*

די מייסטע זאכען, וועלכע פרויען ווייסען ניט, איז ווערטה צו לערנען זיך אויסוועניג!...

*

מענער געהערען דער עפענטליכקייט, ווען זיי שטייגען; פרויען — ווען זיי פאלען!

*

זאגט א פרוי, אז זי קוקט אויס פונקט ווי אייער פריינדין, און זי וועט אייך בלייבען א שונא אויפ׳ן לעבען.

*

צווישען צוויי אלטע צרות וועט א פרוי אימער אויסקלייבען א דריטע — אבי א נ י י ע.

*

די ליעבע פון דאס רוב פרויען איז בלינד ביז וואנען עס קומט צום דיימאנד־רינג...

*

מיידלעך האט מען ליעב פאר דאס וואס זיי זיינען; מענער— פאר דאס וואס זיי ק ע נ ע ן!

*

אויב די פרויען זיינען אוננאטירליך — איז דאס ניט מעהר

ווי נאַטירליך; אויב מענער זיינען נאַטירליך — איז דאָס, אין בעסטען פאַל, אומנאַטירליך!

*

די צניעות פון מאנכע פרויען איז אזוי בולט ווי די פינסטערניש פון מצרים: מען קען עס אָנטאַפּען מיט די הענד.

*

דאָס הארץ פון א פרוי איז א גאָלדענער בעכער, אין וועלכען עס פינקעלט דער אַלטער וויין פון איהר מוטער חוה'ס גן־עדן־ליעבע.

*

ביי א מאַן טרעפט אז ער גיט אמאָל צו, אז ער האָט בעגאַנגען אַן עולה — א פרוי קען העכסטענס צוגעבען, אז א י ה ר האָט א טעות...

*

דאָס ערגסטע וואָס א מאַן דאַרף אָפט אראָבשלינגען פון זיין יונגער ווייבעל זיינען — די מאכלים וואָס זי קאָכט...

*

די הערצער פון פיעלע שעהנע פרויען זיינען געגליכען צו פיינע באָנבאָנס — קליינע, אָפטמאָל שלעכטע צוקערקעס און פערוויקעלט אין א מאַסע טהייערען שטאָף...

*

„ע ר פ י ה ר ט זיין כלה צו דער חופה", איז איינע פון יענע אַלטע שפּראַך־פעהלערען, וועלכע זיינען איינגעוואָרצעלט אין דעם בלוט פון די מאַנסבילען. אייגענטליך דאַרף עס הייסען: „ער לאָזט זיך פיהרען פון זיין כלה צו דער חופה!"

*

געפיהלען זיינען ווייבליך; געדאַנקען — מענליך.

*

זאָגט א מיידעל אז זי איז א מלאך און זי וועט זיך באַלד צוטשעפּען א פּאָר פליגעל...

*

א פרוי איז געגליכען צו דער לבנה:ביידע וואַרפען זייער העלסטען שיין אין די דונקעלסטע פּלעצער.

פאראן איין סוד, וועלכען פרויען קענען האלטען בעסער ווי מענער און דאס איז — דער סוד פון זייער עלטער...

*

צו פערטרויען דיין הארץ צו א פרוי, איז פונקט אזוי זיכער, ווי צו בעהאלטען א דימענט אויף דעם ראד פון א וואסער־מיהל.

*

פאראן פרויען, וואס זיינען איפערזיכטיג אויף זייער אייגענעם ווידער־קול... און דאס איז די אורזאכע ווארום זיי רעדען אהן אן אויפהער...

*

ס'איז א גרויסע נארישקייט פון די מענער צו דענקען, אז די פרויען זיינען נאריש, אין דער צייט וואס די פרויען דענקען דאס־זעלבען וועגען זיי...

*

ווייזט אונז א מאן וואס קען ווירקליך הערשען איבער זיין פרוי, און מיר וועלען זיך... פאזיטיוו ענטזאגען צו געהן מיט איהם דורך א וואלד.

*

ליעבע אויפ'ן ערשטען בליק איז ווי דער ערשטער שנעע געגען דער זון: עס גלאנצט העל און צוגעהט שנעל.

*

א פרוי וואס האט בלויז איין חסרון, האט צוויי חסרונות. דער צווייטער חסרון איז דאס, וואס זי האט בלויז איין חסרון.

*

די פרוי איז אן אייביגע רעטעניש — ניט צום לעזען און ניט צום אויפגעבען...

*

די פרוי איז פון יענע גרויסע אונערוואַרטעטע ערשייגונגען, וועלכע פאסירען פון צייט צו צייט...

*

די פערצווייפלונג פון דער האפנונג, די האפנונג פון דער פערצווייפלונג — אט דאס איז די פרוי...

פרויען זיינען די קאָמישע ביילאַגע צום לעבען — זעהר אינ־טערעסאַנט פאַר קלוגע קינדער און דערוואַקסענע נאַראָנים...

*

דאָס רוב פרויען הויבען זיך ניט אויף צו די אידעאַלען, נור זיי וואַרטען אַז די אידעאַלען זאָלען זיך אַראָבלאָזען צו זיי...

*

אַ פערהייראַטהע פרוי איז געגליכען צו אַן אָפענעם סוד — ביידע זיינען ניט אינטערעסאַנט.

*

די פרוי איז דאָס שעהנסטע ווערק, וואָס איז ווען עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען. די אויפלאַגע איז אַ געוואַלדיג־גרויסע, און ביי די יעצטיגע ביליגע פּרעמיום־פּרייזען איז ווירקליך ניטאָ קיין אורזאַכע ווארום אַ יונגער מאַן זאָל זיך ניט בעזאָרגען וועניג־סטענס מיט איין קאָפּיע...

*

זעהר שעהנע און זעהר מיאוס'ע פרויען זאָלט איהר ליבען פאַר זייער קלוגשאַפט, מיטעלמעסיגע — פאַר זייער שעהנקייט.

*

פונקט ווי עס איז פאַראַן שעהנע בלומען, וועלכע שמעקען ניט, פונקט אַזוי זיינען פאַראַן שעהנע פרויען, וועלכע זיינען ניט ליע־בענסווירדיג...

*

עס זיינען דאָ פיעלע פרויען, וועלכע נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעגעבען זייער קערפּער צום טייפעל, גיבען אָב זייער נשמה צו גאָט...

*

עס איז נאָך אַלעמען אַ גרויסער חידוש, ווארום חוה האָט אָנגענומען אַזוי שנעל אדם'ס ליעבעס־ערקלערונג, ווי־סענדיג, אַז זי איז די איינציגע אויפ'ן מאַרק!...

*

אויב אַ מאַן פיהלט אַזוי ווי צו שטאַרבען פאַר אַ געוויסער מיידעל, איז די בעסטע זאַך ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען.

א פרוי וואָס לאַכט בלומר'שט פון דער ליעבע, איז ווי א מענש וואָס געהט אין וואַלד אין מיטען נאַכט און פייפט זיך א ליעד, אום צו פערטרייבען זיינע שרעקליכע געדאַנקען...

*

א שלעכטע פרוי איז א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע; א גוטע טאָכטער — א ברוטאַלע רעפּובליק.

*

א מאַן, וואָס שטאַרבט שפּעטער פון זיין פרוי, איז זיכער צו האָבען דאָס לעצטע וואָרט...

*

א מאַן געווינט זיין ערפאָלג **א ר ב י י ט ע נ ד י ג**; א פרוי — שמייכלענדיג.

*

קיין ערגערע זאַך ווי א מאַן איז ניטאָ אויף דער וועלט, — אויסער ווען א פרוי האָט צ ו ו י י מענער.

*

קליינע בלויע בלומען, גרויסע בלויע פרויען־אויגען — ביידע זאָגען זיי דאָס זעלבע: „פערגעס מיך ניט!"

*

ווי א טראָפּען מילך אויף א פעלד פון שנעע, אזוי איז א שנור פּערל אַרום דעם האַלז פון א שעהנער פרוי.

*

מאַנכע מיידלעך שעהמען זיך — ניט דערפאַר, ווייל זיי ש ע ה מ ע ן זיך, נור דערפאַר וואָס זיי שעהמען זיך, זיך נ י ט צו שעהמען.

*

„גיט מיר א האַנד!" — האָט זיך א יונגערמאַן געבעטען ביי א מיידעל.

„און אויף מיר פרעגט ער גאָר ניט!" האָט געטראַכט דער פוס און האָט איהם דערלאַנגט א בריק...

אין אַ הויז, וואו עס זיינען פאַראַן דריי פרויען, זיינען צוויי אבסאָלוט איבריג, און איינע — גלאַט צופיעל...

*

אַ בחור זוכט אַ פרוי, אום אויסצומיידען די איינזאַמקייט; אַ מאַן זוכט די איינזאַמקייט אום אויסצואויייכען די פרוי.

*

פיעלע „בלינדע ליעבעס" זיינען ווי די בלינדע בעטלערס — אנו, פּרובט זיי אריינרוקען אַ פאַלשע מטבע, וועלען זיי אייך אויס־זעצען די צייהן...

*

אַ מאַן וואָס האָט פיער ווייבער, וואָלט דריי אוועקגעגעבען דעם טייוועל, אבי ער זאָל ביי איהם צונעהמען די פיערטע.

*

א י י ן פרוי אין דער קאָונטרי איז בעסער ווי צ ע ה ן פרויען אין דער היים...

*

פיעלע פרויען זיינען אַזוי ווי דאָקטוירים — זיי נעהמען געלד און מאַכען קראַנק...

*

די ערגסטע טייוואָלים זיינען די „בלאָנדע מלאכים" מיט בלויע אויגען און בלוטיגע ליפּעלעך...

*

פיעלע חתנים זיינען אַזוי צופריעדען מיט זייערע שידוכים, אַז זיי וואָלטען באַדאַי אוועקגעגעבען די כ ל ו ת פאַר שדכנות־געלד...

*

אַ מאַן, וואָס וויל האָבען ערפאָלג ביי פרויען, מוז רעדען מיט'ן ה א ר ץ, ווייל דאַן איז ער זיכער צו רעדען אַזוי פיעל נאַרשיקייטען, אַז אפילו די קליגסטע פרוי וועט ווערען ענטציקט פון איהם....

*

מאַנכע פרויען זיינען אַזוי ווי די ווינד־פעהנדלעך — זיי דרעהען זיך אַ סך און טהוען גאָר ניט.

אין אלגעמיין איז די פרוי א פאראדאקס — זי לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל...

*

א פרוי איז א צרה אין טעגליכע פארטזעצונגען...

*

ליעבע שטארבט קיינמאל ניט פון הונגער, אבער זעהר אפט פון אונפערדייאונג...

*

פיעלע פרויען קאקעטירען דערמיט וואס זיי זיינען ניט קיין קאקעטקעס...

*

איין ווייבערשער סוד מאכט אן א גרעסערען טומעל ווי צעהן מענערשע ביקסען.

*

זאמעלט צונויף עטליכע פרויען אויף איין פלאץ און עס וועט ווערען א פראסט.

*

שמאלע טאליעס און שמאלע געדאנקען זיינען שטארק פער־ברייטעט היינטיגע צייטען...

*

געטהיילטע פריידען זיינען דאפעלטע פריידען, און געטהיילטע פרויען זיינען האלבע צרות...

*

מיר וויסען קיינמאל ניט וואס די פרוי וויל ניט, ביז וואנען מיר האבען ניט אויסגעהערט אלסדינג וואס זי האט צו זאגען...

*

די פרוי איז בעשאפען געווארען פון דעם מאנ׳ס זייט, און ניט אומזיסט בענקט זי אזוי נאך איהר געבורטס־פלאץ...

*

דארט וואו דער מאן איז א שטארק שטיקעל פראזא איז די פרוי א שוואך שטיקעל פאעזיע...

ליעבע איז אַ ברען־גלאָז. ביידע מוזען געהאַלטען ווערען אין איין פונקט אום זיי זאָלען קענען בעשאַפען אַ זוניגען פייער...

*

די פאַנטאַזיע פון אַ פרוי איז ווי אַן אַלט מיליטעריש פערד, ענטוועדער עס קריכט אָדער עס שפּרינגט פון די אַלאַבליעס...

*

דער געדאַנק פון אַ פרוי געהט ניט העכער פון אַ קלייד, אויסער ווען זי דענקט פון אַ העמד...

*

אַ מיידעל איז געגליכען צו אַ פעסטונג — מיט דעם אונטער־שיעד, וואָס אַ פעסטונג מוז מען נעהמען מיט געוואַלט און אַ מיידעל — ניט...

*

אויף צווייערליי וועגען קען זיך די פרוי דערהויבען איבער דעם מאַן — דורך דער ליעבע און דורך דער תליה...

*

אַ פרוי וועט גיכער געפינען הונדערט תירוצים, איידער פער־ליערען איין אויג — פון די שפּיזלעך מיט וועלכע זי שטריקט אַ זאָק.

*

אַז מען זאָגט אויף צוויי מענשען אַז זיי ליעבען זיך — הייסט דאָס, אַז יעדער פון זיי ליעבט זיך אַליין...

*

אויף וויפיעל די פרויען זיינען עגאָאיסטיש, קען מען זעהן דערפון וואָס אַבוואָהל חוה האָט געטהיילט מיט אדם'ען דעם עפּעל, האָט זי דאָך געטהאָן דעם ערשטען ביס.

*

אַ פרוי'ס הארץ איז ווי גלאָז. אויב דו ווילסט דאָרטען איינ־קריצען דיין בילד — מוזטו עס טהון מיט אַ דימענט...

*

פלאַטאָנישע ליעבע! ענטוועדער עס איז ליעבע און ניט פלאַטאָניש, אָדער עס איז פלאַטאָניש און ניט קיין ליעבע...

די מייסטע פרויען זיינען געגליכען צו א קאסטאמער־פעדלער —ביידע פערלאנגען מעהר ווי עס קומט זיי...

*

פון אדם׳ס ריפ האט גאט בעשאפען חוה׳ן. דאס ערקלערט שוין פאר וואס פיעלע פרויען האבען א טבע אייך ארייצוקריכען אין דער זיבעטער ריפ...

*

פיעלע מענער בעהאנדלען זייערע פרויען ווי א גוטען קארפעט — זיי קלאפען זיי דורך פון צייט צו צייט...

*

א פרוי האט ניט אזוי מורא פאר׳ן מלאך המות ווי פאר דעם געדאנק, אז זי וועט ניט קענען הערען וואס איהרע שכנים וועלען זאגען וועגען איהרע תכריכים...

*

מאנכע פרויען זיינען אזוי פארזיכטיג, אז איידער זיי געהען זיך טרינקען, טהוען זיי זיך פריהער אן ווארימע וועש.

*

א פרוי איז ניט נור קיין מלאך ניט, נור א סך, א סך ע ר ג ע ר.

*

די איינציגע צייט, ווען א פרוי ליידעט און שווייגט, איז ווען זי איז... הייזעריג.

*

די מוזיק ביי דער חופה דערמאנט שטענדיג אן דער מוזיק ביי סאלדאטען, ווען זיי געהען אוועק אין מלחמה...

*

דארטען וואו עס הויבט זיך אן דער מאן — הערט זיך אויף דער מ ע נ ש...

*

ווען די בעריהמטריי פון די מענער וואלט זיין אמת, דאן וואלט זיין זעהר שווער צו געפינען א מיידעל אהן א געבראכענעם הארץ...

*

מענער מאכען געזעצע, פרויען — מאכען געזעצמאכערם...

אַ יונגע פרוי איז ווי אַן אַלטער פערד — ביידע פערדרעהען דעם קאָפּ...

*

אַ פרוי איז אַ קאָמעדיע, וועלכע מוז גענומען ווערען ע ר נ ס ט.

*

די לאָגיק פון אַ פרוי ליעגט אין איהרע נארישע ארגומענטען...

*

דער פרויען־האַס איז געוועהנליך ניט מעהר ווי אַן איבער־געקעהרטע ליעבע...

*

זעהר ווייניג פרויען נעהמען אָן די האַנד פון אַ מאַן — ווען זי איז לעדיג...

*

דער פרוי'ס ליעבע איז אַ פייער, וועלכעס שפּייזט זיך אויף זיך זעלבסט...

*

די מייסטע פרויען ווערען גרוי — ניט פון אַלטקייט, נור פון זאָרג ט אָ מ ע ר וועלען זיי גרוי ווערען...

*

יעדע פרוי איז אונגערעכט אַזוי לאַנג ווי זי וויינט ניט, קוים אָבער הויבט זי אָן וויינען, דאַן — איז זי שוין גערעכט...

*

מיט דער ארורה קסאַנטיפּאַ פּאַר אַ ווייב איז ניט קיין וואונדער וואָס סאָקראַטעס איז געוואָרען אַ פילאָזאָף!...

*

וועלכע איז אַ בעסערע פרוי — די וואָס איז די בעסטע צווישען די ערגסטע, אָדער די וואָס איז די ערגסטע צווישען די בעסטע?...

*

ווען די פרויען וואָלטען זיין געצוואונגען צו בעהאַלטען זייער שעהנקייט, וואָלטען זיי עס אַזוי „בעהאַלטען", אַז אפילו אַ ב ל י נ ד ע ר זאָל עס קענען געפינען...

מאנכע פרויען בענוצען זייער אונשולד אויף דעם זעלבען אופן ווי א קאץ בענוצט איהרע לאפקעס — אויף אויסצודראפען יענעם די אויגען...

*

א פרוי שרייבט איהרע געדאנקען מיט די אויגען...

*

אויב פרויען זיינען שלעכטע פערפאסער — זיינען זיי אבער דערפאר גוטע קריטיקער.

*

אלעס וואס איז נעטהיג צו מאכען א פּאארעל זיך ליעבען, איז — זיי צושיידען איינס פון דאס אנדערע.

*

מען דארף ניט זיין קיין גרויסער הומאריסט, אום צו מאכען לאכען א פרוי — וואס איז געבענשט פון דער נאטור מיט שעהנע צייהן.

*

א פרוי וואס ווערט ניט רעגיערט פון איהר מאן איז ניט זי זעלבסט, און אויך ניט עמיצער אנדערס — זי איז גאר ניט!

*

אויב א שעהנע פרוי רעדט פון דער שעהנקייט פון איהר פריינדין, דאן זייט זיכער, אז זי דענקט, אז זי איז נאך פיעל, פיעל שעהנער...

*

אמאליגע צייטען פלעגט די יונגפרויענשאפט בעטראכט ווערען אלס א סוד; היינט ווערט עס בעטראכט אלס אן אפענע פראבלעמע.

*

„ווי שעהן און ווי פריש איהר קוקט אויס!“ האט דער פריינד פון דעם גור־וואס פערשטארבענעם געזאגט צו זיין אלמנה.

„דאס איז גאר ניט,“ האט זי געענטפערט מיט א קאקעטען שמייכעל, „איהר וועט מיך מעגען אנקוקען מארגען — אין שווארצען.“

עס איז אויך פאַראַן אַ דריטער געשלעכט צווישן מענטשן — און צו דעם דאָזיגן געשלעכט געהערן די מיאוס'ע פרויען.

*

אַ פרוי'ס נקמה איז גלייך צו אַ בעטלער — זי קלאַפּט אין אַלע טהירען...

*

די פרוי איז דער אָנהויב פון דער וועלט און דער סוף פון איהר מאַן.

*

איין פרוי קען פרעגען מעהר קשיות, ווי צעהן חכמים קענען ענטפערן...

*

פרויען האָבען פיינט די שלאַנג, ניט אויס **געוועהנליכע** שנאה, נור אויס אייפערזוכט!

*

וואָס דער מאַן זוכט אין דער ליעבע — איז די פרוי; וואָס די פרוי זוכט אין דעם מאַן איז — די ליעבע.

*

מאַנכע פרויען זיינען אַזוי ווי „גוטע־אידען": ביידע קענען נעהמען אומזיסטע געלד און... ניט לאַכען.

*

די אויגען זיינען די פענסטער פון אַ פרוי'ס האַרץ, די ברעמען — די זיידענע גאַרדינען...

*

אַ פרוי'ס לופט־שלעסער געדויערן לענגער ווי דעם מאַן'ס — מחמת זיי האָבען אַלס פונדאַמענט די אייזערנע געדולד.

*

אויף אַלע איהרע בעהויפּטונגען האָט די פרוי איין־און־איינציגען אַרגומענט: „ווייל אַזוי!" און וואָס „ווייל אַזוי"? — „ווייל אַזוי!"

הלואי וואָלט אדם געווען געשטאָרבען מיט אַלע ריפּען!...

*

א פרוי'ס צונג איז נור דריי אינטשעס לאַנג, אָבער ער קען הרג'ענען א מאַן פון זעקס פוס הויך...

*

אויף דער פראַגע: וואָס איז נויטיג אום צו געווינען די ליעבע פון א פרוי, האָט א פילאָזאָף געענטפערט: „געלעגענהייט".

*

דאָס, וואָס פרויען רעדען א סך, אַרט אונז ניט. אָבער דאָס, וואָס זיי קוקען א סך, דאָס פעראומערט אונז דאָס לעבען!

*

די פרויען, וואָס ווארפען זיך אַרום דעם מאַנ'ס האַלז, וועלען באַלד אַרונטערפאַלען אונטער זיינע פיס...

*

א פרוי, וואָס האָט ניט געזעהן איהר ליעבען מאַן א גאַנצען טאָג, האַלט דיעזען טאָג פאַר פערלוירען; פאַר'ן מאַן איז עס אָבער געווען דאָס גרעסטע געווינס.

*

די קליגסטע פרוי איז די, וואָס דו וועסט זעהן מיט א טאָג שפּעטער...

*

די אורזאַכע ווארום מיר ליעבען די פרויען — זיינען די פרויען אַליין.

*

די ליעבע איז א קאַלט פייער, א טרוקענער רעגען און א ברענענדיגער שנעע...

*

אויב דיין פרוי רופט דיך אָן מיט'ן שבת'דיגען נאָמען — כאַפּ זיך פאַר דער קעשענע!...

*

אויב א פרוי זאָגט דיר צו אַרויסצוהעלפען אין דער פרנסה, לערן זיך אויס א גוטע מלאכה און... פערלאָז זיך אויף גאָט...

עס איז נאַריש פון אַ יונגענמאַן צו גייען צו אַ מיידעל אין הויז, ווען ער ווייסט, אַז זי וועט סיי ווי סיי קומען צו איהם...

*

אַ שעהנע פרוי דאַרף יעדען טאָג קוקען 4 מאָל אין שפּיגעלע, איין מאָל זיך צוליעב, אַ צווייטען מאָל זיך צוליעב און די איבריגע מאָל אויך זיך צוליעב.

*

אַ פרוי ברענגט מעהר אוים מיט׳ן לעפעל, וויפיעל אַ מאַן ברענגט אריין מיט׳ן שעפעל...

*

עס זיינען ניט פאַראַן אויף דער וועלט קיין מיאוס׳ע פרויען. עס זיינען בלויז פאַראַן פרויען, וואָס ווייסען ניט ווי אויס־צוזעהן שעהן...

*

אַ פרוי איז געפעהרליך ניט מיט דער שעהנקייט וועלכע זי צייגט, נור מיט דער שעהנקייט (אָדער מיאוסקייט) וועלכע זי בעהאַלט.

*

דאָס גליק און דאָס אונגליק פון דער שעהנער פרוי: זי קען פונקט אַזוי לייכט זינקען אין טיעפסטען אָבגרונד ווי זי קען שטייגען צו דער העכסטער שטופע.

*

אַ שעהנע פרוי, ניט אין גאַנצען געקליידעט, קעהרט זיך „מיט שרעק" אָב פון אייך, כדי איהר זאָלט בעסער קענען בעוואונ־דערן איהר נאַקעטע שעהנקייט.

*

זאָג בלויז איין מאָל אַ פרוי אַז זי איז שעהן, וועט עס איהר שוין דער טייפעל איבער׳חזר׳ן צעהן מאָל.

*

ביי מענער איז בילדונג אַ וויכטיגע זאַך; ביי פרויען איז אַ קלייד נאָך וויכטיגער.

מענער זאָגען וועגען די פרויען, וואָס זיי ווילען; פרויען טהוען מיט די מענער, וואָס זיי ווילען.

*

וואָס גלויבט איידּ א פרוי אם לייכטעסטען? — דאָס איהר ליעבט זי. וואָס גלויבט זי איידּ אם שווערסטען? — דאָס זי איז אלט.

*

ווען איהר ערקלעהרט זיך א פרוי אין ליעבע און זי איז דערביי שטארק בייז, איז א סימן אז איהר זייט שוין גאָר נאָהענט צום ציעל. אז זי שווייגט, איז א בעוויז, אז זי וויל נאָך הערען. אז זי וויינט, איז א סימן אז זי וויל ווערען געטרייסט. און אז זי לאכט — איז ביטער!...

*

הייראַטה איז אַן ערנסטע זאַך, אז מען וואָלט בעדארפט כאָטש א גאַנץ לעבען נאָכדענקען, אויב מען זאָל עס טהאָן.

*

חוה האָט געמאכט, אז אדם זאָל ארויסגעטריבען ווערען פונ'ם גן עדן, כדי ער זאָל זוכען דעם גן־עדן אין איהר.

*

דאָס הארץ ביי א פרוי איז ווארם אזוי לאַנג ווי זי ליעבט און די האָר בלאָנד — אזוי לאַנג... ווי זי פארבט זיי...

*

ווען דער מלאך המות האָט געזאָגט אדם'ען: געה פונ'ם גן־עדן, איז ער געלאָפען צופריעדען. ווען ער האָט אָבער דערזעהן, אז חוה געהט מיט איהם מיט, ערשט דאמאלס איז איהם קלאָר געוואָרען די גרויזאמקייט פון גאָט'ס צאָרן.

*

מענער ליעבען אָפט, נור ווייניג; פרויען ליעבען פיעל, נור זעלטען.

*

דיעזע, וואָס רעדען תמיד גוטס פון די פרויען, קענען זיי ניט גענוג; דיעזע, וואָס רעדען תמיד שלעכטס פון זיי, קענען זיי גאָר ניט.

יעדע פרוי ליעבט אַ צווייטע פרוי — אין שפּיעגעל...

*

פרויען זיינען קיינמאָל ניט אַזוי שטאַרק, ווי ווען זיי בעוואָפנען זיך מיט זייער שוואַכקייט.

*

חתונה איז אַ מין לאָטעריע, וואו מענער שטעלען איין זייער פרייהייט און פרויען זייער גליק.

*

פרויען און מוזיק ווערען פערקויפט אָהן אַ דאַטום.

*

אַ פרוי וועט אייך זאָגען דעם אמת, וויפיעל אַ צווייטע פרוי איז אַלט.

*

אַ פרוי וועט אייך גיכער רעדען שלעכטס אויף זיך אַליין, איידער גוטעס אויף אַן אנדער פרוי.

*

אַ מיידעל פון זעכצעהן יאהר נעהמט זיך איבער; אַ מיידעל פון דרייסיג יאהר — גיט זיך איבער.

*

אַ פרוי שטאַרבט צוויי מאָל: דעם טאָג ווען זי הערט אויף צו לעבען, און דעם טאָג, ווען זי הערט אויף צו געפעלען.

*

אַ קוש פון אַ מוטער (דאָס הייסט יענעמס מוטער, און איבערהויפּט אויב זי איז נאָך דערצו יונג און שעהן) — איז זעהר אָנגענעהם.

*

פרויען זיינען די „נערוועז" פון דער מענשהייט...

*

די פרוי איז דער שבת קודש פונ׳ם מאַן.

*

אַ קרומער מאַן און אַ קרום ווייב זיינען אַ גלייכע פּאָר.

*

אַז אַ מאַן זאָגט אַז ער האָט אַ ווייב, מיינט דאָס אַז אַ ווייב האָט איהם.

דאָס בעסטע מיטעל געגען ליעבע איז ג ע ג ע ן ־ ליעבע.

*

די פרוי איז דער קלענסטער גאָרניט אין גרעסטען פאָרמאַט...

*

א פרוי וואָס איז ניט א ביסעל משוגע — איז ניט נאָרמאַל...

*

אז א פרוי פעהלט אוים א תירוץ, פערליערט זי זיך אויך ניט — זי פאַלט אין חלשות...

*

דער שטח צווישען א פרוי'ם „יא" און „ניין" איז אזוי שמאָל, אז א נאָדעל קען אהין ניט אריין.

*

שעהנקייט איז דאָס ערשטע מיט וואָס די נאַטור האָט בעשאָנקען די פרוי, און דאָס ערשטע, וואָס די נאַטור נעהמט ביי איהר צוריק אוועק.

*

די מאָדערנע פרויען זיינען ווי די מאָדערנע זייגערס — זיי שלאָגען סיי ווען מען ד א ר ף און סיי ווען מען דארף נ י ט...

*

די פרוי איז א בריליאַנטענער ארטיקעל — פאַר די בריליאַנטען־הענדלער...

*

אויב די פרויען זיינען די בעסערע העלפט פון דער מענשהייט, דאַן איז די ערגערע העלפט נאָך ניט בעשאַפען געוואָרען.

פאָלקס־הומאָר

אידישע וויצען

מגלה געוועזן דעם קץ.

א מגיד האָט אמאָל פונאנדערגעקלעפּט א מודעה, אז ער וועט שבת אין זיין דרשה מגלה זיין דעם קץ (ווען משיח וועט קומען).

עס פערשטעהט זיך, אז דער בית־המדרש איז געוועזן געפּאַקט. ווער איז עס ניט קיין בעלן צו וויסען ווען משיח וועט קומען? — דער מגיד איז ארויף אויף דער בימע און האָט אָנגעפאנגען:

— רבותי, משיח וועט קומען בשנת תר"ם, ווען אָבער ער וועט ניט קומען אין תר"ם, וועט ער קומען אין תרר"ם, און אויב ער וועט ניט קומען אין תרר"ם, וועט ער קומען אין תררר"ם; און אויב ניט אין תררר"ם, וועט ער קומען זיכער אין תרררר"ם און ווען ניט אין תרררר"ם — האָט דער מגיד גענומען זאָגען, וועט ער שוין פאר זיכער קומען אין תם־תררררר"ם, תם־תאם־טעראראם־טאם, טערידירי־ראם־טאם... תם־טארא־ראם, טאָם־טאָט־טאָם־טאם...

גאָר ניט קיין פערד.

א מגיד איז אמאָל געקומען אין א קליין שטעדטעל און האָט דאָרטען געהאַלטען די פאָלגענדע דרשה: „הערט אויס, רבותי! מיר, אידען, זיינען אזוי ווי פערד: ווען א פערד געהט ווען מען הייסט איהם געהן, איז ער א גוטער פערד; ווען מען דארף א פערד אונטערשמייסען, אז ער זאָל געהן, איז ער נאָך נישקשה פון א פערד; אָבער,רבותי, א פערד וואָס איהם העלפט קיין שמייסען אויך ניט — איז שוין גאָר קיין פערד ניט, רבותי. דער נמשל איז: ווען איינער שטעהט אויף אין דער פריה און לויפט אין שוהל אריין דאַווענען, איז ער א גוטער פערד, רבותי; ווען איינער שטעהט אויף און עסט פריהער אָב און געהט נאָכדעם דאַווענען, איז ער נישקשה פון א פערד, רבותי. אָבער, ווען איינער שטעהט אויף און פרעסט זיך אָן מיט טריפה, רחמנא לצלן, און געהט גאָר ניט דאַווענען — דער איז שוין גאָר קיין פערד ניט, רבותי!"...

וואָרום דער רבי איז פרעהליך.

אַ חסיד איז געזעסען ביין רבי'נס טיש און צוגעקוקט, ווי דער רבי עסט. פלוצים האָט דער חסיד בעמערקט, ווי דער רבי ווערט זעהר אומעדיג. אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווערט דער רבי וויעדער זעהר פרעהליך.

— רבי, — גיט איהם דער חסיד אַ פרעג, — וואָס זייט איהר עפּעס אין עטליכע מינוטען צייט געוואָרען אַ אומעדיג, אַ פרעה־ליך? —און דער רבי האָט געענטפערט: — איך בין געוועזן איצט אין גן עדן, און ס'האָט זיך צו מיר מיין טאַטע בעוויזען, און ער האָט אויסגעזעהן זעהר קראַנק און שוואַך. דאָס האָט מיך אומעטיג געמאַכט. נור באַלד האָט זיך צו מיר מיין מוטער בעוויזען און האָט מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז ד ע ר איז גאָר ניט געוועזן מיין טאַטע — און דאָס האָט מיך פרעהליך געמאַכט — פערשטעהסט?...

דער זעקסטער חומש.

אַ פּרעזידענט פון אַ ניו יאָרקער שוהל, ראַיענדיג זיך אין ספרים־אַלמער רעדט צו זיך: אַ מאָדנע זאַך, ערשט נעכטען געקויפט אַ סעט חומשים און שוין איז פערלאָרען געוואָרען דער זעקסטער חומש. אודאי דעם שמש'ס אַרבייט...

געהובעלט און דאָך ניט געהובעלט.

בויענדיג אַ באָד אין אַ קליין שטעדטעל, האָט צווישען די בעלי בתים אויסגעבראָכען אַ מחלוקה ווי אַזוי צו מאַכען די פּאָד־לאָגע. אייניגע האָבען געוואָלט אַז די פּאָדלאָגע זאָל זיין געהובעלט און די אַנדערע — ניט געהובעלט. די ערשטע האָבען גע'טענה'ט, אַז עס וועט ניט זיין געהובעלט, וועט מען זיך צושטעכען די פיס; די צווייטע האָבען גע'טענה'ט, אַז עס וועט זיין גלאַט געהובעלט,

וועט מען זיך אויסגליטשען. איז מען געגאַנגען צום רב. דער רב האָט צופריעדען געשטעלט ביידע צדדים: ער האָט גע׳פסק׳ענט, אַז מען זאָל טאַקע די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע אָבהובלעווען, נאָר מען זאָל לעגען מיט דער געהובעלטער זייט אַראָב...

די שיקסע איז בילכער.

אין אַ אידיש־ענגלישער צייטונג פון דער וועסט איז געווען אָבגעדרוקט דער פאָלגענדער „פערלאַנגט" פון אַ אידיש־דייטשען טעמפעל: —

„פערלאַנגט אַ גוטען ראַבי און אַ שיקסע. דער ראַבי מוז קענען האַלטען אַ פּריידיג און די שיקסע מוז קענען ארויסהעלפען דעם אָרגעל־מאַן. מיט׳ן ראַבי האָבען מיר נאָך צייט אַכט טאָג, נור די שיקסע מוזען מיר נאָך האָבען אויף דעם קומענדען פרייטאָג אבענד, ווייל דער אָרגעל־מאַן מוז מיט איהר מקבל שבת זיין."

בצלם אלקים.

אלדד: מיר אידען זיינען בעשאַפען געוואָרען בצלם אלקים.

מידד: האָסטו אַ ראיה פון דער תורה?

אלדד: געווים, געווים, עס שטעהט בפירוש אין דער תורה: ד" אל ארך אפים — גאָט האָט אַ לאַנגען נאָז.

מוהל און מוחל.

אַ חזן, מוהל ומסדר קדושין האָט זיך געטשעפּעט צו אַן אשת־איש, האָט זי איהם געזאָגט: שעהמט זיך, אַזאַ הייליגער מאַן, און...

האָט ער איהר געענטפערט: היינטיגע צייטען לעזט מען ניט חזן מוהל ומסדר קדושין, נור: חזן מוחל מסדר קדושין...

אַן איינפאַל פון א „ראבאי“.

— הערר ראבאי, ערשט פינף מאָנאט נאָך מיין האָכצייט, אונד מיין פרוי האָט מיר שוין איין קינד געבאָרען. דאס איז דאָך שרעקליך.

— יונגער מאַן, דאס ערשטע מאָל פערצייהען זי איהר, ווען זי אָבער שפּעטער מיט 5 מאָנאטען ווידער איין קינד געבירט, דאן מוסען זי זי גט׳ן.

די ריכטיגע סמנים.

א יונגער מאן איז אריינגעפאַלען אין א „הין־הער־פלעט“, און האָט זיך אויפגעכאפּט איידער „חברה קדישא“ האָט אוספּעיעט איהם „טהאָן זיין רעכט“.

— וואָס זאָגט איהר, איך בין געווען טויט! — האָט ער אויס־געררופען צו זיינע פריינד פערוואונדערט — געהט שוין, געהט! ווי האָב איך געקענט זיין טויט, אז מיר האָט זיך געגלוסט עסען און עס איז מיר געווען קאַלט אין די פיס?

— וואָס איז דאָס פאר א משל? — האָט מען איהם געפרעגט.

— ס׳הייסט, איך האָב דאָך געוואוסט, אז איינס פון דיביידע: בין איך אין גן־עדן, וואָלט דאָך מיר ניט געהונגערט, און, אויב איך געפין זיך אין גיהנום — וואָלט דאָך מיר ניט געווען קאַלט אין די פיס!...

חזן קופּער׳ס וויצען.

מען האָט אמאָל געפרעגט ביי חזן קופער, ווי קומט עס, וואָס אין אמעריקא זיינען פאראן אזוי פיעל חזנים? האָט ער גע־ענטפערט:

„מיט די אידען איז אימער אזוי געווען: אז משה רבינו איז געווען אין מצרים, האָט איהם גאָט געשיקט צו פּרעה׳ן, האָט משה

גע'טענה'ט: כבד פה אנכי.... איך קען ניט רעדען. קוים אָבער זיינען אידען אריבער דעם ים, איז באלד — אז ישיר משה... דאָס־זעלבע איז אין אמעריקא....

* * *

חברה לויפער האָבען אמאָל ארייגעטריבען א הונד אין שוהל. דער כלב האָט זיך דערשראָקען און האָט אָנגעהויבען בילען אויפ'ן קול.

— ער שניידט זיך אויף א חזן — האָט א בעל־הבית א זאָג גע־טהאָן צו חזן קופער.

— ניין, דערוויילע שרייט ער ערשט ווי א בעל־הבית — האָט קופער גלייך געענטפערט.

* * *

מען האָט אמאָל קופער'ן אויך געפרעגט, ווי קומט עס וואָס פאר ימים־נוראים יאווען זיך חזנים וויפיעל פלעקער אין וואלד?

האָט ער געענטפערט: „ווייל עס שטעהט אין פסוק: — אז ירננו כל עצי יער — דאַן זינגען אלע פלעקער...“

איהר עצה געבער.

א אידענע וויינט אויפ'ן קול: — זוהנעלע מיינער, קדיש'ל מיינער, חכם מיינער, בעל־יועץ מיינער! —

— ווי אלט איז ער געווען? — האָט דוואָשע, א צווייטע אידענע, איהר א פרעג געטהאָן.

— זיעבען מאָנאַט, א וועהטאָג דער מאַמען!...

פאַר תקיעות.

(אַ דרשה געהאַלטען פון אַן אַמעריקאַנער גבאַי אום ראש השנה)

„לײדיעס און דזשענטעלמען, סיסטערס ענד בראָדהערס! היינט האָבען מיר אַ טאָג, ווען מען רעוויוזט עווריבאָדי'ס סינס מן

השמים. דהערפּאָר, מאַי דיער פרענדס, מוזען מיר חרטה האָבען אויף עוורי בעד דיד ענד עוורי בעד וואָרד, אויב מיר ווילען ניט געהן „טו העלל". דהערפּאָר, איידער מיר געהען בלאָזען דעם האָרן, זאָלען מיר אַבקלינען דהי הארט בעפאָר גאָד אלמייטי, ער זאָל אונז געבען זיין גוט בלעסינג און פּראָספּעריטי פאָר ניו־יעיר. אַי עם דאָון, דזשענטעלמען, גאָ אהעד — בלאָו !...."

נאָך גרעסער פון חזן.

פ י י ט ע ל : דו הערסט, טרייטעל, האָט דאָס אונזער חזן אוועקגעלייגט אַ מוסף, ממש סכנות נפשות. ווען ער האָט אַ גע־שריי געטהאָן הנני העני ממעש, האָבען די פענסטער פון שוהל אָנ־געהויבען ציטערען.

ט ר י י ט ע ל : איך וועל דיר דערצעהלען אַ גרעסערען וואונ־דער און ניט דוקא פון קיין חזן : ביי אונז האָט אַ פּראַצענטניק, וואָס פלעגט האַלטען פרעמדע געלד אויף פּראָצענט, אַ געשריי גע־טהאָן „הנני העני", האָט זיך די גאַנצע שטעדטעל אַ טרייסעל גע־טהאָן, ניט נור די פענסטער פון שוהל.

„ביי מ י י ן חזן ? — אָ נאָו !"

אַ חזן פון אַ מעדיסאָן עוועניו שוהל האָט נאָך כל נדרי גע־וואָלט נעהמען די קאַר צו פאָהרען אהיים. אז זיינע שוהל־מעמ־בערס זאָלען ניט זעהען, אז ער פאָהרט אום יום כפור, האָט ער אָב־געוואַרט ביז אַלע זיינען זיך צוגאַנגען פון שוהל און, אום צו זיין גאָר זיכער, האָט ער גענומען אַ דריטע עוועניו קאַר.

דער קאָנדוקטאָר געהט פערביי איינינגע מאָל : „פעיר, פּליעז !"

— „פעיר פּליעז !" און דער חזן זיצט מיט'ן ניקעל אין האַנד, אָבער צו איהם געהט דער קאָנדוקטאָר ניט צו.

— סטייטש — פרעגט דער חזן מיט פערוואונדערונג — מיין ניקעל איז קיין געלד ניט?

— ביין מ י י ן חאַזען נעהם איך ניט קיין קאַר־פעיר! — האָט דער קאָנדוקטאָר געענטפערט.

ער „פאַסט".

א קאָרטען־שפּיעלער, וואָס איז אָבגעזעסען א גאַנצע נאַכט ביי א פּאָוקער־גיים, איז געקומען אין שוהל דאַוונען. עס איז געווען שבת, און מען האָט איהם מכבד געווען מיט אַן עליה. אין דער צייט וואָס דער בעל־קריאה האָט געלייענט די פרשה, איז ער שטע־הענדיג איינגעשלאָפען. ווען דער גבאי האָט איהם אויפגעוועקט צו מאכען די צווייטע ברכה, האָט ער האַלב פערשלאָפען ארויסגע־רעדט:

— איך פּאַס, איך פּאַס!

יתרו'ס נעמען.

— פאַר וואָס האָט יתרו געהאַט זיעבען נעמען?

— ווייל ער האָט געהאַט זיעבען טעכטער.

— טו איז וואָס?

— האָט ער דאָך, פערשטעהט זיך, נאָך יעדער טאָכטער'ס חתונה באנקראָטירט און געגעבען זיך אַן אנדער נאָמען.

גאָט'ס רצון.

א פרוש, וועלכער איז ניט געווען עטליכע יאָהר אין דער היים, האָט איין מאָל א בריעף ערהאַלטען, אז זיין פרוי האָט א קינד גע־האַט. אויף דער פראגע, ווי איז דאָס מעגליך? האָט ער געענט־

פּערט, אז יעצט זעהט ער, אז וואָס די תורה הקדושה זאָגט איז אמת. די גמרא זאָגט: „בזמן שבני ישראל עושים רצון הקב״ה מלאכתם נעשה על ידי אחרים...“ (אין דער צייט, ווען די אידען טהוען דעם ווילען פון גאָט, דאן ווערט זייער ארבייט געטהאָן דורך אנדערע).

וואָרום ער עסט יום כפּור.

ר ב: סטייטש, ווי אזוי ערלויבט זיך א איד צו עסען אום יום כפּור?

ב ע ל ע ב ר ה: רבי, און ווי איז דער דין, ווען איך בין א חולה? מעג איך עסען אום יום כפּור?

ר ב: א חולה?... עס ווענדט זיך, וואָס פאר א חולה!...

ב ע ל ע ב ר ה: נו, ווען איך בין, למשל, א חולה מסוכן, מעג איך עסען אָדער ניט?

ר ב: א חולה מסוכן איז עפּעס אנדערש! א חולה מסוכן מעג געוויס עסען. איהר זייט דאָך אָבער ניט קיין חולה מסוכן!...

ב ע ל ע ב ר ה: אזוי?.... הייסט דאָך עס, עסען מעג איך... נאָר אייך אַרט מעהר נישט, וואָס איך בין ניט קיין חולה מסוכן, רחמנא לצלן!... שעהמען מעגט איהר זיך, רבי, אין אייער ווייטען האַלז אריין! א רב זאָל ניט פערגינען א אידען דאָס שטי־קעל געזונד!...

ער פערשטעהט ניט קיין לשון קודש.

צו א בעל־עגלה איז אמאָל געקומען א בריעף פון דער היים, אז זיין פאָטער איז נפטר געוואָרען. לויפט ער שנעל אריין צו זיין ברודער, אויך א בעל־עגלה, און זאָגט איהם:

— בעריל, דער טאַטע איז נפטר געוואָרען!

— נו, איז וואָס — ענטפערט דער צווייטער — נפטר פּיפּטער, אבי ער איז גאָט צו דאנקען געזונד.

פאַר וואָס מען טאָר ניט.

ב ר ו ך: זאָג מיר, פאַר וואָס טאָר מען ניט קוקען ווען די כהנים דוכענען?

ז ר ח: ווייל ווען זיי דוכענען, רוהט אויף זיי די שכינה.

ב ר ו ך: נו, טאָ איז וואָס־זשע?

ז ר ח: איז אז דו וועסט קוקען, וועסטו דאָך זעהען, אז דאָס איז אַ ליגען.

אַלץ הייסט אַן עולה.

אַן אָרימאַן האָט אמאָל אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ פאַר באַראָן ראָטהשילד. דער באַראָן האָט מיטלייד בעקומען און האָט דעם אָרימאַן געגעבען 500 מאַרק. אין אַ יאָהר ארום איז דער אָרי־מאַן געקומען און האָט ווידער געקראָגען 500 מאַרק. אַזוי זיינען אוועק עטליכע יאָהר.

איינמאָל קומט דער אָרימאַן „קאָלעקטען" די 500 מאַרק, ערשט דער באַראָן גיט איהם ניט מעהר ווי 200 מאַרק.

— סטייטש! — האָט דער אָרימאַן פּראָטעסטירט — איהר פלעגט דאָך מיר אימער געבען 500 מאַרק!

— דעם יאָהר — האָט דער באַראָן זיך פערענטפערט — קען איך ניט געבען קיין 500 מאַרק. מיינער אַ זוהן איז אַנטלאָפען מיט אַן אַקטריסע און האָט אויסגעבראַכט אויף איהר אַן אייגענס מיט געלד.

— אייער זוהן — האָט דער אָרימאַן זיך געבייזערט — מוז זיין דער גרעסטער הולטאַי, וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן: צו נעהמען מ י י ן געלד און עס אויסברענגען אויף אַקטריצעס!.....

זוכה אַ תּכלית פאַר זיין זוהן.

אַ ישובֿ׳ניק האָט אַמאָל געבראַכט זיינעם אַ זוהן, אַ געזונדען באַרוויסען בחור, צום בעריהמטען העברעאישען פּאָעט ביאַליק און האָט געזאָגט:

— דאָ האָט איהר מיין זוהן מיט פופציג רובעל. איך גיב איהם אייך אַוועק אויף דריי יאהר אין דער לעהרע. איך וויל אַז איהר זאָלט פון איהם מאַכען אַ משורר ווי איהר זייט. מען זאָגט אַז איהר זייט אַ גוטער בעל מלאכה. איצט גיט מיר אַרויס אַ קוויטאַנציע און זייט מיר געזונד...

שטאַרק פערמאַטערט.

ערשטער: אוי, איך האָב היינט געהאַט אַ שווערען טאָג אַרבייט! איך האָב געמיינט, אַז איך וועל עס ניט אויסהאַלטען.

צווייטער: וואָס האָסטו אַזוינס געטהאָן?

ערשטער: איך האָב אַליין בעדאַרפט אויסשטעלען אַ טשעק....

אַלץ הייסט רייך!

— ר׳ משה, איז דאָס אמת, וואָס מען זאָגט, אַז אונזער לאַנדס־מאַן, זעליג, איז דאָ רייך געוואָרען?

— אַלץ הייסט רייך! קענסט זיך פאַרשטעלען, אַז ס׳געהט ניט אַוועק דער טאָג, ער זאָל ניט איבערפאָהרען מיט זיין אויטאָמאָביל דריי מענשען....

זיין ערשטע פּראָבע.

אַ רייכער גראָבער יונג האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, איז צו איהם געקומען דער רב און איהם געראַטהען, ער זאָל איינטהיי־לען זיין פערמעגען אויף פערשיעדענע צדקות.

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי — האָט דער שטאַרבענדער גע־זאָגט — פערשטעהט איהר, רבי, דאָס שטאַרב איך צום ערשטען מאָל.

יודיציום און אָפּיציום.

פון דעם בעריהמטען לץ סאפיר דערצעהלט מען, אז בעת איינער פון זיינע קוואַרטיראנטען האָט געוואָלט זיך ארויסקלייבען פון זיין (סאפיר'ס) וואוינונג אין מיטען חודש, ניט האָבענדיג בע־צאָהלט די דירה־געלד, איז ער געוואָרען שטארק אויפגערעגט און געסטראַשעט איהם צו ארעסטירען. „סיידען", האָט ער געזאָגט, „דו קענסט מיר איבערגעבען די מעלדונג אין איין און איינציגען וואָרט."

דער קווארטיראנט האָט געכאפּט א בלייפעדער און אויפגע־שריעבען:

„יודיציום" (יוד, איך ציה אוים).

דארויף האָט סאפיר געענטפערט אויך מיט איין וואָרט:

„אָפּיציום! (אָה, פּיה, ציה אוים!)

איז טינט מאַכען א מלאכה?

אַן אָקאָלאָדאָטשני נאַדזיראַטעל האָט געוואָלט ארויסטרייבען א אידען פון קיעוו. האָט אָבער דער איד גע'טענה'ט: סטייטש, ער איז א בעל־מלאכה, און דאָס גיט איהם וואָהן־רעכט. פיהרט מען דעם אידען צום גובערנאַטאָר, וואו ער ווידערהאָלט די זעלבע טענה, אז ער איז א בעל־מלאכה און דעריבער מעג ער וואָהנען אין קיעוו.

— וואָס איז אייער מלאכה? — פרעגט איהם שטרענג דער גובערנאַטאָר.

— איך מאַך טינט, וואשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטווא.

— טינט מאַכען — בייזערט זיך דער גובערנאַטאָר — דאָס קען איך דאָך אויך!

— וואָס־זשע מיינט איהר — ענטפערט דער איד — מעגט איהר טאַקע אויך וואָהנען אין קיעוו.

ער טהוט ניט קיין ביזנעס אום שבת.

ק ל מ ן: פוי, אַ איד מיט אַ באָרד פערקויפט קליידער און טהוט אום שבת ביזנעס.

ז ל מ ן: רב איד, אַ סוט פון 25 דאָלאַר פערקויף איך פאַר 7, הייסט עס ביי אייך ביזנעס?

לעבט פון תעניתים.

א י ט ש ע: זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי קען דער רב ביי אייך אין שטעהטעל לעבען פון אַזעלכע קליינע שכירות?

פ י ט ש ע: ער וואָלט שוין לאַנג טאַקע פון הונגער געשטאָר־בען, ווען ער וואָלט ניט פאַסטען זעקס טעג אין וואָך.

שטאַרבען אין ניסן.

פערגאַנגענעם פורים נאָך דער מגילה האָט אַ שמש אין אַ קליין שטעדטעל דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין טיש און אויסגערופען: „אַלע בעלי־בתים וואָס ווילען שטאַרבען אין חודש ניסן, האָבען היינט צייט קראַנק צו ווערען!...“

אַ ריכטיגער חשבון.

ב ע ר י ל: שעהמען מעגסטו זיך, שמעריל, ווי טרינקט עס אַ איד אַזוי פיעל שנאַפּס?!

ש מ ע ר י ל: פערשטעהסטו מיך, בעריל, איך האַלט עס פאַר אַ סגולה צו פרנסה, ווייל „שמעריל מצליח“ איז בגמטריא „יין שרף“.

ב ע ר י ל: ווי איז דאָס מעגליך? „שמעריל מצליח“ בעי־טרעפט 888 און „יין שרף“ איז דאָך אין גאַנצען 650, פעהלט דאָך נאָך אוים?

ש מ ע ר י ל: איז טאַקע ריכטיג, גיסט מען צו נאָך אַביסעל „יין שרף“.

איינס - צוויי.

ס׳איז געווען יום־כפור. אַלע אידען פון שטעדטעל זיינען געווען פערזאַמעלט אין שוהל ביים דאַווענען, נור איינער האָט געפעהלט, בענטשיק בעל־עגלה.

ערשט פאַר־נאַכט איז ער געקומען צו געהן, אַ סקלאַדנער, מיט דראָבנע טריט און מיט אַ רוהיגען געמיטה.

— דו, בענטשיק! — רופט איהם צו דער רב, — וואו איז עס אַ איד געווען דעם גאַנצען טאָג? סטייטש, יום הקדוש!

— געווען — מאַכט בענטשיק אויף אַ גראָב קול — בין איך אין דער היים, ביי מיין קאָבילע... וואָס דאַרף איך זיך דאָ יאָגען, האַ? אז דאַרפען דאַרף איך נור האָבען נאָך אַ שקאַפּקע, איז איינס־צוויי גיב איך איהם אַ בעט... און האָדיע!

תשובה כהלכה.

יונגמאַן: ביטע, זייט אַזוי גוט און ערקלעהרט מיר, ווארום די האָר אויף אייער קאָפּ זיינען וויים און אייער באָרד איז נאָך שווארץ?

אַלטמאַן: וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט? מיין באָרד איז דאָך אינגער פון מיין קאָפּ מיט אַ יאָהר צוואַנציג...

געזידעלט נאָכ׳ן אלף בית.

אַ ראש ישיבה האָט אַמאָל גע׳מוסר׳ט זיינע תלמידים, אָנפאַנגענדיג מיט׳ן א׳ און ענדיגענדיג מיט׳ן ת׳:

„אָרימע בחורים! גנבים, דלפנים, הינט וואָס׳יר זיינט! חזירים, טריפ׳ניאַקעס, יונגאַטשעס, כלומרשט לערט׳יר מרש״א? נאַרישע סאַמאָוואָלצעס, עפּעל־פרעסערס, ציגאַרען קענט׳יר רויכערען! שעהנע תלמידים!...“

דער דאָקטאָר האָט פערשריעבען.

א נגיד האָט גענומען אַן אורח אויף שבת. בעמערקט דער נגיד, ווי דער אורח לעגט אריין אַ זילבערנעם לעפעל אין קעשענע. אין אַ שעה ארום — ווידער אַ לעפעל. פרעגט דער נגיד:

— ר׳ איד, וואָס האָט איהר ארייגעלעגט צוויי לעפעל אין אייער קעשענע?

ענטפערט דער אורח:

— כ׳בין געווען נעכטען ביים דאָקטאָר, האָט ער מיר פער־שריעבען אַלע שעה אַן עס־לעפעל.

דעם דיענער׳ס טעות.

א איד און אַ גלח זיינען אמאָל פערפאָהרען אין אַ האָטעל. פאר׳ן שלאָפען האָט דער איד אָנגעזאָגט דעם בעדיענער, אז מאָרגען זאָל ער איהם אויפוועקען זעהר פריה. ער מוז אָבפאָהרען מיט׳ן ערשטען באהן.

פון גרוים איילעניש אָבער האָט דער איד אָנגעטהאָן דעם גלח׳ס ברייטע קאַפּאָטע.

זיצענדיג אין וואַגאָן און בעטראַכטענדיג דעם גלח׳ס ברייטע קאַפּאָטע, האָט דער איד צו זיך אַליין געזאָגט:

— מאָדנע אידיאָטען זיינען דאָס די האָטעל־בעדיענטע: אז מען הייסט זיי מ י ך אויפוועקען, וועקען זיי גאָר אויף דעם גלח...

ווייל דער רב האָט אויסגערופען.

א טרעגער איז געקומען אום יום כפור אין שול מיט אַ שטיק ברויט אין האַנד.

— ווי קומט עס, וואָס דו עסט אום יום כפור? — האָבען די אידען ביי איהם געפרעגט.

— ווייל דער רב האָט אויסגערופען, אז די וואָס טראָגען מעגען עסען. און אזוי ווי איך בין אַ טרעגער, מעג איך דאָך אויך עסען.

גאָט'ס וואונדער.

א אידישער מוליער, וועלכער איז אהיים געקומען פון אמע־ריקא, האָט דערצעהלט פערשיעדענע נסים פון דער אמעריקאַנישער בוי־טעכניק.

— טאַקע אמת, רב זלמן, אז ביי אייך דאָרטען זיינען פאַראַן מויערען, וואָס גרייכען ביז די וואָלקענס? — האָט מען איהם געפרעגט.

— ביז די וואָלקענס! — האָט ר' זלמן זיי איבערגעקרימט מיט גרינג־שעצונג — אָט האָב איך אליין געאַרבייט ביי א מויער, וואָס איז געווען אזוי הויך, אז צוקומענדיג צום העכסטען שטאָק, האָב איך זיך געמוזט לעגען אויף דעם בויך, כדי די לבנה זאָל קענען אריבערשווימען איבער מיין רוקען.

טאַקע, ווי קען דאָס זיין?

צוויי חסידים פון פערשיעדענע רביים האָבען זיך בעגעגענט אין אן אכסניה און האָבען זיך צושמועסט מכח זייערע רביים.

— מיין רבי, — מאַכט איינער — פליהט יעדען ביינאַכט ארויף אין הימעל.

— פון וואַנען ווייסטו?

— וואָס הייסט? ער האָט מיר אליין געזאָגט.

— אפשר זאָגט ער א ליגען?

— שייגעץ איינער, — האָט דער ערשטער אויסגעשריגען — א מענש וואָס פליהט אין הימעל אריין וועט זאָגען א ליגען?

ער איז ניט קיין גרינער.

מען האָט אמאָל געכאַפּט שמעיה גוט־יום־טוב־ביטער עסענדיג אום אסתר תענית, האָט ער זיך פערענטפערט, אז ער האַלט מיט

המן'ס צד, איז בכן וויל ער ניט פאַסטען. אויף מאָרגען אָבער, פורים, האָט ער גאַנץ ניש־קשה'דיג אַריינגעטרונקען, טאַקע גאָר אויפ'ן פורים'דיגען שטייגער, און זיך גענומען צו די המן־טאַשען.

— היתכן? — האָט מען איהם געפרעגט — איהר זייט דאָך עפּעס פון המן'ס צד?

— אמת, נעכטען בין איך טאַקע געוועזן פון המן'ס צד, נור הערענדיג צוויי מאָל לייענען די מגילה, האָב איך געביטען מיין מיינונג און בין איבערגעגאַנגען אויף מרדכי'ס צד.

וועגען ליעבע און פאמיליען־לעבען

אַ מ ש ל.

די ליעבע איז אַ שוועבעלע
פון אויבען ביז אראָב,
קוים ריהרט זי זיך אָן פייער אָן —
פערלירט זי באלד דעם קאָפּ.

די ליעבע איז אַ סיגארעט,
וואָס גיט נור צו קוראזש, —
קוים רויכערט זי זיך אָבער אויס,
פערבלייבט אביסעל אש...

אַ טרייסט.

מ ר ס. פּ אָ ר פּ אָ ל ק: דער איינציגער וואָלקען, וואָס פער־דונקעלט מיין גליק, איז דער געדאנק, אז איך וועל אמאָל בלייבען אַן אלמנה.

מ ר. פּ אָ ר פּ אָ ל ק: האָב קיין יסורים ניט, נחת מיינע, אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען, וועט אזא זאך ניט געשעהן.

אלעם אין איינעם — ניטאָ ביי קיינעם.

„הערט איהר, שרה׳לע“ — האָט זיך געקלאָגט אַן אלמנה — „אז ס׳איז ניטא קיין מזל העלפט קיין זאך. ווען דער אלטער האָט געלעבט, האָבען מיר זיך געפּלאגט פאר אַ סענט, און יעצט, אז מיר האָבען בעקומען אויסגעצאָהלט דאָס פערזיכערונגס געלד פון די לאָדזשען און קאָמפּאַניעס, וואו ער האָט בעלאנגט — ליגט ער אין דער ערד.“

עס טהוט איהם באַנג.

די פרוי: אָ, מיין טהייערער, אונזער האָכצייטס־רייזע איז געווען גרויסאַרטיג!

דער מאַן: דאָס זיינען געווען די גליקליכסטע טעג פון מיין לעבען, מיין ליעבינקע!

די פרוי: עס טהוט מיר נור באַנג אויף איין זאַך: איך וועל פיעלייכט שוין קיין מאָל ניט האָבען די געלעגענהייט דורכצו־מאַכען אזא רייזע נאָך אמאָל!

נור אַ דאָקטאָר.

אַ שדכן רעדט אַ מיידעל אַ שדוך. ער שלאָגט איהר פאָר אַ לאָיער — וויל זי ניט; אַ בוק־קיפּער — טויג ניט; אַ דיכטער — אודאי ניט; אַן אינשורענס־אַגענט — אויך ניט. נור אַ דאָקטאָר וויל זי.

דער שדכן פרעגט איהר: „וואָס עפּעס גראַדע אַ דאָקטאָר?"

— „איך בין ניט פאַר אייך געדאכט אַ קראַנקע. אוי, קוים וואָס איך זשיפּע!" — האָט זי געענדיגט מיט אַ טיעפען זיפץ.

צווישען מאַהלער.

— און די מיסט אויפ'ן לאַנדשאַפט האָסטו געמאָהלען פון דער נאַטור?

— ניין, פון קאָפּ.

פערהייראַטה, אָבער...

„דאָס פאָרעל דאָרט זעהט אויס צו זיין זעהר גליקליך, זיינען זיי פערהייראַטה?"

— יאָ, אָבער ניט איינס צו דאָס אנדערע.

זיין ווייב׳ס „ראָק“.

ב ר ו ך : וואָס קוקסטו אוים אזוי שלעכט ? האָסט דאָך ערשט ניט לאַנג געהייראַטה און ביזט געווען צופריעדען מיט׳ן שידוך, טאָ ווי קומט עס ?

ז ר ח : שטעל זיך פאָר אז איך האָב אויסגעפונען נאָך דער חתונה אז מיין ווייב האָט... א ראק. נו, קען איך בעסער אויסזעהן ?

ב ר ו ך : וואָס רעדסטו ! איך האָב זי דאָך ערשט ניט לאַנג בעגעגענט און זי זעהט אוים געזונד, שעהן און פרעהליך.

ז ר ח : נו, אָט דאָס קומט דאָך טאַקע פון דעם ראָק : רק זי פרעסט, רק זי זויפט, רק זי ספענדט געלד אויף פערשיעדענע מאָדעס. איז א וואונדער וואָס איך זעה אוים אזוי שלעכט ?...

און ער טהוט זיינם.

ד א מ ע (צו א יונגען פראַנט, וועלכער האָט זי פערפאָלגט מיט זיינע נאַרישע קאָמפּלימענטען) : אָט.... נאָט אייך מיין רו־קען, רעדט צו איהם.

פ ר א נ ט (מיט׳ן זעלבען טאָן וואָס פריהער) : אָך, ס׳אַרא שעהנער רוקען ביי אייך איז, מאַדאַם !

זי וויל באַלד.

מ ר. ק א ר ן : איהר וואָלט בעדאַרפט זיין מיין ווייב, שוין אוים דער אורזאַכע אליין, וואָס נאָך מיין טוידט וועט איהר בלייבען א רייכע אלמנה.

מ י ס ס ו ו י י ץ : יאָ, ווען איך זאָל וויסען, אז דאָס וועט געשעהן באַלד....

ער דאַרף די מאַשינקע.

א דאָקטאָר איז גערופען געוואָרען צו א קראַנקע פרוי. נאָכדעם ווי ער האָט זי בעטראַכט, האָט ער איהר ארונטערגעלעגט דעם טערמאָמעטער אונטער׳ן צונג און האָט איהר געהייסען צומאַכען דאָס מויל.

דער מאַן, וועלכער איז געשטאַנען דערביי און האָט געזעהן ווי זיין ווייב האַלט דאָס מויל א 60 סעקונדען, האָט אויסגערופען מיט בעגייסטערונג:

— אוי, דאָקטאָר קרוין, וויפיעל ווילט איהר פאַר דער מאַשינקע?

אַן ענטשולדיגונג.

פרוי (צום מאַן): פוי, אונפערשעהמטער הולטאַי! נעכטען האָב איך ערשט צוגענומען א נייע דיענסט, און היינט געהסטו דיך שוין מיט איהר קושען אין דער פינסטער!

מאַן: פאַרדאָן, איך האָב געמיינט, דאָס איז נאָך די אַלטע דיענסט...

ער — אויך.

ראובן לויפט א פערסאָפּעטער אין גאַס און שמעון בעגעגענט איהם.

— וואו לויפסטו דאָס אזוי?

— צום דאָקטאָר. עפּעס געפעלט מיר ניט מיין אידענע.

— אויב אַזוי, לויף איך מיט. מיין אידענע געפעלט מיר אויך ניט.

די עברה אויף איהר קאָפּ.

מ א ן: וואָס! פופציג דאָלאַר האָסטו בעצאָהלט פאַר דער העט? דאָס איז דאָך אַ שרעקליכע עברה!

ווייב: עס מאַכט ניט אויס; איך נעהם דיעזע עברה אויף מיין קאָפּ....

צוויי בוימער.

יונגע אלמנה: אונטער דעם עפּעל בוים האָט ער זיך מיר אין ליעבע ערקלעהרט.

א שכנה: און אויף דעם בארען־בוים האָט ער זיך אויפ־געהאנגען...

נאָך דעם באָל.

פרוי: משוגע ביזטו, מיינע שונאים!! גיסט דער פרוי פאַר אַ העט־טשעק אַ גאַנצען דאָלאַר!? — אַ „ניקעל" איז גענוג!

מאן: לאָז מיך אָב מיט דיינע עצות! זעה נור, בעסער, וואָס פאַר אַן אויבעררא̈ק זי האָט מיר דערפאַר געגעבען!...

##ביידע גע'פּטר'ט.

אַ מאַן בעזוכט אַ משוגעים־הויז און פרעגט דעם אויפזעהער:

— ווער איז אָט דער משוגע'נער?

— דיעזער מאַן האָט געליעבט אַ פרוי 10 יאָהר און דריי טעג פאַר דער חתונה האָט זי געהייראַטה מיט אַן אַנדערען.

— און ווער איז אָט יענער משוגע'נער?

— דאָס איז דאָס טאַקע דער מאַן מיט וועמען זי האָט געהייראַטה.

זוכט די רפואה פאַר דער מכה.

קאַסטאַמער: ווילט איהר אזוי גוט זיין און מיר געבען א שטיקעל פלייש פאַר מיין אונטערגעשלאָגענעם אויג?

בוטשער: אייער אויג איז דאָך גאָר ניט אונטערגעשלאָגען!

קאַסטאַמער: דערוויילן נאָך ניט, אָבער איך בין אין הויז שוין ניט געוועזען פאַר די לעצטע דריי טעג, און יעצט געה איך אהיים צו מיין פרוי...

אַ גליקליכער צאָהן.

דאָס ווייב (קומענדיג אהיים פון דענטיסט): גאָט צו דאַנקען, מיין מאַן — פטור געוואָרען פון בייזען צאָהן.

דער מאַן: גליקליכער צאָהן! דו ביזט שוין פטור געוואָרען פון איהר גרויסען מויל.

זיין ווייב פערלאַנגליקט — וויל ער אַ גט.

אין אַ קאַליפאָרניער געריכט איז לעצטענס פאָרגעקומען אַ זעהר אינטערעסאַנטע „קייס". אַ פאַרמער איז געקומען אָנקלאָגען זיין פרוי אויף אַ גט.

— אויף וועלכען גרונד? — האָט איהם דער ריכטער געפרעגט.

— יור האָנאָר! — האָט דער פאַרמער אויסגעשריען — ווען איך האָב מיט איהר געהייראַטה מיט צעהן יאָהר צוריק, איז זי געוועזען שטום. ניט לאַנג צוריק אָבער האָט מיט איהר פאַסירט אַן „עקסידענט", — זי איז אַרונטערגעפאַלען פון בוידים, און זייט דאַן האָט זי אָנגעהויבען רעדען...

אַ בעל תכלית.

אַ יונגער מאַן קומט אריין אין אַ פאָרניטשור סטאָר און פרעגט דעם בעל־הבית: „מיסטער, וויפיעל וועט איהר רעכענען פאַר צוועלף בייבי־קערידזשעס (קינדער־וועגעלעך)?"

דער סטאָר־קיפּער גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגען און פרעגט:
„נאָך וואָס דאַרפט איהר עפּעס האָבען צוועלף בייבי־קערידזשעס?“
דער יונגער מאַן ענטפערט:
— ערשט נעכטען געוואָרען אַ חודש נאָך דער חתונה, האָט מיר שוין מיין פרוי געבאָרען אַ שעהן מיידעלע. איז וואָס דאַרף איך אַלע חודש האָבען אַ קלאָפּאָט צו קויפען אַ קערידזש? אמעהר וועל איך קויפען אַ טוצענד, וועט זיין גענוג אויף'ן גאַנצען יאָהר.

זיין ווייב איז אַ געלינקטע.

דאָקטאָר: האַלאָ, מיסטער פּאַנטאָפעל, וואָס איז ביי אייך עפּעס פערבונדען די רעכטע באַק?
מיסטער פּאַנטאָפעל: פערשטעהט איהר מיך, מיין ווייב איז אַ „געלינקטע“, ניט פאַר מיר געדאַכט...

זיך מודה געווען.

ווייב: נו, זאָג אַליין, וואָס וואָלסטו איצט געווען, ווען איך וואָלט דיר ניט געגעבען קיין נדן?
מאַן: אַ בחור.

ביזנעס.

חוה: איך האָב נעכטען געכאַפּט מיין מאַן, ווי ער האָט געקושט דאָס דיענסט־מיידעל; דאָס האָט איהם אָבער געקאָסט טהייער. אין דער זעלבער רגע האָט ער מיר געמוזט געהן קויפען אַ דרעס.
לאה: און דאָס דיענסט־מיידעל האָסטו אַרויסגעטריבען?
חוה: נאָך ניט, איך וויל זיך פריהער אַביסעל בעקליידען.

שבועות און די פרויען.

מאַן (צו דער פרוי): שבועות איז טאַקע דער בעסטער יום טוב. אַ קלייניגקייט, בעת מתן תורה זיינען מיר דאָך געווען אָבגעשיידט פון אייך גאַנצע דריי מעת־לעת!

פרוי: אַ בייזע שמחה אויף אייערע קעפּ. ווען מיר זאָלען דאָרט געווען זיין, וואָלט מען אייך אַזאַ פּעקעל ניט אַריינגעשפּאַרט.

פרוי און דיענסט.

פרוי (צו דער דיענסט): מיין מאַן איז אַוועק היינט אַזוי בייז פון היינטיגען דינער, וואָס דו האָסט געקאָכט, אַז ער האָט מיר אפילו קיין איין קוש ניט געגעבען פאַר זיין אַוועקגעהן.

דיענסט: גאָר פאַר'ן דינער? געהט, עס קען ניט זיין! הלמאי האָט ער מיך געקושט!

אויך אַן ערקלעהרונג.

מוטער: דזשעני, פאַר וואָס האָסטו זיך גאָר ניט געוועהרט, ווען דער שאַרלאַטאַן האָט דיך געהאַלטען אין איין קושען?

טאָכטער: איך בין געווען טשיקאַווע צו זעהן ווי לאַנג עס וועט דויערען זיין חוצפה...

טרעפט וואָס זי איז געגאַנגען טהאָן.

יונגערמאַן: איהר ווייסט, אַז זינט איך קען אייך, האָב איך אייך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אין אַ ווייסען קלייד.

מיידעל: וואָס איז דען, אייך געפעלט אַ וויים קלייד?

יונגערמאַן: ניין, ניט גראָדע דאָס; נור ווען איך זעה אַ מיידעל אין אַ וויים קלייד, ווילט זיך מיר איהר אַ קוש טהאָן.

מיידעל: ווילט איהר זיין אַזוי פריינדליך און מיר ענטשולדיגען אויף 10־15 מינוטען?

אַ פערזעסענע מיידעל.

דער פּאַפּיער־פאַבריקאַנט רופט זי: אַן אַלטע שמאַטע.
דער בוימייסטער — אַן אַלטע חורבה.
דער עסיג־מאַכער — אַ פערזויערט פּנים.
דער טהעאַטער־מענעדזשער — אַן אַלטע כאָריסטקע.
דער סטאָליאַר — אַ פערדראָסטעטער טשוואָק.
דער באַטאַניקער — אַ פערוועלקטע רויז.
דער שלאָסער — אַ פערזשאַווערטער שלאָס.
דער באַרבער — אַ טשערבאַטע בריטווע.
דער עקספּרעסמאַן — אַן אַלטע שקאַפע.
דער דיכטער — דאָס אויסגעזונגענע ליעד.
דער רעדאַקטאָר — אַן אַלטער ארטיקעל.
דער באַנקיער — אַן אָבגעריבענע מטבע.
דער שניידער — אַן אָבגעטראָגען מלבוש.
דער גאַרבער — אַן אַלטע פעל.
דער שוסטער — אַן אַלטע כאַלאָוועָ.
דער זייגער־מאַכער — אַן אָבגעקראָכען ציפער־בלעטעל.
דער שמיעד — אַן אַלטער בלאָז־זאַק.
דער בוכהאַלטער — אַן אָבגעריבענער נול.
דער אגראָנאָם — אַ פרוכטלאָזער באָדען.
דער ריכטיגער נאָמען איז: אַ „צער בעל החיים“.

אויף איהר געזאָגט געוואָרען.

מיסיס האָלמאַן: אַ ניכפּה מעג קומען אויף מיין מאַן באַטש היינטיגען טאָג.

מיסיס וואָלמאַן: וואָס האָט איהר צו אייער מאַן?

מיסיס האָלמאַן: ער בעהאַנדעלט מיך ווי אַ דיענסט־מיידעל.

מיסיס וואָלמאַן: אוי, ווען מיין מאַן וואָלט מיך בע־האַנדעלט, ווי ער בעהאַנדעלט מיין דיענסט־מיידעל... איך וואָלט געווען די גליקליכסטע אין דער וועלט!

קינדער וויצען

אָבגענאַרט די מאַמע.

ב ע נ ע ל ע (לויפט אריין אין פראָנט רום, שרייט אוים): אוי, מאַמע, א מאַן איז אריין אין קיך און קושט זיך מיט דער דיענסט. (די מוטער לויפט אריין אין קיך, בענעלע לויפט איהר נאָך. אויפ׳ן שוועל שטעלט ער זיך אָב און רייצט זיך מיט דער מוטער:) עה, עה, איך האָב דיך אָבגענאַרט; עס איז ניט קיין מ א ן, עס איז גאָר דער ט אַ ט ע!...

העפליכקייט.

א פאָטער האָט געלערענט זיין קינד גוטע זיטען, ווי צום ביישפיעל, ווען ער וועט פאָהרען אין א קאר און א לידי וועט שטעהן בעפאָר איהם, זאָל ער זיך אויפשטעלען און אָפּערען דער לידי דעם סיט.

איינמאָל, ווען דאָס קינד איז געפאָהרען מיט דעם פאָטער אין א געפּאַקטער קאר מיט מענשען, איז דעם קינד אויסגעקומען צו זיצען ביים פאָטער אויפ׳ן שויס. ווען א לידי איז אריינגעקומען און איז געבליבען שטעהן נעבען איהם, איז דאָס קינד העפליך אויפגע־שטאַנען און האָט געזאָגט צו דער לידי: „ביטע, פערנעהמט מיין פּלאַץ“.

ער האָט מעהר טאַטעס.

ק י נ ד: די קינדער האָבען זיך מיט מיר גערייצט; זיי האָבען געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין טאַטען.

מ ו ט ע ר: וואָס־זשע האָסטו זיי געענטפערט?

ק י נ ד: איך האָב מעהר טאַטעס פון אייך...

אַ תלמיד חכם.

לעהרער: ווי לאַנג האָט געדויערט דער דרייסיג־יעהריגער קריעג?

תלמיד: איך ווייס ניט.

לעהרער: ווי אַלט איז דיין צוועלף־יעהריגער ברודער?

תלמיד: צוועלף יאָהר.

לעהרער: נו, זאָג־זשע מיר איצט, וויפיעל האָט געדויערט דער 30־יעהריגער קריעג?

תלמיד: צוועלף יאָהר.

קען ניט אָבדינגען.

פערבייגעהענדיג אַ סקול האָט אַ מאַן געטראָפען אַ קליינעם באָי ביים סקול וויינענדיג. אויף די פראַגע וואָס ווײנסטו? האָט דער באָי געענטפערט, אַז דער טיטשער האָט איהם ארויסגעשיקט פון סקול דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וויפיעל 2 מאָל 2 איז.

דער מאַן האָט איהם געהייסען אַריינגעהן אין סקול און זאָגען דעם טיטשער, אַז 2 מאָל 2 איז 4.

— יאַ, זאָגט דער באָי וויינענדיג, איך האָב איהם שוין געזאָגט 5, און ער וויל נאָך ניט.

ער געהט עם דערצעהלען דער מאַמען.

אַ פאָטער בעגעגענט זיין קליינעם זוהן קומענדיג פון חדר.

— בעני, — זאָגט דער פאָטער צו איהם — דו ביזט היינט רייכער געוואָרען מיט אַ ברודעריל.

— איך געה דאָס אָנזאָגען דער מאַמען! — האָט בעני אויס־געשריען — אוי, וועט זי זיך פרעהען!

געבענשט לעמאָן.

א אינגעל קומט אריין אין שטוב זעהר א פערשוויצטער. דער טאַטע פרעגט איהם:

— זאָג נור, סעמקע, וואו ביזטו דאָס געווען, וואָס דו שוויצסט אזוי?

—אין שוהל! — ענטפערט דער קליינער סעמקע.

— גיב מיר א סימן — זאָגט דער טאַטע.

— א סימן, א סימן... איך האָב געבענשט לעמאָן...

וואָס איהר מאַמע טהוט.

גרינער רבי (צו אן אמעריקאניזירטע מיידעלע): וואָס דארף א פרומע אידישע טאָכטער טהון, איידער זי געהט שלאָפען?

מיידעלע (שווייגט).

רבי: נו, און וואָס טהוט דיין מאַמע, איידער זי לעגט זיך אין בעט אריין?

מיידעלע: אָ, מיין מאַמע? זי נעהמט ארויס די צייהן פון מויל און לעגט זיי אריין אין א גלאָז.

ניגערשע בלוט.

סעמקעלע איז געקומען פון סקול מיט די ביכער אין גאַנצען פערפּאַטשקעט.

— אָ, דו קונדס איינער, וואו האָסטו דאָס געמאַכט א תכלית פון די ביכער? — האָט די מאַמע זיך געבייזערט.

סעמקעלע: ניט מיין שולד, מאַמע, לעבען מיר איז געזעסען א ניגער־באָי, האָט ער זיך איינגעשניטען א פינגער און זיין בלוט האָט אראָבגעקאַפּעט אויף די ביכער...

אַ קינד ווייס ניט קיין חכמות.

דזשעני: אוי־וואַ! אַ פּראָסט אַ ביסעל!... איך קלאַפּ אַזש מיט די ציינער פאַר קעלט...

קליינער דזשעקעל: וואָס דאַרפסט איהר קלאַפּען מיט די ציינער, טאַנטע, איהר נעהמט זיי בעסער אַרויס פון מויל.

וואָרום ער גלייכט דעם קאָזין.

פּאָטער (צום קינד): סעמעלע, ווען גלייכסטו בעסער, מיך אָדער דעם קאָזין?

סעמעלע: דעם קאָזין בעסער.

פּאָטער: וואָרום?

סעמעלע: אַז דו קומסט אַהיים, הייסט מיר די מאַמע זיצען אין הויז, און אַז דער קאָזין קומט, גיט מיר די מאַמע אַ פּעני און הייסט מיר געהן זיך שפּיעלען אין סטריט...

אַ מגפה אין שטאָדט.

אַ רבי האָט אַמאָל געלערענט מיט אַ אינגעל ותמת שרה.

רבי: ותמת איז געשטאָרבען.

תלמיד: וואָס איך הער! ותמת איז געשטאָרבען.

רבי: משומד, דער טייטש איז געשטאָרבען.

תלמיד: אוי, וועה איז צו מיר, משומד דער טייטש איז אויך געשטאָרבען?

רבי: דו פּושע־ישראל איינער, שרה איז דאָך געשטאָרבען.

תלמיד: אַ מגפה מוז זיין ביי אייך אין שטאָדט. אַלע שטאַרבען: ותמת איז געשטאָרבען, דער טייטש איז געשטאָרבען, און שרה איז אויך געשטאָרבען?...

רויכערען און קיצור ימים.

ז י י ד ע: סעמי, איך האָב דיר שוין פופציג מאָל געזאָגט, אז דו זאָלסט אויפהערען רויכערען.

ס ע מ י: פאר וואָס עפּעס?

ז י י ד ע: ווייל רויכערען פערקירצט דעם מענשענ'ס לעבען.

ס ע מ י: זיידע, דו רויכערסט דאָך אויך.

ז י י ד ע: הערסטו! איך בין יעצט 84 יאָהר אַלט, און ווען איך זאָל ניט געווען רויכערען וואָלט איך שוין יעצט אַלט געווען אפשר הונדערט און צוואַנציג.

פון ערשטען חורבן.

מ ל מ ד (צו א נייעם תלמיד): ווער איז געווען גדליהו?

ת ל מ י ד: דאָס קען איך ניט וויסען. איך לערען ביי אייך ערשט פון חורבן בית שני. מיין ברודער לערנט ביי אייך פון דוד המלך'ס צייטען, פרעגט איהם.

דער „פּ" אין „קרח".

מ ל מ ד (שרייט מיט כעס צום תלמיד): זאָג־זשע, שייגעץ, צו וואָס דאַרף מען דעם „פּ" אין קרח?...

ת ל מ י ד (פערוואונדערט): אין קרח איז דאָך קיין „פּ" ניטאָ.

מ ל מ ד (דרעהט מיט'ן גראָבען פינגער): צום ביישפּיעל ס'איז יע פאראַן א „פּ" אין קרח.

ת ל מ י ד (נאָך מעהר פערוואונדערט): צו וואָס דאַרף מען איהם?

מ ל מ ד (מיט כעס): זאָג איך אויך דאָס זעלבע, צו וואָס דאַרף מען דעם „פּ" אין קרח???

וואו איז דאָס צווייטע פּופּיקעל?

מ ו ט ע ר: איך האָב איבערגעלאָזט צוויי פּופּיקלעך און יעצט געפין איך נור איינעם!

ד ז ש י י ק י: א יך... איך.... איך בין ניט שולדיג, מאמא, אין אייז־באקס איז געווען פינסטער, האָב איך דעם צווייטען ניט געזעהען.

אַלגעמיינע וויצען

און זיי האָבען געוואָרט...

ד ר אַ מ אַ ט ו ר ג (צו די שוישפּיעלער): קינדער, ווען מיין שטיק ביי דער ערשטער אויפפיהרונג זיין אַ סוקסעס, בין איך אייך מכבד אין רעסטאָראַנט מיט אַ סאַפּער; ווען די פּיעסע פאַלט דורך, חלילה, לאַד איך אייך איין נאָר אין קאַפע־הויז.

נאָכ'ן שפּיעלען האָט דער דראַמאַטורג אונגעדולדיג ערוואַרטעט די אַקטיאָרען אין רעסטאָראַנט, און זיי, דאַגעגען, האָבען נעבעך געוואַרט אויף איהם אין קאַפע־הויז...

ער וויל רעאַליזם.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר: מאַדאַם, מיט אַזאַ שפּיעלען ווערט איהר ווייט ניט קאָנען געהן!

אַ ק ט ר י ס ע (דערשראָקען): וואָס איז! בין איך אפשר שלעכט געשטאָרבען, הא? איהר האָט דאָך אַזוי געהייסען.

מ ע נ ע ד ז ש ע ר: ניין, דאָס שטאַרבען בין איך אייך מוחל — נאָר דאָס אויפשטעהן איז מיר ניט געפעלען....

שמועסען הינטער טהעאַטער קוליסען.

אַ ק ט י אָ ר: קענט איהר מיר ניט זאָגען, הערר רעזשיסער, דעם רעפּערטואַר פון קומענדער וואָך?

ר ע ז ש י ס ע ר: צו וואָס דאַרפט איהר עס אַזוי נויטיג ויסען?

אַ ק ט י אָ ר: איך מוז גענוי וויסען, וועלכע גאַרדעראָב איך מעג יעצט פערזעצען...

מזל טוב!

צוויי חברים, נאָך אַ ניט זעהן זיך פון צוואַנציג יאָהר, האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין אַמעריקאַ. זאָגט דער גרינער (וועלכער איז טויבלעך): נאָך אַלץ אַ בחור?

געלער: חלילה, שוין חתונה געהאַט.

גרינער: מזל טוב דיר!

געלער: די ערשטע ווייב שוין בעגראָבען.

גרינער: מזל טוב דיר!

געלער: די צווייטע שוין גע'גט.

גרינער: מזל טוב דיר!

געלער: דאָס דריטע ווייב אָבער לעגט מיך אין דער ערד!

גרינער: נו, מיט מזל, ברודערקע!

געלער: אָבער אויב איך וועל זי ניט גט'ן, וועט זי מיך בעגראָבען אַ לעבעדיגען.

גרינער: נו, זאָל זיין מיט מזל!...

אויפ'ן בית עולם.

פרעמדער: קענט איהר מיר ניט זאָגען, וואו איך קען דאָ געפינען אַ מעדיצינישע ביבליאָטהעק?

שטאָדטישער: אויפ'ן בית עולם, מיסטער, דאָרט וועט איהר געפינען די בעסטע ווערק פון די גרעסטע דאָקטוירים.

אין האָטעל.

גאַסט (צום האָטעל־קיפּער): פאַר וואָס האָט מען היינט ניט געהייצט אין דיעזען צימער? איך ווער דאָך פערפרוירען!

האָטעל־קיפּער: וואַרט אַ מינוט, איך ברענג אייך באַלד אַ חשבון, וועט אייך ווערען וואַרעם.

ער וועט זיך דערוואַרטען...

נאָך דער פאָרשטעלונג. דער אַקטיאָר געהט אַרויס פון טהעאַטער האַלטענדיג אַ שטיוועל. דער מענעדזשער בעגעגענט איהם און פרעגט:

— וואָס פאַר אַ שטיוועל טראָגט איהר עפּעס אין האַנד?

— דעם שטיוועל האָט מען מיר היינט געוואָרפען פון גאַלערי.

— טו וואָס־זשע טראָגט איהר איהם נאָך אַהיים מיט זיך?

— ווייל איך ריכט זיך מאָרגען אָבענד אויפ'ן צווייטען...

דער לאָיער פערשפּיעלט.

— מיינע הערערן געשוואָרענע — האָט אַ לאָיער אויסגערופען אין געריכטס־הויז, — עס זיינען געווען פונקט 36 פערד, ביטע געדענקט עס — דאָס הייסט דריי מאָל אזוי פיעל, וויפיעל עס געפינט זיך אין דער „דזשורי באָקס", מיינע הערערן. —

דער לאָיער האָט דעם פּראָצעס שוין ניט געוואונען...

אויפ'ן קאַסטען איז ביליגער.

— וואָס קען איך קריגען פאַר צו'גנב'ענען אַן איי?

— זיעבען יאָהר דלות.

— און פאַר צוויי אייער?

— פערצעהן יאָהר דלות.

— און פאַר פינף אייער?

— פינף און דרייסיג יאָהר דלות.

— און פאַר אַ גאַנצען קאַסטען אייער?

— זעקס דאָלאַר.

— אויב אזוי, גנב'ע איך אַ גאַנצען קאַסטען.

אַ קליינער אונטערשיעד.

ערשטער גנב: סעי, וואָס האָט דיך געטריבען גנב'ענען?

צווייטער גנב: אַ קראַנק ווייב און צוויי קראַנקע קינדער.

ערשטער גנב: און מיך האָבען געטריבען גנב'ענען: איין קראַנק קינד און צוויי געזונדע ווייבער...

אַ ריכטיגער תירוץ.

ריכטער: אין איין חודש האָט איהר זיעבען קאַפּעלושען גע'גנב'עט.

גנב: איך האָב אַ גרויסען קאָפּ, קוים זיך צוגעקליבען דעם ריכטיגען קאַפּעלוש...

זיין אַדוואָקאַט האָט שוין אַלעס.

ריכטער (צום אַנגעקלאַגטען): האָט איהר נאָך עטוואָס אַנצוגעבען אין געריכט איידער מען פער'משפּט'ט אייך?

אַנגעקלאַגטער: ניין, העררר ריכטער, ליידער האָב איך קיין זאַך ניט, מחמת מיין לאַיער האָט שוין ביי מיר אַלעס צוגענומען...

שטאָף פאַר אַ טראַגעדיע.

פרוי: הער, מיין ליעבער מאַן, איך האָב אויסגעפונען אַן אויסגעצייכענטען שטאָף!

מאַן (דראַמאַטורג): פאַר אַ טראַגעדיע אָדער פאַר אַ קאָמעדיע?

פרוי: ניין, פאַר אַ זומערדיגע קלייד.

מאַן: אַלזאָ, הייסט עס: שטאָף פאַר אַ טראַגעדיע!

ווען אַ לאָיערקע געווינט.

ב ע ר י ל: ווארום אייגענטליך וויל מען ניט נעהמען אַ פרויען־לאָיער צו אַ קיים אין קאָורט?

ש מ ע ר י ל: שוטה! וואָס איז דער וואונדער? אז אַ פרוי קען געווינען בלויז איין מאָל אין ניין מאָנאַט.

ווארום ער האָט עס דערקענט.

אַ קריטיקער בעגעגענט אַ יונגען דיכטער אין אַ געזעלשאַפט פון מיידלעך און ער פרעגט איהם:

— איז דאָס אייער געדיכט, וואָס איז געווען געדרוקט אין שבת'דיגער צייטונג?

— ניין, — ענטפערט דער דיכטער.

— טאָ פאר וואָס קלעבט זיך אין דעם געדיכט ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט?

עה, ווען די נאַראָנים וואָלטען געהאַט שכל!...

ז ו ה ן: וואָס איז אַ קריטיקער?

ט אַ ט ע: אַ מענש, וואָס קען ניט שרייבען.

ז ו ה ן: דאָס אַלעס?

ט אַ ט ע: אַ מענש, וואָס ווארט ביז יענער שרייבט עפּעס אָן.

ז ו ה ן: און דאַן?

ט אַ ט ע: דאַן האָט ע ר וואָס צו שרייבען.

ז ו ה ן: קענען דאָך איהם די שרייבער אָבטהאָן אַ שפּיצעל און ניט שרייבען.

ט אַ ט ע: עה! די נאַראָנים זאָלען האָבען שכל!...

אַן ענטפער אין צייט.

א רייזענדער, וועלכער האָט זיך געאיילט צום טריין, האָט אָבגעשטעלט אַ זאַאיקעוואַטען מאַן, מיט דער פראַגע, ווי שפּעט עס איז, און ער האָט בעקומען דעם פאָלגענדען שנעלען ענטפער:

„ע—ע—ע—ס—ס—ס ט—ט—ט—ו—ו—ו—ט—ט—ט
מ מ—מ—י—י—י—ר—ר—ר ז—ז—ז—ע—ע—ע—ר ל—ל—ל
ל—י—י—י—ד—ד—ד א—א—א—י—י—י—ך ה—ה—ה—אָ—ב
נ—נ—נ—י—י—י—ט ק—ק—ק—י—י—י—ן ז—ז—ז—יי—יי־
יי—ג—ג—ג—ע—ר!“

דער רייזענדער האָט פערשפּעטיגט די טריין.

מען האָט איהם פערביטען.

א יונגער מאַן קומט אריין אין דער געזעלשאַפט פון שעהנע מיידלעך. איינע פון די מיידלעך פרעגט איהם: — וואָס איז דער מעהר מיט איך, מיסטער גימפּעל, וואָס איהר זייט אַזאַ מיאוס־קייט? מ'קען דאָך פּשוט אויף איך אַ קוק ניט טהאָן.

דער יונגער מאַן ווערט גאָר ניט נתפעל און ענטפערט: — איהר מיינט, אז איך בין אימער געווען אַזאַ פערזעהעניש, האַ? ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן! איך בין געבאָרען געוואָרען שוין גאָר אַ קראַסאַוועץ. נור קליינערהייד, ווען מיין מאַמע איז ארוים פון שטוב, האָט אַ ציגיינערקע מיך ארויסגענומען פון וויגעלע, און אויף מיין פלאַץ אַוועקגעלעגט אַן אַנדערען, אַ מיאוס'ערען.

אַ תירוץ.

בעריל: אייערע נייע שיך סקריפּען אַזוי מאָדנע, גלייך ווי איהר וואָלט פאַר זיי ניט בעצאָהלט...

שמעריל: אויב אַזוי, וואָלטען דאָך בעדאַרפט, מיין ראָק, מיין וועסט, מיין העמד, מיינע תחתונים אויך סקריפּען...

אויף דער לינקער זייט.

בענצע: די וועלט זאָגט, אז פוטער מיט ברויט אז ס'פאַלט ארונטער, פאַלט עס אימער מיט די פוטער אראָב. ווי אז ס'פאַלט מיט די פוטער ארויף, טאָ וואו בלייבט דער וויץ?

שמעריל: איז דאָס טאַקע א סימן, אז מען האָט עס אָנגעשמירט פערקעהרט.

א קלוגע דיענסט.

דיענסט: מאַדאַם, א מאַן וויל אייך זעהן.

מאַדאַם: אוי, איז דאָס אפשר א נעגער?

דיענסט: אוי, ס'איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען דאָס איהם צו פרעגען.

אוי, די קאָנקורענץ!

צו א קאַטערינשטשיק: וואָס, איהר מאַכט טאַקע א לעבען פון אייער קאַטערינקע?

דער קאַטערינשטשיק: איך וואָלט געמאַכט א גאַנץ שעהן לעבען, נור דער מאַנהעטען און דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז הרג'ענען מיר אוועק די גאַנצע פרנסה.

א גאון'ישער איינפאַל.

א גרינער פאַרמער האָט געוואָלט ארייננקוקען א פערד אין די צייהנער און דאָס פערד האָט ניט געוואָלט עפענען דאָס מויל. וואָס פאַר א פאָרטלען דער פאַרמער האָט ניט אָנגעווענדעט, האָט אַלץ ניט געהאָלפען. פאַלט דער פאַרמער אויף א שכל, געהט צו צום פערד און גיט א געשריי:

„העי, גיב א גענעץ!“

וואָס איז פּאָעזיע.

מוטער: וואָס לערענסטו, מיין טאָכטער?

טאָכטער: פּאָעזיע.

מוטער: וואָ—אָס?... פּאָעז... וואָס איז דאָס אזוינס?

טאָכטער: פּאָעזיע איז אַ זאַך וואָס קלינגט. למשל: דו הייסט שרה — ווער אַ כפּרה!...

מוטער: אזוי? פערשטעה איך...

אין אַ פּאָר טעג ארום בעגעגענט זיך די מוטער מיט אַ שכנה.

שכנה: וואָס לערענט אייער טאָכטער?

מוטער: פּאָעזיע.

שכנה: וואָס איז דאָס אזוינס?

מוטער: אָט, אַ שטייגער, אַז דו הייסט יאכנע — טאָ ווער אַ כפּרה...

ביטערע צייטען.

בעל צדקה: איך האָב געהערט אַז איהר זיינט בלינד, צום סוף האַלט איהר אָפען די אויגען און איהר זעהט גאָר.

בעטלער: איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיסטער, די צייט איז אזוי אין דער ערד, און די קאָנקורענץ איז אזוי גרויס, אַז אפילו אַ בלינדער מוז היינט האַלטען די אויגען אָפען, אויב ער וויל אַ לעבען מאַכען.

אַן אייזערנער בעווייז.

דזשענטלמען (אויפהויבענדיג אַ פינף דאָלאר גאָלדשטיק פון דער ערד, צו אַ טרעמפּ, וועלכער טענה'ט, אַז דאָס איז זיינער): אבער ווי קען איך וויסען, אַז דער 5 דאָלאר גאָלדשטיק איז דיינער?

טרעמפּ: ס'הייסט ווי? איהר קענט דאָך אַליין פערשטעהן, אַז איך האָב אַ לאָך אין מיינע הויזען־קעשענעס.

אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש!

ה ע נ ד ר י ק: האָסטו געהערט ווענגען דער בייבי, וואָס איז אויפגעצויגען געוואָרען אויף מילך פון א חזיר?

ש מ ע נ ד ר י ק: אויף מילך פון א חזיר! — אוי, אוי, אוי...

ה ע נ ד ר י ק: יע, דאָס איז טאַקע געווען דעם חזיר׳ס בייבי.

אין מוזעאום.

— ווער איז דאָס דער סקעלעט?

— דאָס איז פון קאָלומבוס׳ן.

— און ווער איז אָט דער קליינער סקעלעט?

— דאָס איז אויך פון קאָלומבוס׳ן, ווען ער איז נאָך געווען א בייבי.

אַלץ הייסט שנעל.

מ א ן (צום עקסידענט־אינשורענס איידזשענט): צאָהלט אייער פירמע שנעל?

א י י ד ז ש ע נ ט: יעס, סער, זעהר שנעל. פאַריגע וואָך איז אַן ארבייטער, וואָס איז געווען ביי אונז אינשורט, ארונטערגעפאַלען פון א פינף־פלאָריגע געביידע, און ווען דער ארבייטער איז פערביי־געפלויגען דעם דריטען פלאָר האָט שוין אונזער קאָמפּאַני איהם דערלאַנגט א טשעק.

פערריכט דעם טעות.

עס ווערט דערצעהלט, אז בעת דר. הערצל איז געשטאָרבען האָט א אידישע צייטונג אין ערגעץ ניט געקענט קריגען זיין בילד, האָט זי ארייגעשטעלט דאָס בילד פון יעקב גאָרדין; דערפאַר, אז גאָרדין איז געשטאָרבען האָט די צייטונג פערריכט דעם אמאָליגען פעהלער און האָט אָבגעדרוקט דאָס בילד פון דר. הערצל.

אזוי וועט זיין שנעלער.

חיים קומט אריין מיט זיין יענטען אין א בילדער־גאַלערי און חיים זאָגט צו יענטען:

— סך הכל האָבען מיר נאָך א האַלבע שטונדע דאָ צו זיין, און ווער וויים, אויב מיר וועלען די אַלע בילדער קענען בעטראַכטען אין אַזא קורצער צייט.

— שוטה! — רופט זיך אָב יענטע — פאַר וואָס ניט? דו קוק אויף איין וואַנד און איך וועל קוקען אויף דער אַנדערער...

פאַר וואָס ער טעלעגראַפירט.

א איסט־סיידער לענדלאָרד (צום בעאַמטען פון פאָסט־אָפיס): איך וויל טעלעגראַפירען.

בעאַמטער: אָט איז פאַפּיער און א פעדער. שרייבט אויף די טעלעגראַמע.

לענדלאָרד: א חכם! ווען איך זאָל קענען שרייבען, וואָלט איך דאָך ניט טעלעגראַפירט!

אים פריהלינג.

איינער: ווען עס רעגענט אזוי צוויי וואָכען כסדר, וועט אַלעס אָנהויבען ארויסשפּראָצען פון דער ערד.

צווייטער: חלילה וחס! גאָט זאָל אָבהיטען, איך האָב אויף דעם הייליגען אָרט צוויי ווייבער בעגראָבען.

דער תירוץ איז ווערטה געלד.

באָס: ביזט שוין היינט ווידער שפּעט געקומען. פאַר וואָס קום איך אין צייט אַלע טאָג?

קלוירק: ווייל איהר פערברענגט ניט מיט אייער טאָכטער ביז 1 אוהר אין דער נאַכט, און איך יאָ.

אין דאָקטאָר־אָפּיס.

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס טרינקען פון אַלקאָהאָל איז בײַ איך, מיסטער, ניט מעהר ווי אַ שוואַכקייט פון געמיטה...

פּ אַ צ י ע נ ט: אַה, איך זעה! דעריבער, הפּנים, מוז איך מיך אַלע ווײַלע זעהן צו שטאַרקען מיט אַ קאַפּעטשקע!...

זײַנע זייגערס געהען גוט.

ק אָ ס ט אָ מ ע ר:—געהען עפּעס אײַערע זייגערס גוט?

ס ט אָ ר ק י פּ ע ר: אויסגעצייכענט! לעצטע וואָך האָב איך פערקויפט הונדערט שטיק.

אַ רפואה צו שטומעניש.

פ ע ר צ ו ו י י פ ע ל ט ע ר מ אַ ן: דאָקטאָר, מײַן ווייב האָט פערלאָרען איהר שטימע, וואָס זאָל איך טהון?

ד אָ ק ט אָ ר: פּרובירט קומען אַהיים שפּעט אַ פּאָר נעכט אין דער וואָך.

דער קראַנקער דיכטער.

ד אָ ק ט אָ ר: נו, ווי געהט עס? ווי פיהלט איהר הײַנט? לאָזט אָקאָרשט זעהן אײַער צונג.

ד י כ ט ע ר: אַ, וועלכע צונג איז דאָ אומשטאַנד צו דער־צעהלען, ווי שלעכט איך פיהל מיך הײַנט!...

צוליעב אַ פּעני — לוינט זיך ניט.

— שענקט אַ נדבה!

— אַזאַ געזונדען קערל גיב איך ניט.

— וואָס וואָלט איהר געוואָלט, צוליעב אײַער פּעני זאָל איך מיר לאָזען אַ האַנד אָבהאַקען?

ער האָט זיך שטאַרק געביטען.

ביי אַ רייכען קלאָוקס־מאַנופעקטשורער איז געשטאָרבען זיין פֿאָטער אין רוסלאַנד און אום צו האָבען אַן אַנדענקונג פֿון פֿאָטער, האָט ער בעשלאָסען צו מאָהלען זיין בילד. קיין סך ניט געטראַכט, לויפֿט ער אַוועק צו אַן „ארטיסט־מאהלער“.

— וויפֿיעל וועט איהר מיר טשאַרדזשען פֿאַר מיין פֿאָטער'ס בילד צו מאָהלען? — פֿרעגט דער קלאָוק־מאַנופעקטשורער.

— פופציג דאָלאַר. — ענטפֿערט דער מאהלער.

— גוט, דאָ האָט איהר דריי דאָלאַר אַן „אדערויף“.

— וואו איז אייער פֿאָטער?

— ער איז געשטאָרבען.

— האָט איהר מסמא זיין פֿאָטאָגראַפֿיע?

— ניין.

— קענט איהר מיר ניט זאָגען, ווי אַזוי האָט ער אויסגעזעהן?

— ער איז געווען קורץ געוואַקסען, גראָב־בייכיג, מיט אַ פּנים פֿון פֿאָרענט, מיט אַ באָרד.

מיט עטליכע טעג שפּעטער לאָזט דער ארטיסט־מאהלער רופֿען דעם מאַן, וואָס האָט בעשטעלט דאָס בילד.

ווען דער קלאָוק־מאַנופעקטשורער האָט דערזעהן דאָס בילד, האָט ער זיך צוּוויינט.

— וואָס וויינט איהר, איז עס אפשר ניט קיין גוט בילד?

— אָ, יאָ, אָבער עס איז נעבעך אַ רחמנות, ווי מיין פֿאָטער האָט זיך געענדערט זינט ער איז געשטאָרבען...

ער האָט צייט.

מאַן (וואָס טרינקט זיך, צו אַ פֿאַרבייגעהער): ראַטעוועט! איך קען ניט שווימען!...

פֿאַרבייגעהער: פּש! אויך מיר אַ קונץ! אין איינע צוויי חדשים קענט איהר זיך עס אויסלערנען!

דעם קצב'ס פּיס.

אידענע (בעטראַכטענדיג אַ פּאָר אָקסענע פּיס אויפ'ן בוטשער־קלאָץ): מיסטער, וויפיעל ווילט איהר פאר אייערע פיס?

דעם קצב'ס ווייב (ווערט שטארק איבערזיכטיג): די היהנער־אויגען פון מיין מאַנ'ס פיס קענט איהר האָבען, אָבער זיינע פיס — אַ מכה!

קירצערע שטונדען.

גרינע (זעהענדיג אַ גרויסען מענשען נעבען אַ פאבריק): וואָס ווילען זיי? וואָס שטעהען זיי דאָ?

געלער: זיי סטרייקען, זיי פאָדערען קירצערע שטונדען.

גרינע: וויפיעל־זשע טאָג וועט יעצט זיין אין אַ יאָהר, אז זיי וועלען מאַכען קירצער די שטונדען?

ער וועט מוזען וואַרטען.

אידענע (צום פאָטאָגראַפער): וויפיעל ווילט איהר פאר פאָטאָגראַפירען מיינע קינדערלעך?

— דריי דאָלאַר פאר אַ דאָזען.

— אויב אזוי, וועל איך קומען אין אַ פּאָר מאָנאַט ארום. איצט האָב איך דערווייל נור עלף קינדער.

דער צער בעלי־חיים'ניק.

— האָט רחמנות, גנעדיגע פרוי, שענקט אַ נדבה פאר אַן אָרעמע אונגליקליכע אלמנה נעבעך מיט 5 קינדער!... ווען זי וועט היינט חס ושלום ניט אריינטראָגען איהר בעל הבית 25 דאָלאַר רענט פאר איהר דירה, וועט ער זי ארויסוואַרפען אויפ'ן גאס...

— און ווער זיינט איהר אליין?

— טאקע דער בעל־הבית פון איהר דירה...

אין רעדאַקציע.

לעזער: אין אייער ציימונג איז ערשיענען אַ שטיקעל נייעס, וועלכע בעהויפּטעט, אַז איך בין געשטאָרבען.

רעדאַקטאָר: אויב דער נאָטיץ איז ערשיענען אין אונזער ציימונג, דאַן זייט איהר אָהן צווייפעל טוידט.

לעזער: איהר זעהט דאָך אָבער, אַז איך לעב.

רעדאַקטאָר: וועלל, אויב איהר לעבט, טהוט עס מיר טאַקע הערצליך לייד.

לעזער: על פּי יושר האָט איהר געדאַרפט עס אָברופען אין דעם קומענדען נומער, עס איז מעהר ניט ווי רעכט.

רעדאַקטאָר: איהר פערלאַנגט אַן אונמעגליכקייט. מיר רופען קיינמאָל ניט אָב צוריק קיין זאַך אין אונזער ציימונג. זעהט איהר, אויב איהר ווילט, קען איך אייך לעבעדיג מאַכען אין דעם קאָלום, וואו מיר רעכענען אוים די „נייגעבאָרענע“:

אַ משל קאַבאַק.

— חיים, וואָס וואָלט דאָס, אַ שטייגער, געאַרט די בעקער, אַז זיי זאָלען מאַכען די בייגעל אַ ביסעל גרעסער?

— בהמה! אַז די בייגעל וועלען זיין גרעסער, וועלען דאָך די לעכער אויך מוזען זיין גרעסער.

— טאָ איז וואָס?

— שוטה! אַז די לעכער וועלען זיין צו גרויס, וועלען דאָך די בייגעל דורכפאַלען דורך די לעכער.

אין העסטער סטריט.

פערקויפערין: איך זאָל אַזוי זוכה זיין צו זעהן משיח'ן ווי איהר האָט נאָך אַזעלכע הערינג ניט געזעהן.

קויפערין: איך זאָל אַזוי זוכה זיין צו הערען דעם שופר של משיח ווי עס הערט זיך פערפוילטקייט.

אַ בעגעגענים.

צוויי ביזנעס־לייט האָבען זיך זעהר געאיילט, און לויפענדיגנ איינע געגען די אַנדערע האָבען זיי זיך אָנגעקלאַפּט נאָז צו נאָז. געהט דער אַהין, געהט דער אַנדערער אויך אַהין; געהט דער אַהער, געהט דער אַנדערער אויך אַהער. דרעהען זיי זיך אַהער־אַהין, אַהין־אַהער. האָבען זיי ביידע געוואָלט בעטען ענטשולדיגונג איינער ביים אַנדערען, נור זעהענדיג אַז די צייט געהט אַוועק, און ניט געפינענדיג קיין אויסוועג, האָבען זיי ביידע צוזאַמען מיט אַמאָל אויסגעשריען: „מיסטער! איך האָב קיין צייט ניט. גוד באַי!" און ביידע האָבען זיך ווידער געדרעהט אַהער־און־אַהין און הין־און־צוריק...

חוצפּה און פוילקייט.

— מיס אַפּעל — האָט ארויסגעשטאַמעלט דער שעמעוודיגער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסען ביים צווייטען ברעג פון דער זאָפע — וואָלט איהר עס ניט בעטראַכט פאַר אביסעל חוצפּה'דיג פון מיין זייט, ווען איך וואַרף אייך צו אַ קוש?

— חוצפּה'דיג? — האָט דאָס מיידעל איבערגעפרעגט העכסט ערשטוינט — ניין, איך וואָלט אייך בעטראַכט פאַר דעם גרעסטען פוילענצער, וואָס לעבט אויף דער וועלט.

מצה־וואַסער געהט איצט ניט.

פּ אָ ב ל י ש ע ר: איך האָב אָבגעדרוקט מיסטער שרייבשטיין'ס ראָמאַן מיט אַ פּאָר מאָנאַטען צוריק, אבער דער עולם וויל איהם ניט קויפען.

פ ר י י נ ד: דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דער בוך וועט געהן ווי מצה־וואַסער.

פּ אָ ב ל י ש ע ר: נו, וועלכער משוגענער מענש דאַרף עס יעצט האָבען מצה־וואַסער?!....

מאַכט עס אויף קנעפּלעך.

אין אַ האָספּיטאַל האָט אַ פּראָפעסאָר געמאַכט אַן אָפּערײשאָן אויף אַן „אַפּענדיסיטיס“ ביי אַ פרוי. די אָפּערײשאָן איז געלונגען. ביים צוזאַמענלעגען די אינסטרומענטען כאַפּט זיך דער פּראָפעסאָר אַז ער האָט געלאָזט אַ מעסערעל אינסייד.

ער האָט ווידער געעפענט דעם שניט, ארויסגענומען דאָס מעסערעל, פערנעהט און באַלד בעמערקט אַז עס פעהלט איהם נאָך אַן אינסטרומענט, עפּעס אַ שערעלע.

די פרוי, זעהענדיג אַז מען געהט ווידער עפענען און ווידער נעהען, רופט זיך אָב צום פּראָפעסאָר:

— עס איז צופיעל באַדער, הערר פּראָפעסאָר: טרענען און נעהען, נעהען און טרענען, , מאַכט דאָס שוין בעסער מיט קנעפּלעך.

צווישען טאַטעס.

מיסטער העכט (רעדענדיג פערטרויט צו זיין פריינד מיסטער קאַרפּ): וואָס דענקסטו פון דעם יונגענמאַן וואָס זיצט דאָרט אין זאַאל?

מיסטער קאַרפּ: וואָס איז דען, ער וויל ביי דיר אַ גמילות חסד?

מיסטער העכט: גאָט בעהיט! געלד וועל איך לייהען דעם לאַכודרע? ! ער וויל בלויז הייראַטהען מיין עלטערע טאָכטער.

מיסטער קאַרפּ: איז וואָס־זשע פרעגסטו נאָך קשיות?

ס׳ווענדט זיך נאָך זיין גרויס.

חיים: צום ביישפּיעל, ווען אַ מאַן וואָלט דיך גערופען ליגנער, וואָס וואָלסטו געטהאָן?

ברוך (נאָכדענקענדיג): דאָס, ברודער׳על, ווענדט זיך, ווי גרויס דער מאַן איז.

אַ ריעל עסטייט דאָקטאָר.

ווי עס איז בעוואוסט, זיינען יעצט אַלע דאָקטוירים פעראינ־טערעסירט אין ריעל עסטייט מעהר ווי אין זייער פּראָפעסיאָן, און ווען אַ פרוי איז אריין צו איהר דאָקטאָר מיט אַ שרעקליכען בויך־וועהטאָג, האָט דער דאָקטאָר איהר פערשריעבען 6 גאַלאָן צעמענט, אַ וואָגען ברעטער, 5000 פונט נעגעל, 32 טהירען און פענסטער, 8 וועגען ציגעל און 3 וועגען וואַפּנע.

ווען דער אַפּטייקער האָט איבערגעלעזען דעם רעצעפּט האָט ער זיך אָבגערופען צום ווייבעל:

— מיסעס לעבען, ווען איך זאָל האָבען אָט די אַלע מאַטעריא־לען און אַ לאָטעל נאָך אַלס צוגאָב, וואָלט איך אויפגעגעבען מיין אַפּטייק און זיך געלאָזען אויפשטעלען אַ טענעמענט־הויז.

רויט, שווארץ און גרוי.

האָטעל־קיפּער (שרייט אריין אין קיך): מינאַ! מינאַ!

גאַסט: וועלכע מינאַ רופט איהר, די רויטע, די שווארצע, אָדער די אַלטע?

האָטעל־קיפּער: ווי אַזוי קענט איהר די האָר פון אַלע מיינע קעכינס?

גאַסט: פון דעם סופּ...

אויפ'ן באַל.

יונגערמאַן: מיסטער, איהר האָט אָנגעטראָטען מיין דאַמע אויפ'ן פוס... איך פערלאַנג גלייך אַן ענטשולדיגונג!

אידעל: וואָס מיר ענטשולדיגונג, ווער מיר ענטשולדי־גונג! — דאָרט אין ווינקעל זיצט מיין אידענע. איהר קענט איהר אפילו אָנטרעטען אויפ'ן קאָפּ, אָרט מיך אויך ניט!...

אַ נייער וועטער־נביא.

אַ גאַליציאַנער איד, זעהענדיג אז דער וועטער־נביא טרעפט ניט אַלע מאָל, האָט ער אויסגעקלערט אזא מין אַפּאַראַט, וואָס צייגט אימער ריכטיג.

אָט איז זיין ערפינדונג:

מען זאָל צוגעהן צו אַ טעלעגראַף־סלופּ אין דרויסען אָנבינדען אַ האַנדטוך און דאָס לאָזען תמיד הענגען. יעדען טאָג דאַרף מען ארויסגעהן און אַ קוק טהון: איז דאָס האַנדטוך טרוקען, איז שעהן וועטער; איז דאָס האַנדטוך נאַס, איז אַ סימן אז עס'איז אַ רעגען; איז דאָס האַנדטוך קאַלט און האַרט, איז אַ פראָסט; איז דאָס ווייך, ווייס און גלאַנציג, איז אַ שנעע; הענגט דאָס רוהיג, איז שטיל וועטער; וואַרפט זיך דאָס ארום, איז אַ ווינד; וואַרפט זיך דאָס זעהר שטאַרק, איז אַ שטורם — און טאָמער איז עס אין גאַנצען ניטאָ, איז אַ סימן אז מען האָט עס צוגע'גנב'עט.

אונשולדיג געזעסען.

נאָטע גנב איז אָבגעזעסען זעקס יאהר אין טורמע. אז ער איז געקומען אהיים, האָט ער געפונען אַ קינד פון עלף חדשים גוסס'ענדיג און אויף מאָרגען איז עס געשטאָרבען. געשטאָרבען, בעגראָבען און געזעצט זיך שבעה.

אָבגעזעסען עטליכע טעג, האָט נאָטע בעמערקט מיט אַ זיפץ: „איך בין דאָך שוין אין מיין לעבען גענוג געזעסען, אָבער אַזוי אונשולדיג בין איך נאָך קיינמאָל ניט געזעסען...“

געהאַט זיין „אויסקומעניש“.

ריכטער: — ווי קומט עס, וואָס בעת איהר האָט מיטגענומען גאַנץ ווערטהלאָזע אַרטיקלען, האָט איהר איבערגעלאָזען די ציערונג און אַלערליי גאָלדוואַרג?

גנב: — איך בעט אייך זעהר, הערר ריכטער, עסט מיר ניט אָב דאָס האַרץ; מיין ווייבעל איז מיר שוין דערפאַר גענוג דערגאַנגען די יאָהרען.

אַ מעשה מיט אַ בייגעל.

צוויי דיכטער האָבען געפונען אַ בייגעל. ווי הונגעריגע וועלף האָבען זיי זיך אויף איהם געוואָרפען. נאָך אַ לאַנגען קריעג האָבען זיי בעשלאָסען זיך צולעגען שלאָפען און וועמען עס וועט זיך חלום'ן דער שעהנסטער חלום, דער וועט אויפעסען דעם בייגעל.

אַז זיי זיינען אויפגעשטאַנען, האָט איינער געפרעגט דעם צווייטען, וואָס האָט זיך איהם גע'חלום'ט.

— מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז איך בין געזעסען אויפ'ן פערד פעגאַזוס און געפלויגען גלייך אין הימעל. — האָט איינער געזאָגט.

— איך האָב עס אויך געזעהן, — האָט דער צווייטער געזאָגט — האָב איך געמיינט, אַז דו וועסט שוין דאָרטען בלייבען, בין איך אויפגעשטאַנען און אויפגעגעסען דעם בייגעל.

ער האָט פיינד שבועות — אָבער...

— איך גלויב ניט אין שבועות, — האָט איינער אַמאָל געזאָגט צו זיינעם אַ פריינד, ביי וועמען ער האָט געבעטען אַ גמילות חסד — איך קען דיר אָבער בלויז זאָגען אַזוי פיעל: זאָל דאָס בלוט אויסטריקענען אין מיינע אָדערען; דער בליץ זאָל מיין קערפּער אויף צווייען צושפּאַלטען; קראָקאָדילען זאָלען מיך אויפפרעסען; איך זאָל מוזען דורך די פלאַמען פון גיהנום טראָגען וואַסער אין אַ זיפּ; איך זאָל ווערען אַ שקלאַף און אָבשקלאַפען שווער און ביטער אַזוי פיעל יאָהרען וויפיעל עס איז דאָ שטערען אין הימעל, טראָפּענס אין ים און זאַמד־קערנער אין דער מדבר זאהארא — דאָס אַלעס זאָל מיט מיר געשעהען, אויב איך וועל דיר ניט אָבגעבען צוריק די עטליכע דאָלאַר.

פאָלגט דעם דאָקטאָר.

ווייב: — סעי, חיים, וואָס האָסטו זיך עפּעס איינגעוויקעלט פון קאָפּ ביז די פיס אין טעגליכע ציימונגען?

מאַן: — אַ דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז זעהר געזונד צו נעהמען בלאַטע־בעדער.

אַ געטרייער מאַן.

פרוי: — מיין ליעבר מאַן, איך וועל דיר ענטדעקען אַ סוד, וועלכער וועט דיך זיכער איבעראַשען: איך האָב געגעבען יעקיל דעם שניידער מאַכען תכריכים פון מיינעטוועגען.

מאַן: — וואָס, יעקלען האָסטו גאָר געגעבען! ווייסטו דען ניט, אַז יעקיל האָט אַ טבע אָבצוהאַלטען אַ שטיקעל ארבייט דריי וואָכען צייט?...

— ווארום האָט איהר ניט חתונה? — האָט אַ מיידעל געפרעגט ביי אַן עלטערען בחור.

— וויל דאָס גט'ען זיך קאָסט צו טהייער! — האָט ער געענטפערט.

מיט צימרינג שטימט עס שוין.

אַ איד האָט דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל געגעסען אַ קוגעל וואָס האָט געקאָסט ניינציג דאָלאַר.

— ווי אַזוי? — האָבען די צוהערער געפרעגט.

— צעהן דאָלאַר מעהל, — האָט ער גענומען רעכענען — פינף דאָלאַר אייער, צעהן דאָלאַר שמאַלץ, פינף דאָלאַר ראָזינקעס...

— איז עס דאָך נור דרייסיג דאָלאַר! — האָבען די צוהערער פערלאַנגט חשבון.

דער איד האָט גענומען קראַצען דעם שטערען און בשום אופן זיך ניט געקענט דערמאָנען אויף וואָס ער האָט אויסגעגעבען די איבריגע זעכציג דאָלאַר. דאָ האָט איהם שוין זיין פרוי ארויס־געהאָלפען:

— און צימרינג?

— אַ, יעס! טאַקע! — האָט דער איד געענטפערט.

אַ מאַן וואָס הייראַטה אַ מיאוס'ע אָדער עלטערע פרוי צוליעב איהר געלד, בעטראַכט זיינע קושען אַלס אַ מין אונגערעכטע און געצוואונגענע צינזען אויף זיין פערמעגען.

קיין פערגלייך.

דזשאָו: עס האָט מיר גענומען אפשר פיער מאָנאטען ביז איך האָב זיך צוגעפּאסט א פּאָר ברילען,

סעם: און חתונה געהאט האסטו אין צוויי טעג!

דזשאָו: וואָס פאר א פערגלייך!...

ער וויל אליין זיך ניט באַדערען.

מחותן: אזוי, יונגער מאַן, מיין טאָכטער האָט איך צוגע־זאָגט חתונה צו האָבען מיט איך?

חתן: יעס.

מחותן: האָט איהר שוין בעשטימט דעם טאָג פון דער חתונה?

חתן: איך לאָז עס איבער פאר דער כלה.

מחותן: איהר האָט חתונה אין קאָורט אָדער אין שוהל?

חתן: איך לאָז דאָס איבער פאָר דער מחותנת'טע.

מחותן: האָט איהר שוין א ביזנעס פון וואנען צו מאכען א לעבען?

חתן: דאָס — לאָז איך איבער צו אייך.

וואָס די צייט קען אויפטהאָן.

דער באָרדער: וואָס די צייט קען אויפטהאָן!

פּאַרמער: וואָס איז אזוינס?

דער באָרדער: מיט איין וואָך צוריק, ווען איך האָב געזעהן אייער קאָונטרי־הויז אויף אַן אַדוועררטייזמענטס, איז זי נאָך געווען גאָר א פיינע הויז...

זיין מיטעל צו קרעדיטאָרס.

חיים: — ווי ביזטו עס אזוי שנעל פּטור געוואָרען פון דיינע קרעדיטאָרס?

גימפּעל: — איך האָב פערריוויכערט איינעם פון דיינע סיגאַרעטס.

דערקאַנט...

ערשטער דיכטער: — דו האָסט אָבער אַ גוטען זכרון, יאָקעל, שוין פינף יאהר ווי דו האָסט מיך ניט געזעהען און דאָך האָסטו מיך דערקאַנט!

צווייטער דיכטער: — דו ווייסט אַז וואָס איך האָב דיך דערקאַנט?

ערשטער דיכטער: — אַז וואָס?

צווייטער דיכטער: — אַז דיין קראַגען...

ער האָט קיין האַרץ ניט.

יענקעל: ווארום שלאָפסטו ניט, חיים?

חיים: אַ וואַנץ דרעהט זיך אַרום אויף מיין קישען.

יענקעל: און ווארום הרג'עסטו איהר ניט?

חיים: איך האָב ניט קיין האַרץ צו טויטען מיין אייגען פלייש און בלוט.

אַ מיטעל צו שוויצען.

אַ יונגער שטודענט ביים עקזאַמען פאַר זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם:

— וואָס, אַז ערך — האָט איהם דער פּראָפעסאָר געפרעגט — וואָלסטו איינגעגעבען אַ מענשען וואָס האָט רהומאַטיזם, ער זאָל שוויצען?

— איך וואָלט איהם געשיקט אַהער צום עקזאַמען — האָט דער סטודענט געענטפערט.

איהר קליין מיילכעל.

זי: דו נאַרעלע, וואָס ביזטו שוין ברוגז געוואָרען, אַז איך האָב ביי דיר געבעטען אַ דיימענט רינג? דו האָסט דאָך געזעהן, אַז איך האָב געשמייכעלט!

ער: דו האָסט אַזאַ קליין מיילכעל, אַז איך האָב ניט געקענט בעמערקען....

זי האָט ניט קיין מזל צו קיין מענער.

זי: דזשייק!
ער: וואָס איז, מיין גאָלד?
זי: האָסטו צוואָואַשען די געפעס?
ער: יע־עס.
זי: האָסטו געמאַכט אייז־וואַסער?
ער: געווי־ס.
זי: האָסטו אויסגעלאָשען די געז אין קיטשען?
ער: יע־עס.
זי: האָסטו געמאַכט דעם באָרדער׳ס בעט?
ער: יע־עס.
זי: האָסטו אויסגעקלינט די וואַנע?
ער: יע־עס.
זי: האָסטו פערצירעוועט מיינע זאָקען?
ער: יע־עס.
זי: האָסטו איינגעווייקט די וועש?
ער: יע־עס.
זי: האָסטו אָנגעזוינגט די בייבי?
ער: יע — ניין...

זי (צוואָויינט זיך): אוי, אַ קלאָג איז צו מיר, אוי, אַ בראָך איז צו מיר... עפּעס לייטישע פרויען האָבען גליק צו מענער... נור איך האָב דאָס אַזאַ שלים־מזל, צו קיין זאַך טויג עס ניט!...

אוי, די מיידלעך!

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָט אַ באָי געזאָגט דורכ׳ן טעלעפאָן צו זיין מיידעל, וואָס האָט גערעדט צו איהם שוין מעהר ווי אַ האַלבע שטונדע.

— וואָס איז? — האָט די מיידעל געפרעגט.

— איך וויל איבערבייטען דעם רעסיווער אויפ׳ן לינקען אויער — האָט דער באָי געענטפערט — דער רעכטער איז שוין געוואָרען טויב.

ניט אַלע זיינען קאַרג.

א מאַן האָט פערשפּראָכען זיין ווייב, אַז פאַר יעדען קוש וואָס זי וועט איהם געבען, וועט ער אריינוואַרפען אַ קוואָדער אין סייף.

אין אַ מאָנאַט אַרום, אַז דער מאַן האָט געעפענט דעם סייף, האָט ער דאָרטען געפונען האַלבע און גאַנצע דאָלאַרס.

— סעי — האָט דער מאַן געפרעגט זיין ווייב — ווי אַזוי קומט עס אַזעלכע גרויסע געלד אין סייף?

— וואָס מיינסטו — האָט די ווייב געענטפערט — אַלע זיינען אַזעלכע קאַרגע הינט ווי דו ביזט?..

דער שאַפּ־נודניק.

— איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר, וואָס איהר זייט געבליבען אויסצוהערען די ענדע פון מיין געשיכטע — האָט דער שאַפּ־נודניק זיך אָנגערופען צו אַן ארבייטער. — אַלע וואָס ארבייטען דאָ זיינען אַזוינע פּרעסערס, אַז ווי נור זיי האָבען דערהערט דעם „ווּיסטעל" זיינען זיי גלייך אַוועקגעלאָפען עסען דינער.

— וואָס? עס האָט שוין געוויסעלט?! — האָט זיך דער צוהערער אָנגערופען, און איז שנעל אַוועקגעלאָפען אין רעסטאָראַנט.

גלענצענדע אויסזיכטען.

יונגער פּאָעט (צום אָפּיס־באָי): איך האָב אַ פּאָר לידער פאַר'ן רעדאַקטאָר. איך בין ביי איהם דעם ערשטען מאָל. קענט איהר מיר ניט זאָגען, ווי אַזוי אַנדערע פּאָעטען בעגעהען זיך מיט איהם?

אָפּיס־באָי: אָ, יעס. געוועהנליך לאָזען זיי איבער די כתבים און אין אַ פּאָר טעג אַרום קומען זיי געוואָהר ווערען וואָס עס הערט זיך.

פּאָעט (נייגעריג): און דאַן?

אָפּיס־באָי: און דאַן שלאָג איך זיי אָן און וואַרף זיי אַרויס!....

מאָרד אין צווייטען גראַד.

אַ לאָיער וואָס האָט פערטהיידיגט אַ מערדער, האָט אונטער־געקויפט איינעם פון די דזשורי־לייט, אַז ער זאָל שטימען נור פאַר אַ „ווערדיקט" פון מאָרד אין צווייטען גראַד.

— מעגען אַלע עלף דזשורי־לייט שטימען ווי זיי ווילען, — האָט איהם דער לאָיער אָנגעזאָגט — אָבער דו זאָלסט זיך האַלטען ביי דאָס דייניגע: מאָרד אין צווייטען גראַד.

נאָך דעם ווי די דזשורי האָט זיך אַרומגעריסען צוויי טעג און צוויי נעכט, האָבען זיי ווירקליך אַריינגעבראַכט אַ ווערדיקט, אַז דער גע'משפט'ער איז שולדיג אין מאָרד פון צווייטען גראַד.

דער לאָיער האָט דעם אונטערגעקויפטען דזשורי־מען אָבגערו־פען אָן אַ זייט און האָט איהם הערצליך געדאַנקט.

— דו האָסט זיך געמוזט גענוג אויסעסען די גאַל מיט די איבעריגע עלף דזשורי־לייט ביז זיי האָבען איינגעשטימט מיט דיר — איך דאַנק דיר!

— וואָס ווייסט איהר! — האָט דער דזשורי־מאַן זיך בע־קלאָגט — וואָס ווייסט איהר ווי שווער איך האָב מיט זיי געמוזט אַרבייטען!... באַלד ווי מען האָט אונז פערשפּאַרט אין דער „דזשורי־רום", האָבען אַלע עלף געשטימט אַז מען זאָל דעם אָנגעקלאָגטען בעפרייען און איך האָב עס געמוזט מיט זיי אַזוי לאַנג קנעלען, ביז זיי האָבען ענדליך איינגעשטימט מיט מיר...

אונפערענדערליך.

אַ קאָנטרי־פּעדלער, וועלכער איז שוין אַ צוואַנציג יאהר ניט געוועזען אין טהעאַטער, איז געקומען אין ניו יאָרק נאָך סחורה און דערוויי̈ל איז ער געוועזען אין אַדלער'ס טהעאַטער און האָט געזעהן „שיילאָק".

אַרויסגעהענדיג האָט איהם זיינער אַ פריינד געפרעגט, ווי עס געפעלט איהם די שאָו.

די בוי̈ערי האָט זיך אַביסעל געענדערט, האָט ער געזאָגט, אָבער „שיילאָק" איז נאָך אַלץ דערזעלבער מערדער.

צווי מאָל צאָהלט ער ניט.

אַ איסט סיידער אידעל האָט אמאָל פערבלאָנזשעט אין איינעם פון די גרעסטע האָטעלס אויף בראָדוויי, האָט געאָרדערט אַ גלאָז ביער און דערלאַנגט דעם ווייטער אַ קוואָדער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום געהט צו דערזעלבער ווייטער און פרעגט:

— נו, וואָס ווילט איהר איצט?

— איך וואַרט אויף טשענזש... — האָט דער אידעל גע־ענטפערט.

— ווייסט איהר ניט, — האָט איהם דער ווייטער געזאָגט, — אַז אין אַזאַ פּראַכטפאָלען האָטעל קאָסט אַלעס טהייער? איהר זעהט אָט די פּיקטשור אויפ'ן וואַנד — זי קאָסט פינף־הונדערט דאָלאַר! איהר זעהט די צווייטע? — די קאָסט פופצעהן־הונדערט דאָלאַר. און איהר ווילט נאָך טשענזש פון אַ קוואָדער?!

דער אידעל האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם פּלאַץ און איז אוועק צו אַ צווייטען טישעל. ער האָט געאָרדערט אַ צווייטע גלאָז ביער, דערלאַנגט דעם ווייטען אַ ניקעל און האָט געזאָגט:

— פאַר די פּיקטשורס האָב איך שוין יענעם ווייטער בעצאָהלט.

גיט איהם אַ טשאַנס.

דער מאַן: — וואָס פאַר אַ טרויעריגע און אומעטיגע ווייבעל דו ביזט!

די ווייב: — אָט גיב מיר נור אַ טשאַנס און גיב אַ שטאַרב, וועסטו זעהן ס'רא פרעהליכע אמנה'צקע איכ'ל זיין!.

סאַי ווי סאַי...

קאַסטאָמער: — די הויזען זיינען צו ענג, אין פיער וואָכען אַרום וועלן זיי שוין אויף מיר ניט אַרויף.

פעדלער: — איהר דאַרפט זיך ניט זאָרגען. מעהר ווי פיער וואָכען וועלען זיי זיך סאַי ווי סאַי ניט האַלטען.

ריכטיג געענטפערט.

לאָיער: — וואו וואוינט איהר?
עדות: — ביי מיין ברודער.
לאָיער: — און וואו וואוינט אייער ברודער?
עדות: — מיין ברודער וואוינט ביי מיר.
לאָיער: — און וואו וואוינט איהרביידע?
עדות: — צוזאמען.
לאָיער: — און וואו וואוינט איהר צוזאמען?
עדות: — אין פּארק...
לאָיער: — אין וועלכען פּארק?
עדות: — אין אַלע אָהן אויסנאהמע. און, פּליעז, נודיעט ניט, איך בין אַ ביזי מענש און איך האָב ניט קיין צייט אויסצוהערען אייערע נארישע פראגען...

פערשטעהט זיין ביזנעס.

אַ איד אַן אָרעמאַן איז זיעבען אזייגער אין דער פריה אריין צו באַראָן ראָטהשילד נאָך אַ נדבה.

— סטייטש! — האָט דער באַראָן געשריען — מיט וואָס פאר אַ העזה קומט דאָס אַ איד פאַרטאָג בעטען אַ נדבה?!...

— מיין פריינד — האָט דער אָרעמאַן געענטפערט — מילא אין באַנק-געשעפט פערשטעהט איהר טאַקע, אָבער אין הלכות שנאָרעריי פערשטעה איך מעהר פון אייך.

ער זוכט אַן איידים.

אַ ישוב׳ניק האָט אמאָל געבעטען אַ שדכן, ער זאָל איהם קריגען עפּעס אַ וואוילען איידים.

— סטייטש, ר׳ חיים! — האָט זיך דער שדכן געוואונדערט — איהר האָט דאָך ניט קיין טאָכטער!

— דאָס מאַכט ניט — האָט דער ישוב׳ניק געענטפערט — זאָל זיך אַרומדרעהען אַן איידים אין שטוב...

ער האָט געפרעגט אַ שאלה.

משה פופיק האָט זיך גענומען פערריכטען זיין פלאַנקען פונקט אום שבת. געהט פארביי זיין שכן חיים בער.

— ר' משה, אום שבת ?..

— איך האָב געפרעגט דעם רב אַ שאלה.

חיים בער גיט אַ ציה מיט די פלייצעס און געהט אוועק.

קומט אָן אַן אנדער איד.

— סטייטש, אום שבת, ר' משה !...

— איך האָב געפרעגט דעם רב אַ שאלה. — האָט ווידער ר' משה אָבגעענטפערט קורץ.

און אויך דער איד איז אוועק, זיך וואונדערנדיג.

קומט אַ דריטער איד.

— גאָט איז מיט אייך, ר' משה ! אום שבת !...

— איך האָב געפרעגט דעם רב אַ שאלה.

— נו, וואָס האָט דער רב געענטפערט.

— אז מען טאָר ניט.

— נו ? !

— הער איך איהם ווי די קאַץ...

ליעבע אין אַלגעמיין...

סיידי : — ווייסט, קיידי, אַז עס קומט מיר אַ מזל טוב ? דזשעק איז ביי מיר נעכטען געווען און האָט מיר צוגעזאָגט חתונה צו האָבען.

קיידי : — און מיר קומט אויך אַ מזל־טוב, סיידי ! דזשייק איז ביי מיר געווען נעכטען ביינאַכט און האָט מיר פערשפראָכען מעהר ניט צו דאָקוטשען.

זי איז פראַקטיש.

אמאָל האָט אַ מיידעל געזאָגט : „איין באָי ביי מיר אויפ'ן סטופּ איז שוין בעסער ווי צוויי באָיעס ביי יענער מיידעל אין פארלאָר".

שטיל אין ניו יאָרק.

ערשטער פאַרמער: נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין ניו יאָרק?

צווייטער פאַרמער (וועלכער איז ערשט געקומען פון ניו יאָרק): טוידט, ברודער'ל... איך בין אָבגעשטאַנען אַ גאַנצען טאָג אויף בראָדוויי און איך האָב ניט געזעהן דורכפאָהרען קיין איין וואָגען היי, און האָב ניט געזעהן קיין קוה אויף אַ רפואה.

אוים פערצווייפלונג.

— אבער, אום גאָטעס ווילען, פּישעל, נעכטען איז ערשט געווען די לויה פון דיין פרוי און היינט קושסטו שוין דאָס דיענסט־מיידעל!

— אַך, איך בין אזוי פערצווייפעלט, אז איך וויים פּשוט ניט וואָס איך טהו...

פראַגע־צייכענם.

די פרויען־פראַגע

וואו ביסטו געוועזן אזוי שפּעט, זיסער מאַן מיינער?

די אידען־פראַגע

וואָס מאַכט אַ איד — אַ בעווייבטער?

פּאָליטישע פראַגע

ווי פיעל ווילט איהר פאַר אייער שטימע?

די געלד־פראַגע

ווי מאַכט מען אפּאָר דאָלאר?

ער נעהמט איהם מיט געוואַלט...

איד (צום דענטיסט, וועלכער האָט איהם עטליכע מאָל דורכ־אַנאַנד געריסען אַ צאָהן און אָהן ערפאָלג): — איך האָב מורא, דאָקטאָר, אז איהר וועט איהם ניט קענען ארויסציהען.

דענטיסט (נאָך אַמאָל ארייַנשטופּענדיג די צוואַנג אין דעם אידענ'ס מויל): — ער מוז ארוים — ווען איך זאָל אפילו דאַר־פען מיטרייסען אַ שטיק באַק!...

אויב אַזוי, איז רעכט.

צוויי בטלנים, וועלכע האָבען געשלאָפען צוזאַמען אין קלויז און האָבען זיך געהאַלטען אין חזר'ן אַ געוויסע סוגיא אין דער גמרא, וואו עס געהט אָן אַ גרויסער קאַמפף צווישען צוויי תנאים וועגען דעם, צי איז די נאַכט בעשאַפען געוואָרען צום לערנען („לילה לגרסא") אָדער אויף צום שלאָפען („לילה לשנתא").

פאַרטיג געוואָרען מיט דעם „שעור", האָבען זיך ביידע געלעגט שלאָפען אויף דעם איינציגען קישעלע, וואָס זיי האָבען פערמאָגט בשותפות, און אויסגעלאָשען דאָס שטיקעל ליכט.

אַז זיי האָבען ערוואַכט איז דער פריה, האָבען זיי צו זייער שטוינען זיך געכאַפט, אַז דאָס קישעלע און דאָס ליכט פעהלען.

— מאָטעל, — זאָגט איינער צום צווייטען — איך פערשטעה ניט ווי אַזוי דאָס האָט געקענט פּאַסירען. ממה נפשך: האַלט דער גנב מיט דעם „מן דאמר" אַז "לילה השנתה", די נאַכט איז בעשאַפען געוואָרען צום שלאָפען, טו וואַרום האָט ער צוגענומען ס'שטיקעל ליכט? אלא וויעדער האַלט ער מיט דעם „מן דאמר" אַז „לילה לגרסא", די נאַכט איז בעשאַפען געוואָרען צום לערנען — טו וואַרום־זשע האָט ער צוגענומען ס'קישעלע?

— פערשטעהסטו מיך, — רופט זיך אָן דער צווייטער בטלן — עס האָבען געמוזט זיין צוויי גנבים: איינער וואָס האַלט מיט דעם מן־דאמר אַז „לילה לשנתה און אַ צווייטער, וואָס האַלט אַז „לילה לגרסא"...

געלד איז בלאָטע.

ערשטע אַלרייטניצע: — און אייער מאַן האָט געגעבען צוויי טויזענד דאָלאַר פאַר אַ „פּיקטשע"?

צווייטע אַלרייטניצע: — יעס.

ערשטע אַלרייטניצע: — איך פערשטעה, אַז דערמיט וויל ער ווייזען וויפיעל ער „קעהרט" פאַר דער „קונץ".

צווייטע אַלרייטניצע. — ניין, דערמיט וויל ער ווייזען, ווי ווענינ ער קעהרט פאַר צוויי טויזענד דאָלאַר...

סמנים פון משוגעת.

אַ גאַז־קאָלעקטאָר איז אַריינגעקומען אין הויז און האָט דער־לאַנגט דעם ביל.

— געהט ברענגט אַן אנדער ביל! — האָט דער מאַן, צו וועל־כען מען האָט געבראַכט דעם ביל, געענטפערט — דיזער ביל איז ניט ריכטיג.

— עס איז יאָ ריכטיג! האָט דער קאָלעקטאָר געזאָגט — גיט אַ קוק אויפ׳ן מיטער.

— עס קען ניט זיין! — האָט דער מאַן געמאַכט געוואַלדען — איך האָב דיעזען מאָנאַט געיוזט דריי מאָל אַזוי פיעל גאַז, און עס קומט איך דריי מאָל אַזוי פיעל געלד.

— אָללראַיט, אָללראַיט! — האָט דער גאַז־קאָלעקטאָר, וועל־כער איז געוואָרען בלאַס ווי קרייד, אַ צושראָקענער געמורמלען, און איז שנעל אַראָבגעלאָפען אין גאַס און האָט טעלע־פאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס פון בעלוויו האָספּיטאַל.

טרעפּט וואו איז געווען זיין היים.

אַ גוטע אַלטיטשקע: — ווי איך זעה, האָט איהר שוין אין אייער לעבען געהאַט בעסערע צייטען, יונגערמאַן.

יונגערמאַן: — אַ, יעס! איך האָב שוין געוואוינט אין אַ הויז מיט מאַרמאָרנע טרעפּ, וואו מען האָט מיך אָבגעהירט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

די גוטע אַלטיטשקע: — און איהר האָט עס נעבעך פער־לוירען?

יונגערמאַן: — פערלוירען? חלילה! מיין טערמין האָט זיך געענדיגט, האָב איך געמוזט געהן...

קלמן: — פון וואנען איז געדרונגען, אַז קרח איז געווען אַ קלוגער?

זלמן: — ווייל עס שטעהט: „ויקח קרח“, ער האָט נור גענומען.

וואָרום ער זאָגט איהר ניט.

אָפּעראַ־בעזוכער: — וואָרום זאָגט איהר ניט אייער פּרימאַ־דאָנאַ, אַז זי גרילצט די לעצטע צייט אין די אויערען?

מענעדזשער: — ווען זי דאַרף מיר וואָס זאָגען, זאָגט זי עס זינגענדיג, און איך האָב מיט איהר אַ קאָנטראַקט, אַז פאַר יעדע נאָט וואָס זי זינגט דאַרף איך איהר געבען אַ דאָלאַר.

אריינגעזאָגט.

יונגערמאַן (צו אַ מיידעל וואָס טראָגט אַ הוט אויסגעפּוצט מיט בלומען און גראָזען): — קענט איהר מיר זאָגען, מיין פריילין, פאַרוואָס איהר טראָגט יעצט אַזוי פיעל גראָז אויף אייער הוט?

מיידעל: — כדי צוצוציהען די אָקסען...

ער ווייסט.

די לעהרערין (מיט כעס): ווייסטו וואָס עס ווערט פון אַזעלכע אינגלעך ווי דו, וואָס לויפען אוועק אין מיטען שפּיעלען באָל?

דער שילער: גוטע באָלל־שפּיעלער.

צו וואָס זיין שטימע איז גוט.

דער זינגער (צום פּראָפעסאָר פון מוזיק): — דענקט איהר, אַז איך וועל קענען געברויכען מיין שטימע?

פּראָפעסאָר: — אָ, געוויס! צום ביישפּיעל אין פאַל פון אַ פייער — קענט איהר מאַכען אַ גרויסען געוואַלד!...

איינער, אַ ישיבה־בחור, האָט אַמאָל געזאָגט: איז דאָס ניט אַ שאַנדע, אַז דער מענש, דער בחיר היצורים, דאָס קליגסטע בעשעפעניש אין דער וועלט, די קרוין פון דער נאַטור זאָל דאַרפען אָבשטעהן אַ גאַנצען טאָג אין בית־המדרש ביים הייסען אויווען און זיך קראַצען?..

קלמן און זלמן.

קלמן: — זאָג מיר נור, זלמן, פאַר וואָס שטעהט אין די עשרת הדברות איין „לא תגנוב“ בלשון יחיד און איין מאָל „לא תגנבו“ בלשון רבים?

זלמן: — דאָס האָט מען אָנגעזאָגט צו צוויי קלאַסען מענשען: צום גראָבען יונג, דעם גנב, זאָגט מען: הער נור אויס, דו הולטאַי, לא תגנוב! און צו פרומע אידען מיט לאַנגע בערד און פאות זאָגט מען: איהר זיינט טאַקע זעהר פיינע אידען, נור, במחילת כבודכם, „לא תגנבו“, רוקט זיך ניט אין די קעשענעס!

קלמן: — ווי געהט עס, זלמן?

זלמן: — שלעכט, ברודער! מיין ווייב איז נאָך קראַנק, שוין באַלד אַ יאהר! און ווי געהט עס מיט דיר?

קלמן: — נאָך ערגער, ברודער, מיין צרה איז נאָך געזונד שוין באַלד צוויי יאהר.

קלמן: — וואָס גלייכסטו בעסער, דעם טאָג אָדער די נאַכט?

זלמן: — ביידע ניט.

קלמן: — פאַר וואָס?

זלמן: — ווייל מיינע דריי טוידען — בייטאָג עסען זיי און ביינאַכט וואַקסען זיי.

קלמן: — וואָס האָט דיין פרוי געבוירען?

זלמן: — זי האָט מפיל געווען.

קלמן: — קען איך זעהן דאָס נופל'ע?

זלמן: — ניין.

קלמן: — פאַרוואָס?

זלמן: — ווייל פאַר קיין נאַר טאָר מען קיין האַלבע ארבייט ניט ווייזען.

שלום עליכם

געביטען מיט די יוצרות

— אָט וועל איך אייך, הערט איהר, דערצעהלען אַ שעהנס, ווי אַזוי איך, משה־נחמן פון קענעלע, אָהן אַ שום פּראַוואָזשיטעלסטווע, האָב אָבגעטהאָן פּאָניע׳ן אַ שפּיצעל, אָבער אַ שפּיצעל כאַ־כאַ, זיי וועלען מיך האָבען צו גערענקען! אָט גיט מיר נור עטליכע מינוט צייט, וועט איהר הערען, וואָס אַ איד קען.

ויהי היום, קום איך מיר צופאָהרען איין מאָל אין יעהופּעץ. וואָס פאָהרט אַזאַ איד ווי איך, יעדנאָ סדרוגים מיט אַ הוסט און מיט אַ זאַדישקע, קיין יעהופּעץ? געוועהנטליך צום פּראָפּעסאָר. איך בין מיט מיין זאַדישקע אַן אָפּטער גאַסט אין יעהופּעץ, אפילו ניט אַזאַנ׳ אָנגעלעגטער גאַסט, וואָרום ווי טאָר איך, משה־נחמן פון קענעלע, זיין אין יעהופּעץ, אַז איך האָב ניט קיין שום „פּראַוואָזשיטעלסטווע“? בעהאַלט מען זיך. מוטשעט מען זיך. קומט מען אין דער פריה און ביינאַכט אַנטלויפט מען. אַ־ניט כאַפּט מען אַ „פּראָבאָדנאָיע“ און מען קומט נאָך אַמאָל. אַבי ניט געהן „פּאָע־טאַפּאַם“. איך זאָל, הערט איהר, חלילה דאַרפען געהן „פּאָעטאַפּאַם“, ווייס איך ניט אויב איך וואָלט דאָס גאָר אויסגעהאַלטען. איך וואָלט זיכער דריי מאָל געשטאָרבען פאַר בושה אַליין. וואָרום ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך, דאַנקען גאָט, אַ שטיקעל בעל־הבית ביי אונז אין קענעלע מיט אַ „אימושטשעסטווע“: אַ דירה אַן אייגענע, מיט אַ בהמה׳לע, און מיט טעכטער צוויי, איינע אַן אויסגעגעבענע און די אַנדערע אויף חתונה צו מאַכען. וואָס איז שייך?

הכלל, קום איך צופאָהרען קיין יעהופּעץ צום פּראָפּעסאָר. איצטיג׳ם מאָל ניט צום פּראָפּעסאָר, נאָר צו די פּ ר אָ פּ ע ס אָ ר ע ן. דאָס הייסט אויף אַ „קאָנסולים“ פון גאַנצע דריי פּראָפּעסאָרען הייסט עס. איך האָב געוואָלט, פערשטעהט איהר מיך, איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערגעהן מיט זיי אַ טאָלק, וואָס בין איך — מילכיג צי פליישיג? אַז ביי מיר איז אַ זאַדישקע — דאָס זיינען זיי

הייסט עס אַלע מודה. נאָר וואָס מען טהוט צו דער זאַדישקע איך זאָל פון איהר פּטור ווערען — דאָס איז שוין, זעהט איהר, עפּעס אַנדערש. זיי מוטשען זיך נעבעך. זיי פּרובען זיך. געהן, ווי זאָגט איהר, האַרט ביי די ווענט. למשל, איך קום צו געהן צו מיין אַלטען פּראָפעסאָר, סטריצעל הייסט ער, אַ דימענט פון אַ מענשען, נעהמט ער און פערשרייבט מיר אַ רעצעפּט „קאָדעיני סאַכאַרי פּולווערעטי", קאָסט דאָס ניט טהייער און ס'איז זיסלעך אויפ'ן טעם. קום איך צו אַן אַנדער פּראָפעסאָר, געהט ער און פערשרייבט מיר „טינקטורא אָפּיע", טראָפּען אַזעלכע, האָבען זיי אַ טעם פון חלשות. קום איך צום דריטען פּראָפעסאָר. פערשרייבט ער מיר אויך טראָפּען, האָבען זיי כמעט דעם אייגענעם טעם, נאָר הייסען זיי ניט „טינקטורא אָפּיע", נאָר „טינקטורא טאַבאַיקאַ". זיינט איהר שוין פאַרטיג? קום איך צו אַ פרישען פּראָפעסאָר, נעהמט ער און פערשרייבט מיר גאָר אַ מין ביטערניש מיט'ן נאָמען „מאָרפיום אקווא אַמיגדאַלאַריום". וואָס? איהר חידוש'ט זיך וואָס איך קען לעטיין? איך קען אַזוי לעטיין ווי איהר קענט ענגעלש, נאָר אַז מען האָט אַ הוסט מיט אַ זאַדישקע יעדנאָ סדרוגים, קאָן מען זיך שוין אויסלערנען לעטיין אויך.

הכלל בין איך געקומען קיין יעהופּעץ אויף אַ קאָנסולים. וואו שטעלט זיך אָב אַזאַ איד ווי איך, אַז ער קומט קיין יעהופּעץ? געוועהנטליך ניט אין קיין האָטעל און ניט אין קיין גאָסטינעץ. ערשטענס, רייסען זיי די הויט. און אַגב, ווי קאָן איך מיך אָבשטעלען אין אַ האָטעל, אַז איך האָב ניט קיין שום „פּראַוואָזשיטעלסטווע"? שטעל איך מיך אָב אַלע מאָל ביי מיינעם אַ שוואָגער. איך האָב מיין אייגענעם אַ שוואָגער אַ שלים־מזל, איז ער אַ איד אַ מלמד און אַן אָרימאַן איז ער, ווי זאָגט איהר, אין אַכטצעהן פּאָלעס, און אַ מטופּל מיט קינדער אויך. נאָר וואָס דען? גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער האָט „פּראַוואָזשיטעלסטווע" האָט ער, און דוקא אַ כשר'ע „פּראַוואָזשיטעלסטווע". ווי קומט צו איהם אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע"? — בראָצקי! ער איז אַ „סלוזשיטעל" ביי בראָצקי'ן. חלילה ניט קיין דירעקטאָר פון זאַוואָדען, נאָר ער איז אין בראָצקי'ס שול אונטען ביי די שניידערס אַ בעל קורא איז ער. אַ „דוכאָוונע

ליצאַ" אָדער ווי מען רופט עס דאָרטען אַן „אָבראַדטשיק" און ווי באַלד אַן „אָבראַדטשיק" אַזוי מעג ער שוין זיצען אויף דער מאַלאָ־וואַסילקאָווסקי, דאָרט וואו דער געוועזענער פּאָליציימייסטער איז אַמאָל געזעסען. זיצט ער, הייסט עס, אויף דער מאַלאָ־וואַסילקאָווסקי טאַקע ניט ווייט פון'ם געוועזענעם פּאָליציימייסטער, און מוטשעט זיך, קוים, קוים וואָס ער קומט דורך מיט'ן שטיקעל ברויט. דער גאַנצער אַרויסקוק זיינער הייסט עס איז אויף מיר. איך בין דער נגיד אין דער משפּחה. קום איך צופאָהרען קיין יעהופּעץ, האַלט איך ביי זיי סטאַנציע, עס איך ביי זיי אַ וואַרימעס, אַ וועטשערע, פּאָלגט מען מיך אַ גאַנג — יעדנאָ סדרוגים פּאַלט זיי אַריין אַמאָל אַ פּאָר קערבלעך, איז מען צופריעדען. איצטיגס מאָל אָבער איך קום צופאָהרען, איך זעה מיינע לייט זיינען חושך, געהען אַרום אָהן קעפּ. „וואָס איז די מעשה?" „ס'איז שלעכט". „דהיינו?" „אָבלאַ־וועס". „פּחע! איך האָב געמיינט, זאָג איך, מי יודע וואָס. אָבלאַ־וועס, דאָס איז דאָך, זאָג איך, מששת ימי בראשית".. „ניין, זאָגען זיי, אָבלאַוועס צו אָבלאַוועס איז ניט גלייך. איצט, זאָגען זיי, איז ניטאָ די נאַכט ס'זאָל ניט זיין קיין אָבלאַווע, און כאַפּט מען אַ אידען איז יהיה מי שיהיה, איינס—צוויי—דריי מיט'ן עטאַפּ". „נו, און געלד?" „בלאָטע!" „אַ קערבעל?" „בלאַ!" „אַ דרייער־רעל?" „אַפילו ניט אַ מיליאָן!" „אויב אַזוי, זאָג איך, איז דאָך טאַקע גוט פּאַסקודנע." „פּאַסקודנע צו פּאַסקודנע, זאָגען זיי, איז ניט גלייך. קודם, זאָגען זיי, איז שטראָף, און נאָכדעם ערשט מיט'ן עטאַפּ. היינט דער סקאַנדאַל פאַר בראָצקי'ן!" „מילא, זאָג איך, בראָצקי היינט, בראָצקי מאָרגען. איך קאָן, זאָג איך, צוליעב בראָצקי'ן, זאָג איך, מיט מיין געזונד ניט שפּעקולירען. איך בין געקומען, זאָג איך, אויף אַ קאָנסולים מיט פּראָפּעסאָרען, קאָן איך צוריק, זאָג איך, מיט ליידיגע הענד ניט ענטלויפען." הכלל, טענות אהין, טענות אַהער — דער טאָג שטעהט ניט. מען דאַרף לויפען צו די פּראָפּעסאָרען מכח אַ קאָנסולים. נאָר ווער מיר קאָנסולים? וואָס מיר קאָנסולים? אַז דער פּראָפּעסאָר קען קומען ערשט מיטוואָך פאַר האַלבען טאָג, און דער מאָנטאג נאָך האַלבען טאָג, און יענער נישט פריהער ווי איבעראַכטאָג דאָנערשטאַג, היינט געה! אַ מעשה

אויף דריי וואָכען! דערווייל ווערט נאַכט. עסט מען וועטשערע און מען לעגט זיך שלאָפען. איך ווער נאָר וואָס אַנטשלאָפען, איך הער: ט—ראַך—טאַרעראַך! איך רייס אויף די אויגען: „ווער איז?" „מיר זיינען פערפאַלען!" זאָגט צו מיר דער שוואָגער מיינער, דער שלים־מזל, שטעהט איבער מיר אַ טוידטער מענש און טרייסעלט זיך ווי אַ הושענא. „וואָס טהוט מען, זאָג איך, איצטער?" „אדרבה, זאָגט ער, זאָג דו וואָס טהוט מען?" „וואָס, זאָג איך, זאָל מען טהאָן, זאָג איך, ס'איז ביטער". „ביטער צו ביטער, זאָגט ער, איז ניט גלייך. ס'איז, זאָגט ער, ביטער אַזוי ווי גאַל." און דאָרטען ביי דער טהיר: טראַך—טאַרעראַך! טראַך—טאַרעראַך! די קליינע קינדער נעבעך האָבען זיך אויך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלד, מיט אַ געוויין: „מאַמע!" שטיקט זי זיי, די מוטער הייסט עס, און ווערגט זיי, ס'זאָל זיין שטיל. אַ שעהנע חתונה! פאַלט מיר אריין פּלוצים אַ קאָמבינאַציע אין קאָפּ און איך רוף מיך אָן צו מיין שוואָגער: „שאַ, זאָג איך, ווייסטו וואָס, דוד? זיי דו איך און איך וועל זיין דו." קוקט ער אויף מיר ווי אַ לעמעשקע: „וואָס הייסט?" „דאָס הייסט, זאָג איך, מיר וועלען זיך בייטען מיט די יוצרות. דו וועסט מיר געבען דיין פּאַס, וועסטו זיין משה נחמן און איך וועל זיין דוד. וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט?" אַ טומפּעקער מוח! קוקט אויף מיר ווי אַ זינדיגער מענש, פערשטעהט ניט וואָס מען רעדט צו איהם. „בהמה, זאָג איך, וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט? דאַכט זיך, אַ פּראָסטע קאָמבינאַציע, זאָג איך. אַ מינדסט קינד קען עס פערשטעהן. דו וועסט זיי ווייזען מיין פּאַס און איך וועל זיי ווייזען דיין פּאַס. וואָס זשע וועט זיין? וועט מען דיך צונעהמען און מיך ניט. וועל איך מיר אי'ה גאַנץ פריה, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך זיך אויפהויבען און אַוועקפאָהרען קיין קענעלע. אַי וואָס וועט זיין מיט דיר? איך וועל דיר איבערלאָזען דיין פּאַס, ביזטו שוין ווידער אוים משה נחמן און ווידער דער אייגענער דוד וואָס געוועזן. אַי וואו איז משה־נחמן? געהט און זוכט איהם. האָסטו צעקייעט? מען דאַרף עס דיר לעגען אין מויל אריין?

דאַנקען גאָט, קוים מיט צרות, מיט לייד, ער האָט צוקייעט און מיר האָבען גענומען זיך בייטען מיט די יוצרות, איך איהם

מיין פּאָס, ער מיר זיין פּאָס, און דאָרטען די טהיר ווערט שיער ניט צושפּרונגען: „טראַך—טאַראַראַך! טראַך—טאַרע־ראַך!“ „סייטשאַס! זאָג איך. וואָס האָט איהר אַזוי קיין צייט ניט? דער טייך ברענט ניט!“ זאָג איך, און צו מיין שוואָגער רוף איך מיך אָן: „גערענק־זשע, דוד, דו הייסט שוין ניט מעהר דוד, נור משה־נחמן“... און איך לאָז מיך צו דער טהיר — ברוך הבא געסט! אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, יוצר משרתים ואשר משרתיו, ווי זאָגט איהר, אַ גדולה, פרעהליך אין שטעדטעל!

ס׳פערשטעהט זיך, אַז קודם האָט מען זיך געגעבען אַ נעהם צו מיין שוואָגער דעם שלים־מזל. וואָס עפּעס צו איהם? ווייל איך האָב מיך געהאַלטען, פערשטעהט איהר מיך, מעשה מענש, ווי זאָגט איהר, אַ קניפּ אין באַק די פּאַרב זאָל שטעהן. און ער — אַ שעהנערען לעגט מען אין דער ערד אריין. האָט מען איהם אַ כאַפּ געטהאָן: „אַטקודאַוואַ“? ניטאָ קיין לשון. שטעל איך מיך ארוים פאַר׳ן מליץ יושר און מאַך צו איהם: יהודי בלא, וואָס שווייגסטו? דבר זיי, אַז דו ביזט משה־נחמן פון קענעלע“. און צו זיי טהו איך מיך אַ וואַרף מיט תחנונים: „אַזוי און אַזוי, וואַשע וויסאָקאָ פּראַ־וואָזשיטעלסטוואָ, זאָג איך, ס׳איז מיינער אַן אָרימער קרוב, נעבעך, שוין לאַנג ניט געזעהן זיך, זאָג איך, אויף איין נאַכט, געקומען צו מיר פון קענעלע, זאָג איך, אויף איין נאַכט, זאָג איך, פאָהרט אוועק אם ירצה השם מאָרגען כאור הבוקר צוריק קיין קענעלע“... און אינווייניג אין הארצען שטיקט מיך, איך ווער שיער ניט צושפּרונגען פאַר געלעכטער, כאַ־כאַ! איהר פערשטעהט? איך, משה־נחמן פון קענעלע, בעט רחמים פאַר משה־נחמן׳ען, הייסט עס, פאַר מיר אַליין טאַקע, כאַ־כאַ! איז אָבער די צרה וואָס מיין ריידען מיט מיינע בקשות האָבען געהאָלפען ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שנעע. און מען האָט מיין בחור אויפגעכאַפּט, ווי דער רוח דעם מלמד. און מען האָט איהם אָבגעפיהרט אין חד־גדיא אריין מיט׳ן גאַנצען קנאַק, ווי גאָט האָט געבאָטען. און מיך האָט מען אויך געוואָלט צונעהמען. דאָס הייסט, מען האָט שוין טאַקע געהאַט מיך צוגענומען, מען האָט מיך אָבער באַלד ארויסגעלאָזט. וואָרום וואָס הער איך זיי, איך בעט אייך זעהר? אַ מענש מיט אַ „פּראַוואָזשי־

טעלסטווע" שוואַרץ אויף ווייס. בפירוש פערשריעבען אין בראָצקי'ס שול ביי די שניידערם און „אָבראַדטשיק"... „כאָראָשאָ, זאָגען זיי צו מיר, גאָספּאָדין אָבראַדטשיק, דו געה דיר דערווייל אַהיים עסען קוגעל. מיר וועלען דיר שוין בעווייזען ווי אַזוי צו האַלטען ביי זיך קאָטראַבאַנדאַ אויף דער מאַלאָוואַסילקאָווסקי!" אָט האָסטו דיר מיט אַ פּרישען קוילעטש, הייסט עס, אין פּנים אריין, כאַ־כאַ...

זאָל איך אייך דערצעהלען ווייטער? מילא פון קאָנסולים איז דאָך שוין אָבגערעדט. ווער האָט אין זינען געהאַט אַ קאָנסולים, אַז מען האָט גאָר בעדאַרפט ראַטעווען דעם שוואָגער. פון וואָס מיינט איהר ראַטעווען? פון עטאַפּ? חלילה! דאָס האָט ניט געהאָלפען. מיט'ן עטאַפּ איז ער געגאַנגען. נאָך אַ מין געהן, מיט אַלע גנבים... איידער מיר האָבען איהם דערלעבט זעהן אין קענעלע, זיינען מיר, הערט איהר, שיער די אויגען אַרויסגעקראָכען. און אַז מען האָט איהם שוין קוים אַמאָל געבראַכט צו פיהרען קיין קענעלע, דעם שלים־מזל, האָט ער ערשט געהאַט אויף זיך אַ נייעם אונגליק. אַ פרעמדען פּאַס מיט אַ פרעמדען נאָמען. פרעגט ניט. איך האָב מיט איהם געהאַט צו זינגען און צו זאָגען. לאָם איך עם פערדיענען, הערט איהר, אַלע דריי חדשים וואָס עס האָט געקאָסט אַחוץ וואָס איך האָב אויף זיך אַ פּעקעל, איך מוז איהם אויסהאַלטען מיט ווייב און קינדער. וואָרום ער טענה'ט, אַז איך האָב איהם אונגליקליך געמאַכט, טענה'ט ער. ער זאָגט, אַז איבער מיר האָט ער אָנגעוואָרען אַזאַ כשר'ע „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ". און עס קען זיין, אַז ער איז אפשר ניט אין גאַנצען אומגערעכט אויך. דער עיקר איז אָבער, כאַ־כאַ, נישט דאָס. דער עיקר איז דער איינפאַל, די קאָמבינאַציע. איהר פערשטעהט? דאַכט זיך וואָס? אַ אידעל פון קענעלע מיט אַ הוסט און אַ זאַדישקע, יעדנאָ סדרוגים, און אָהן שום „פּראַוואָזשיטעל־סטווע", אַ־יאָ? פון דעסטוועגען, אַז מען דאַרף קומט ער זיך צופּאָה־רען קיין יעהופּעץ, שטעלט זיך אָב אויף מאַלאָוואַסילקאָווסקי ניט ווייט פון געוועזענעם פּאָליצמייסטער און, ווי זאָגט איהר, רוף מיך קנאַקניסעל!...

איטאַליאַ

וואָס איז אַזעלכעס „איטאַליאַ“ — זאָלט איהר מיך ניט פרעגען. אַזוי ווי איך האָב פון דעם קיינמאָל ניט געוואוסט, אַזוי זאָלט איהר דערפון ניט וויסען. און הלואי וואָלט איך אויך דערפון ניט געוואוסט. קורץ, איהר ווילט וויסען וואָס הייסט „איטאַליאַ“? מיט וואָס עסט מען דאָס? — וועל איך אייך זאָגען אין דריי ווערטער: „זשיד דאַוואַי הראָשי!“ איטאַליאַ — דאָס איז אַזאַ מין ערטעל, וואָס דאָקטוירים האָבען אויסגעטראַכט אויף צו פּרעסען געלד ביים עולם. דער הימעל איז דער אייגענער הימעל, וואָס ביי אונז. די זון איז אויך די זעלביגע. נאָר דער ים דאָקוטשעט סכנות! ער רוישט, וואַרפט זיך, דולט אַ ספּאָדיק — און איהר האַלט אין איין צאָהלען געלד. פאַר וואָס געלד? פאַר גאָר ניט. גאָלע גאָרנישט. אָט דערפאַר וואָס דו ביזט אַזאַ בהמה און האָסט זיך געלאָזען איינרעדן „איטאַליאַ“ — צאָהל געלד. און איהר צאָהלט. וואָרים אדרבה, זייט אַ בריה און צאָהלט ניט. איהר מיינט מען קריעגט זיך מיט אייך? זידלערייען? בזיונות? חלילה! דוקא מיט גוטען. קושענדיג נעהמט מען ביי אייך אַרויס די נשמה. איין מעלה האָט יאָ דאָס דאָזיגע „איטאַליאַ“ — דעם אמת קען מען ניט אָבלייקענען — ס'איז דאָרטען וואַרים. און אַז ס'איז וואַרים, זאָגט מען, הוסט זיך וויניציגער. און וואַרים איז דאָרט שטענדיג, אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר. סיי זומער סיי ווינטער. איהר מיינט וואָס איז דער שכל? אַ פּראָסטער שכל: די זון וואַרימט איז וואַרים. בכן איז וואָס? אַז מען הייצט גוט אויס, איז אויך ניט קאַלט. זאָגען זיי אָבער „לופט“. אמת די לופט איז ניט קיין שלעכטע לופט. סע שמעקט ניט שלעכט. ווי מיט בשמים. ניט די לופט שמעקט, די מאַראַנצען שמעקען. עס וואַקסען דאָרט מאַראַנצען. ווייס איך ניט צי מען דאַרף פאָהרען צוליעב דעם אַזש אַהין. לופט איז דאַכט זיך פאַראַן אומעדום און מאַראַנצען קען מען קויפען ביי אונז אויך. זאָגען אָבער די דאָקטוי־

רים, אַז לופט צו לופט איז ניט גלייך. די לופט, זאָגען זיי, וואָס שמעקט מיט בשמים, היילט. אַזוי זאָגען זיי, די דאָקטוירים הייסט עס. נאָר מאַלע וואָס דאָקטוירים זאָגען. למאי זיי זאָגען אַז דער ים ציהט אַרויס אַלע שלאַפקייטען. איך וועל אייך ניט זאָגען: אפשר ציהט ער ביי אימיצען אַרויס שלאַפקייטען. ביי מיר ווייס איך אַז ער האָט אַרויסגעצויגען וואו איך האָב געהאַט ערגעץ אַ גראָשען, אַט דער דאָזיגער ים! און ניט אַזוי דער ים, ווי די דאָקטוירים. מיר האָט גאָט צוגעשיקט אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — גו־נו! דאָס הייסט אַזוי איז ער אפילו אַ גאַנץ ליעבליכער מענש, דוקא אַ איד. און נאָך וואָס'ער אַ איד! רעדט אידיש, ווי איך מיט אייך, און אַזוי זיס, אַזוי קוגעלדיג, שטרודעלדיג, צימעסדיג — גאָר אַ מחיה. נאָר געלד קען ער צאַפּען, אוי צאַפּט דאָס! מאָלט אייך וואָס ביי מיר וועט מען שוין אָנצאַפּען! געטראָפען דאָס אָרט! איך האָב מיך מישב געווען, הערט איהר, און האָב מיך געלאָזט פיהרען ביז דער לעצטער מינוט. איך האָב באַלד אַרויסגעזעהן, מיט וועמען איך האָב צו טהאָן .נאָר איך האָב מיך געמאַכט ניט וויסענדיג, ווילסט צאַפּען — צאַפּ. תחילת הערט ער מיך אויס, פרעגט מיך אויס, טאַפּט מיך אויס, מיט העמערלעך און מיט קלעפּערלעך, מיט טרייב־לעך און מיט רעהרלעך, און הייסט מיר קומען מאָרגען. פרעג איך איהם: „האָט קיין פּעראיבעל ניט, הערר דאָקטאָר, איך ווייס ניט היגע מנהגים, וואָס וועט א י י ך קומען פאַר'ן וויזיט?“ קוקט ער אויף מיר דורך די ברילען, האַלט די הענד אין די קעשענעס און מאַכט צו מיר: „דאָס וועט זיין שפּעטער...“ טראַכט איך מיר: „גע'פּועל'ט. ווילסט שפּעטער, איז שפּעטער...“ איך קום צוגעהן מאָרגען — ווידער אַמאָל דאָס אייגענע — אויסגעהערט, אויסגע־טאַפּט און אויסגעקלאַפּט — און הייסט מיר קומען איבער־מאָרגען, וועט ער מיר אַריינשפּריצען. פרעג איך איהם: „האָט קיין פּער־איבעל ניט, הערר דאָקטאָר, וואָס קומט אייך?“ זאָגט ער: „שפּע־טער“. שפּעטער איז שפּעטער. קום איך צוגעהן איבער־מאָרגען, שפּריצט ער מיר אַריין און הייסט מיר קומען מאָרגען, וועט ער מיר מאַכען מאַסאַזש. קום איך צוגעהן מאָרגען, ער זאָל מיר מאַכען מאַסאַזש, מאַכט ער מיר מאַסאַזש, דאָס הייסט ער רייבט מיר איין

דאָס נעכטיגע איינשפּריצעכץ. אַזוי דאַרף מען פֿערשטעהן. און הייסט מיר קומען מאָרגען, וועט ער מיר ווידער אַמאָל אַריינ־שפּריצען. פֿרעג איך איהם: „וואָס קומט אייך?“ זאָגט ער: „שפּעטער“. שפּעטער איז שפּעטער. און אַזוי אַ טאָג איבער אַ טאָג, אַלע מאָל די אייגענע חכמה: איין טאָג אַריינגעשפּריצט, דעם אַנדע־רען טאָג איינגעריבען דאָס אַריינשפּריצעכץ. איז מיר באַלד ניט געפֿעלען דער שווינדעל. ממה נפשך, ווילסטו מיך שמייסען מיט צוויי ריטער — שמייס. צו וואָס דאַרפֿסטו נאָך ציהען? וואו שטעהט דאָס אַז אויף אַריינשפּריצען דאַרף מען אַ בעזונדערען טאָג? — דאַכט זיך מיר אַז ס'איז גליכער ביידע זאַכען אינאיינעם. דער שכל איז דאָך מתחייב: אָט האָב איך דיר אַריינגעשפּריצט, אָט האָב איך עס דיר איינגעריבען. אלא וואָס דען? צערעמאָניע? דאַרפֿען מיר לערנען דעם פּשט אַז דו ווילסט צאַפּען? צאַפּ! אי אפשר צאַפּט זיך גאָרנישט? טאָמער איז ניטאָ פֿון וואַנען? דו קאָנסט מיך? דו ווייסט מיך? ביזט געוועזן ביי מיר אין קעשענע? האָסט געצעהלט מיין געלד?

כך הוה, ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ חודש, שיקט ער מיר אַריין דורך דער פּאָסט אַ רעכענונג. איז מיר פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען. פֿאַר יעדער איינשפּריצעכטס הייסט ער זיך בעצאָהלען 10 פֿראַנקען. (דאָרט צאָהלען זיי געלד אויף די פֿראַנקען). און פֿאַר יעדען איינרייבען דאָס איינשפּריצעכטס פֿינף פֿראַנקען. נישקשה פֿון אַ רעכענונג! פֿון אַזאַ מין קוראַציע קען מען טאַקע געהן אין גאָלד! האָב איך זיך מישב געוועזן — וואָס טהוט מען? דינגען זיך מיט איהם? — דאָס וועל איך צייט האָבען שפּעטער. אַז מאָהנען מאָהנט ער ניט, דער חכם, הײנט צו וואָס זאָל איך מיך כאַפּען? געה איך צו איהם, ווי איך בין געגאַנגען, אַ טאָג איבער אַ טאָג, און ער שפּריצט. איך געה און ער שפּריצט. און אָט אַזוי איז אַוועק דער ווינטער, אָקערשט ווי מען זעהט ניט איז פּסח. צייט קלעהרען מכח פֿאָהרען אַהיים. ובפֿרט אַז אין געזונד, דאַנק גאָט, פֿיהל איך מיך אויך נישקשה'דיג. מען קען זאָגען — למאי זאָל איך לייקענען? — הלואי ווייטער ניט ערגער, בעסער האָט קיין שיעור ניט. דאַרף מען, הייסט עס, אפֿנים זיך אָפּגעזעגענען מיט'ן קלוגען דאָקטאָר און אָפּ־

פאָהרען אהיים. קום איך צוגעהן צום דאָקטאָר: „אזוי און אזוי, הערר דאָקטאָר, איך פאָהר אהיים“. זאָגט ער: „געזונטערהייד“. זאָג איך: „נו? און מכח דעם רעכענונג? מען דארף דאָך צוצאָהלען זיך מיט אייך אויך, צי ניין?...“ קוקט ער אויף מיר דורך די ברילען, האַלט די הענד אין די קעשענעס, און מאכט צו מיר: „נו?“ ווי איי־נער רעדט: „אין וועמען איז דען די מניעה?“ רוף איך מיך אָן צו איהם: „האָט קיין פאראיבעל ניט, הערר דאָקטאָר, איידער מיר וועלען זיך צורעכענען, וואָלט איך אייך דערצעהלט פריהער א מעשה, אויב איהר האָט צייט“... מאכט ער צו מיר: „קיין צייט האָב איך ניט, נאָר אויב ניט קיין לאַנגע, דערצעהלט.“ זעץ איך זיך אוועק און דערצעהל איהם די מעשה:

„ווי איהר זעהט מיך,“ זאָג איך, „בין איך א איד, דאנקען גאָט, אזוי זיך. און קינדער, דאנקען גאָט, האָב איך אויך, פינף זאָלען גע־זונד זיין. פינף זיהן. זיינען פיער פון זיי דוקא וואוילע קינדער, געראָטענע, נאָר איינער, ניט פאַר אייך גערעדט — א דער רוח ווייסט וואָס. נישט געוואָלט לערנען — נישט א לעק. א שלעכט קינד. גע׳הרג׳עט, גע׳ממית׳ט. געוואָלט ארויסשלאָגען דעם עקשן — איז ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. א שלעכט קינד. וואָס טהוט מען? זאָגט צו מיר מיינע: „מאַך איהם פאַר א בעל מלאכה.“ „א בעל מלאכה? משוגע מיינע שונאים!“ „וואָס־זשע, אז דו ועסט איהם דער׳הרג׳ענען וועט זיין בעסער?“ אהין־אהער, איך זעה, זי איז גערעכט. געה איך און גיב איהם אָפּ צו א בעל־מלאכה, צום בעסטען שניידער, און בעדינג זיך מיט איהם אויף דריי יאָהר פאַר דריי הונדערטער: „נאַט אייך איהם, דעם תכשיט, און מאכט מיר איהם פאַר א בעל מלאכה...“ און איך האָב מיך צושריבען מיט׳ן דאָזיגען שניידער בפירוש, אז אין א משך פון דריי יאָהר דארף ער איהם מאַכען פאַר א פאַרטיגען בעל מלאכה און איך דארף איהם איינצאָהלען דערפאַר דריי הונדערטער, אלע יאָהר א הונדערטער. אוועקגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָהר — מיין שניידער איז געקומען, אָפּגענומען דעם ערשטען הונדערטער, זיך צושריבען. פיין. אוועק־געגאַנגען דאָס אַנדערע יאָהר, מיין שניידער איז געקומען, אָפּגענו־מען דעם אַנדערען הונדערטער, זיך צושריעבען. פיין. אוועקגע־

גאנגען דאָס דריטע יאָהר — מיין שניידער איז ניטאָ. איך ווארט א וואָך, איך ווארט צוויי — ניטאָ. וואָס איז די מעשה? געה איך אוועק צו מיין שניידער: „רב חיים, פאַר וואָס זיינט איהר ניט געקומען, זאָג איך, נאָכ'ן דריטען הונדערטער?" מאַכט ער צו מיר: „עס קומט מיר ניט". „וואָס איז דער שכל?" „דער שכל", זאָגט ער, „איז א פּראָסטער שכל. אונזער שניידעריי, זאָגט ער, בע־שטעהט פון דריי פּונקטען: א שניידער, זאָגט ער, דאַרף קענען ערשטענס די מלאכה. צווייטענס דאַרף ער, זאָגט ער, קע־נען ארונטערנעהמען א מאָל א שטיקעל „יתור", אז עס בלייבט אי־בער. ווילט איהר דאָס, זאָגט ער, אָנרופען „גנבה", רופט דאָס אָן ווי איהר ווילט. און דריטענס, זאָגט ער, דאַרף א שניידער קענען אויסטרינקען, נעהמען הייסט עס א מאָל אונטער א יום טוב א ביסעל בראנפען. איז אויף צוויי פּונקטען אייער זוהן, זאָגט ער, א פּאַרטיגער בעל מלאכה. דאָס הייסט, ער איז נישקשה פון א גנב; און מיט א ביסעל בראנפען וועט ער זיך, זאָגט ער, אויס־גלייכען מיט אלע שיכורים. נאָר א בעל מלאכה — דאָס, זאָגט ער, וועט ער ניט זיין ווייל ער וועט לעבען. היינט פאַר וואָס קומט מיר א הונדערטער?"

אויסגעהערט די מעשה מאַכט צו מיר דער דאָקטאָר: „אַקעגען וואָס־זשע, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רייד?..." „אַקעגען דעם, זאָג איך, וואָס אייער מלאכה, זאָג איך, דאָקטאָריע, הייסט עס, בעשטעהט, ווי יעדער מלאכה, אויך פון דריי פּונקטען: מען דאַרף זיין, ערשטענס, א גוטער דאָקטאָר. צווייטענס, דאַרף מען זיין א מענש מיט יושר. און דריטענס, זאָג איך, דאַרף א דאָקטאָר קענען מאַכען געלד. וועלכער פּונקט פון די ערשטע צוויי פּונקטען עס וועגט ביי אייך אריבער — דאָס, זאָג איך, ווייס איך ניט. נאָר וואָס פאַר א דאָקטאָר איהר זיינט, זאָג איך, אויף חשבונות מאַכען — אויף מיר אזא יאָהר. און איצטער, זאָג איך, אייער סחורה, מיין געלד, לאָמיר זיך דינגען..."

פערשטעהט זיך, אזוי פיעל מכות פּאַניען, וויפיעל איך האָב אָבגעריסען ביי איהם מעהר ווי צוויי דריטעל. נאָר, גלויבט מיר,

ס'איז דאָס אויך ניט ווערטה, ווארום איך זאָל גלאַט זיצען אין דער היים און גאָר ניט טהון, און דער קאָפּ זאָל ניט דרעהען, און דער מח זאָל ניט דארען, און ס'זאָל מיר זיין באַשערט, וואָלט איך סאַי ווי סאַי געזונד געוואָרען — היינט וואָס איז מיר איטאַליאַ?

אסתר

(דערצעהלט לכבוד פורים)

ניט קיין מעשה פון חדר, ניט פונ'ם רבי'ן און פון דער רבי'צין
וויל איך אייך דערצעהלען אט דא. איך האב אייך שוין פון דעם
גענוג דערצעהלט. אפשר וועט מיר זיין ערלויבט איצטיגס
מאל, לכבוד פורים, צו דערצעהלען אייך א
מעשה פונ'ם רבי'נס טאכטער אסתר.

א.

אויב אסתר המלכה פון דער מגילה איז געוועזן אזא יפת תואר ווי די אסתר, וואס איך געה אייך דערצעהלען דא, איז גאר קיין חידוש ניט וואס זי האט אזוי אויסגענומען ביים קעניג אחשורש. די אסתר וואס איך געה אייך דערצעהלען דא האט אויך אויס־גענומען ביי אלעמען. אלע האבען זי ליעב געהאט. אלע, אלע. אפילו איך. און אפילו מיין עלטערער ברודער מאטעל, כאטש ער איז שוין לאנג בר מצוה, און מען רעדט איהם שוין לאנג שידוכים, און ער טראגט שוין לאנג א זייגער מיט א קייטעל. (אויב איך האב קיין טעות ניט, האט זיך איהם שוין דעמאלט געשיט א בערדעל אויך). און אז מיין עלטערער ברודער מאטעל האט זי ליעב געהאט — פרעגט מיך. איך וועל אייך זאגען אקוראט. ער מיינט, איך וויים ניט אז דאס וואס ער געהט אלע שבת בייטאג אין חדר אריין, כלומרשט לערנען פרק מיט'ן רבי'ן, איז א נעכטיגער טאג. דער רבי כראפעט אויף וואס די וועלט שטעהט. די רביצין שמועסט מיט די ווייבער אין דרויסען אויף דער פריזבע. און מיר, חדר־אינגלעך, שפיעלען אין „מם שין היי“. און מאטעל מיט אסתר'קען קוקען מיט אויגען. ער אויף איהר און זי אויף איהם.

און אַ מאָל מאַכט זיך אַז מיר, חדר־אינגלעך, שפּיעלען גאָר אין „קוציבאַבע“. ווייסט איהר ניט וואָס דאָס הייסט „קוציבאַבע“? אָט וועל איך אייך זאָגען וואָס דאָס איז. מען נעהמט אייך און מען פערבינדט אייך די אויגען מיט אַ פּאַטשיילע. מען שטעלט אייך אוועק אין מיטען שטוב און אַלע דרעהען זיך אַרום אייך און מען זאָגט אייך: „גער־גער־גער, כאַפּ מיך!“

מאָטעל און אסתר שפּיעלען אויך מיט אונז. „קוציבאַבע“, זאָגען זיי, געפעלט זיי. איך ווייס פאַר וואָס עס געפעלט זיי. וואָרום אַז זיי שפּיעלען מיט אונז אין „קוציבאַבע“ האַלטען זיי אין איין יאָגען זיך און אין איין כאַפּען זיך. ער זי און זי איהם.

און נאָך אַ סך סמנים האָב איך, וואָס איך וואָלט געקענט דערצעהלען. נאָר איך בין ניט אַזעלכער...

איין מאָל האָב איך זיי געכאַפּט, ווי זיי האָבען זיך געהאַלטען ביי די הענד. ער זי און זי איהם. דוקא ניט שבת, דוקא אין אַ וואָכעדיגען טאָג. פאַר־נאַכטליך איז דאָס געווען. בין מנחה למעריב. ער איז כלומרשט געגאַנגען אין שוהל אַריין. פערבלאָנדזשעט צו אונז אין חדר. „וואו איז דער רבי?“ „דער רבי איז ניטאָ“. און ער גיט איהר די האַנד, אסתר'ן הייסט עס. שטעה איך און קוק. נעהמט זי צו איהר האַנד. גיט ער מיר אַ גראָשען איך זאָל קיינעם ניט דערצעהלען. זאָג איך — צוויי. גיט ער מיר צוויי. זאָג איך — דריי. גיט ער מיר דריי. איהר מיינט וואָס! ווען איך זאָל זאָגען פיער, וואָלט ער מיר געגעבען פיער, און פינף, און זעקס. נאָר איך בין ניט אַזעלכער...

נאָך איין מאָל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה... נאָר גענוג מעשות. לאָם איך אייך בעסער דערצעהלען די רעכטע מעשה, וואָס כ'האָב אייך צוגעזאָגט.

ב.

מיין ברודער מאָטעל, ווי כ'האָב אייך געזאָגט, איז שוין אַ גרויסער. אין חדר אַריין לערנען געהט ער שוין מעהר ניט. אין דער היים לערנען וויל ער אויך ניט. רופט איהם דערפאַר דער טאַטע „פּרא אדם“. קיין אַנדער נאָמען האָט ער ניט פאַר איהם,

נאָר „פּרא אדם“. קען דאָס די מאַמע ניט לײַדען: „וואָס פאַר אַ תנועה אַ בחור צו לײַטען, שױן באַלד אַ חתן, רופען פּרא אדם?“... זאָגט איהר דער טאַטע: „אַז ער איז פּאָרט אַ פּרא אדם?!“... קריעגען זײ זיך. איך װײס ניט װי אַזױ אַנדערע טאַטע־מאַמעס. מײַנע טאַטע־מאַמע האַלטען אין אײן קריעגען זיך. טאָג װי נאַכט, טאָג װי נאַכט נאָר מען קריעגט זיך. איך זאָל אײך דערצעהלען װי אַזױ מײַן טאַטע־מאַמע קריעגען זיך װאָלט איהר זיך האַלטען בײַ די זײַטען. נאָר איך בין ניט אַזעלכער...

הכלל לערענט שױן מײַן ברודער מאָטעל מעהר נישט אין חדר. פון דעסטװעגען פערגעסט ער ניט דעם רבין שיקען אַלע פּורים שלח מנות. פּאָרט געװען אַ מאָל אַ תלמיד. שיקט ער איהם אַ שעהנעם שיר געשריבען לשון קודש, מיט אַ מגן דוד אױסגעמאָהלט, מיט צװײ פּאַפּירענע קערבלעך אַ מתנה. מיט װעמען שיקט מען אַ רבין אַזאַ מין שלח מנות? פערשטעהט זיך מיט מיר. „נאַ דיר, — זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאָטעל — טראָג אָב דעם רבין שלח מנות, און אַז װעסט קומען צוריק װעל איך דיר געבען צעהן גראָשען.“ נאָר װאָס דען? איך װיל, זאָג איך, די מטבע באַלד. זאָגט מיר מײַן ברודער, אַז איך בין אַ שײגעץ. „עס קען זײַן אַז איך בין אַ שײגעץ, נאָר איך װיל זיך זעהן, זאָג איך, מיט געלד.“ װי מײנט איהר, װער האָט אױסגעפיהרט?

בעצאָהלט מיר די צוגעזאָגטע צעהן גראָשען, גיט ער מיר דעם רבינ׳ס שלח מנות, אַ פער׳חתמ׳עט בריװעל, און אַז איך האַלט שױן בײַם אַװעקגאַנג, רוקט ער מיר אַרײַן אין האַנד אַרײַן נאָך אַ בריװעל און מאַכט צו מיר שטיל און גיך: „און דאָס װעסט דו אָבגעבען אסתר׳ן...“ „אסתר׳ן?“ „אסתר׳ן“. אַנאַנדערער אױף מײַן אָרט װאָלט זיך געװױס הײסען בעצאָהלען פאַר אַזאַ זאַך צװײ מאָל אַזױ פיעל. נאָר איך בין ניט אַזעלכער...

ג.

„רבונו של עולם! —טראַכט איך מיר געהענדיג מיט׳ן שלח מנות— װאָס קען מײַן ברודער אַזעלכעס שרײַבען צו מײַן רבי׳נס טאָכטער? מען דאַרף אומיסנע אַ קוק טהון. מעהר ניט נור אַ קוק טהון. איך

וועל דאָך זיי דערמיט ניט אָבבייסען...״ און איך עפען אויף דאָס בריוועל, וואָס צו אסתר׳ן, און איך לייען איבער אַ גאַנצע מגילה. טאַקע מיט׳ן לשון פון דער מגילה. וועט איהר הערען. איך גיב אייך איבער וואָרט אין וואָרט:

„פון מרדכי׳ן צו אסתר׳ן.

איש — אַ מענש. יהודי — אַ בחור. היה — איז גע־וועזען. בשושן הבירה — ביי אונז אין שטעדטעל. ושמו מרדכי — און זיין נאָמען איז מרדכי. ויהי אומן — האָט ער ליעב געהאַט. את הדסה — דאָס הדס׳ל. היא אסתר — דאָס איז אסתר. והנערה — און דאָס מיידעל, יפת — איז אַ שעהנע, תואר — אַ קראַסאַוויצע. ותיטב הנערה — און דאָס מיידעל איז איהם געפעלען. לא הגידה אסתר — אסתר זאָגט ניט אויס, כי מרדכי צוה עליה — מאַטעל האָט איהר אָנגעזאָגט. ובכל יום ויום — אַלע טאָג, מרדכי מתהלך — געהט מרדכי פאַרביי, לדעת שלום אסתר — כאַפּען אַ קוק אויף אסתר׳ן. ובהגיע תור אסתר — און אַז עס וועט קומען די צייט פון אסתר׳ן, בת אביחיל — זי וועט דאַרפען חתונה האָבען, ותלקח אסתר — וועט ער נעהמען אסתר׳ן, וימליכה — און וועט מיט איהר געהן תחת ושתי — אונטער דער חופּה...״

וואָס זאָגט איהר אויף מיין ברודער ווי ער האָט דאָס אויס־געטייטשט די מגילה? איך וואָלט אַ בעלן געווען הערכען, וואָס וואָלט למשל דער רבי זאָגען אויף אַזאַ מין פּירוש? נאָר ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער? שאַ! ס׳איז דאַ אַן עצה, ווי איך בין אַ איד! איך וועל איבערדרעהען די יוצרות: דעם רבינ׳ס שיר וועל איך אַוועקגעבען אסתר׳ן, און אסתר׳ס מגילה וועל איך אַוועקגעבען דעם רבין. לאָז ער זיך קוויקען. אי ס׳וועט נאָכדעם ווערען אַ חתונה? וואָס בין איך שולדיג? טרעפט זיך דען ניט אַ מענש האָט אַ מאָל אַ טעות? למאי דער בריעפטרעגער פון דער פּאָסט מאַכט זיך דען ניט אַז ער גיט ניט אָב קיין בריעף? ביי מיר וועט זיך אַזאַ זאַך קיין מאָל ניט טרעפען. איך בין ניט אַזעלכער...

ד.

— אַ גוט יום טוב אייך, רבי! — פאַל איך אַריין אין חדר מיט אַן אימפּעט, אַז דער רבי טהוט זיך אַזש אַ וואָרף — מיין ברודער האָט אייך געשיקט שלח מנות און געווינשעוועט אייך איהר זאָלט דערלעבען איבער אַ יאהר!

און איך געה און גיב אַוועק דעם רבי'ן די מגילה. מיין רבי עפענט אויף די מגילה, קוקט און טאַפּט און זוכט און דרעהט די מגילה אויף אַלע זייטען. הפּנים ער זוכט עפּעס נאָך. „זוך, זוך, רבי — טראַכט איך מיר — וועסט דאָרט עפּעס געפינען...“

און מיין רבי טהוט אָן די זילבערנע ברילען, לייענט דורך די מגילה און — איהר זאָלט זאָגען, אַז ער זאָל זיך אפילו פערקרימען. נאָר אַ זיפץ געטהאָן, ניט מעהר. נאָכדעם מאַכט ער צו מיר: „וואַרט אוים, אָט וועל איך אָנשרייבען אַ פּאָר ווערטער.“ און ער נעהמט אַ טינט און פּען און זעצט זיך אַוועק שרייבען „אַ פּאָר ווערטער“... איך טהו מיך דערוויילע אַ דרעה אַרום איבער'ן חדר, נעהם ביי דער רביצין אַ לעקעכעל מיט אַ פלעדעל און בני ביה, אַז קיינער זעהט ניט, טהו איך אַ גיב איבער אסתר'ן אין האַנד אַריין דעם רבינ'ס שיר מיט'ן שלוח מנות. ווערט זי רויטליך, בעהאַלט זיך אין אַ ווינקעלע, עפענט אויף פּאַוואָלינקע דאָס בריוועל און ווערט אָנגעצונדען ווי אַ ליכט, און די אויגען ברענען — סכנות נפשות! „הפּנים ניט צופריעדען מיט'ן שלוח מנות“ — טראַכט איך זיך און געה צו צום רבין. גיט ער מיר די „פּאָר ווערטער“, וואָס ער האָט אָנגעשריבען.

— אַ גוטען יום טוב אייך, רבי! — זאָג איך מיט'ן אייגענעם אימפּעט וואָס ביים אַריינקומען — דערלעבט איבער אַ יאהר! — און איך לאָז מיך אַהיים.

שוין אַז איך בין געוועזן אויף יענער זייט טהיר, לויפט מיר נאָך אסתר מיט רויטע פערוויינטע אויגען:

„נאַ — זאָגט זי מיר מיט כעס — אָט דאָס וועסטו אָבגעבען דיין ברודער!“

אויפ׳ן וועג עפּען איך אויף דעם רבינ׳ס בריעף, דער רבי איז בילכער, שטעהט דאָרט אַזוי:

„מיין ליעבער און געטרייער תלמיד מרדכי נ״י! איך דאַנק דיר פיעל מאָל פאַר׳ן שלח מנות וואָס דו האָסט מיר אַריינגעשיקט. פאַר־אַ־יאָהרען האָסטו מיר אַריינגעשיקט שלח מנות, טאַקע שלח מנות ממש... היינטיגס יאהר האָסט דו מיר אַריינגעשיקט אַ נייעם פּירוש אויף דער מגילה. דאַנק איך דיר פאַר דער מגילה. איך דאַרף דיר אָבער זאָגען, מאָטעל, אַז דער

פּירוש דיינער הויבט מיר ניט אָן צו געפעלען. ראשית איז שושן הבירה „די הויפּט־שטאָדט״, ניט ווי דו זאָגסט „אונזער שטעדטעל״. והשנית וואָלט איך וועלען וויסען, וואו שטעהט דאָס, אַז מרדכי איז געוועזן אַ בחור? און פאַר וואָס רופסט דו איהם אַ מאָל מרדכי און אַ מאָל מאָטעל? און פון וואַנען האָסט דו דאָס גענומען אַז „אומן״ איז די טייטש „ליעב געהאַט״? אומן איז די טייטש ערצויגען, פונ׳ם וואָרט „אומן פּדגוג״. און וואָס דו טייטשסט: וימליכה תחת ושתי — געהן אונטער דער חופּה — קומט דאָס שוין אוים גלאַט ווילד אָהן אַ שום טעם. ערשטענס געהט דער „וימליכה״ אויף אחשורש׳ן, ניט אויף מרדכי׳ן. און צווייטענס איז אין ערגעץ ניט דערמאָהנט אין דער מגילה, אַז אחשורש זאָל האָבען געגאַנגען מיט אסתר׳ן צו דער חופּה. אַ קונץ נעהמען אַ פּסוק און פערדרעהען איהם משוגענערווייז? יעדער פּירוש דאַרף זיין מיט אַ גאַנג. פאַר־אַ־יאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען האָסט דו מיר אַריינגעשיקט עפּעס אַנדערש... היינטיגס יאהר איז דיר געפעלען אַריינשיקען דעם רבי׳ן אַ פּירוש אויף דער מגילה, און נאָך אַ פערדרעהטען פּירוש דערצו ווּפגנקךצגנקךצגנקךצגקךייזפּחכף אַזוי צו זיין. לכן שיק איך דיר אָב דיין מגילה צוריק און לאָז דיר גאָט געבען אַ גוט יאהר, ווי עס ווינשט דיר דיין רבי...״

אָט דאָס הייסט געריבען אַ מאָרדע! אַ מצוה אויף מיין ברודער; ער וועט שוין מעהר אַזעלכע מגילות ניט שרייבען, מיין איך.

אָבגעפּאַרטיגט זיך מיט'ן רבינ'ס בריעף דאַרף מען שוין אַ קוק טהון אין איין וועגס, וואָס שרייבט זי, דעם רבינ'ס טאָכטער הייסט עס. איך עפען אויף איהר בריעף, פאַלען ניט אַרוים די צוויי קערבלעך? וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק! איך לייען איבער — אין גאַנצען צוויי שורות:

„מאָטעל! איך דאַנק דיר פאַר די צוויי קערבלעך. קענסט זיי נעהמען צוריק. אַזאַ שלח מנות פון דיר האָב איך ניט ערוואַרט, קיין מתנות פערלאַנג איך ניט, און קיין נדבה אודאי ניט..."

כאַ־כאַ, וואָס זאָגט איהר דערויף? קיין נדבה פערלאַנגט זי ניט! אַ שעהנע געשיכטע, ווי איך בין אַ אידיש קינד! הכלל וואָס טהוט מען ווייטער? אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט מסתמא ביידע בריעף צוריסען, און דאָס געלד אַריינגעלעגט אין קעשענע. צוויי פייגען וואָלט ער געבראַכט אַהיים, ניט קיין צוויי קערבלעך. נאָר איך בין ניט אַזעלכער... איך האָב בעסער אָבגעטהאָן. אַ שעהנערע זאַך. וועט איהר הערען. איך האָב זיך מישב געווען אַזוי: שכר טרחה האָב איך דאָך פון מיין ברודער מאָטעל שוין בעקומען — היינט וואָס־זשע דאַרף איך איהם? און איך געה און גיב אָב ביידע בריעף גאָר דעם טאַטען. איך וויל הערען, וואָס וועט דער טאַטע זאָגען? ער וועט בעסער פערשטעהן די מגילה ווי מיין רבי, כאָטש דער טאַטע איז אַ טאַטע און דער רבי איז אַ רבי...

ה.

וואָס עס איז געווען אַז דער טאַטע האָט איבערגעלייענט ביידע בריוולעך מיט דער מגילה און האָט אַ נעהם געטהאָן מיין ברודער מאָטעל אויפ'ן צימבעל ער זאָל איהם געבען צו פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך — פרעגט גאָר ניט. איך זאָל וועלען נאָכטהון מיין ברודער מאָטעל, וואָלט איך בעדאַרפט זאָגען מיט'ן ניגון פון דער אמת'ער מגילה:

„והעיר שושן נ־בו־כה !...“

נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. איהר ווילט דאָך אודאי וויסען, וואָס איז געווען דער סוף פון מײַן רבינ'ס טאָכטער אסתר און מיט מײַן ברודער מאָטעלע? וואָס זאָל זײַן? גאָרניט. אסתר האָט חתונה געהאַט. אן אלמן האָט זי גענומען. אָך האָט זי געוויינט!... איך בין געווען אויף איהר חתונה. וואָס אייגענטליך האָט זי געוויינט — ווייס איך ניט. הפּנים דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, אַז זי וועט זיך מיט איהר זווג לאַנג ניט עלטערען. און כך הוה. זי האָט אָבגעלעבט מיט איהם איין גאַנצען אַ האַלב יאָהר און איז אוועקגעשטאָרבען. פון וואָס — קען איך אײַך ניט זאָגען. איך ווייס אַליין ניט. קיינער ווייס ניט. דער רבי און די רביצין ווייסען אויך ניט. געזאָגט האָט מען, אַז זי האָט זיך גע'סמ'ט. פּשוט גענומען און אַליין אוועקגע'סמ'ט זיך. נאָר ס'אַ ליגען. „דאָס האָבען שונאים אויסגעטראַכט“. אַזוי האָב איך געהערט פון דער רביצין אַליין.

און מײַן ברודער מאָטעלע? אַהאַ! ער האָט נאָך פריהער חתונה געהאַט, נאָך איידער אסתר איז אַ כלה געוואָרען, און איז אוועקגעפאָהרען אַהין צום שווער. ער איז אָבער גיך געקומען צוריק און דוקא אַליין. וואָס איז די מעשה? ער וויל זי גט'ן. זאָגט איהם דער טאַטע: „ביזט אַ פּרא אדם!“ וויל די מאַמע ניט ליידען. קריעגט מען זיך. ס'איז פרעהליך! פון דעסטוועגען האָט עס ניט געהאָלפען. ער האָט זיך מיט איהר גע'גט און חתונה געהאַט פאַר אַן אנדערע. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך אפילו. אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע. הייסט דאָס אינגעלע הערצעל. נאָכ'ן דאָקטאָר הערצעל. און דאָס מיידעל רופט מען אסתר'ל. דער טאַטע האָט אפילו געזאָגט זי זאָל הייסען גיטעל, נאָך זײַן מאַמע, די באָבע גיטעל. און די מאַמע האָט געוואָלט, גע'חלש'ט זי זאָל הייסען לאה'צע, נאָך איהר מאַמע, די באָבע לאה. איז אַרויס צווישען טאַטע־מאַמע אַ מחלוקת. אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ גאַנצען טאָג האָבען זיי זיך געקריעגט. איז געבליעבען אַז דאָס קינד זאָל הייסען לאה־גיטעל, נאָךביידע מאַמעס. אַן עק. האָט זיך דער טאַטע אַרומגעקוקט, ער וויל ניט לאה־גיטעל. „וואָס איז דער

שכל?" אזוי. פאַר וואָס קומט איהם, אַז איהר מאַמעס נאָמען זאָלען געהן פריהער?... קומט צוגעהן מיין ברודער מאָטעל פון שוהל און זאָגט, אַז ער האָט איהר אַ נאָמען געגעבען אסתר. זאָגט איהם דער טאַטע: „פּרא אדם! פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען אַ נאָמען אסתר?" ענטפערט איהם מאָטעל: „האָסט פערגעסען, אַז מיר האָבען באַלד פורים?... נו, וואָס וועט איהר איהם אַ שטייגער איצטער זאָגען? אַן עק. מען הערט שוין מעהר ניט קיין „פּרא אדם" פונ'ם טאַטען.ביידע, אי דער טאַטע אי די מאַמע, קוקען עפּעס מאָדנע איינס אויף דאָס אַנדערע און מען כאַפּט אַ שווייג.

וואָס האָבען בעדייט דער דאָזיגער קוק און דער דאָזיגער שווייג — ווייס איך ניט. אפשר ווייסט א י ה ר?...

ניטאָ קיין מזל

(אַ געשיכטע פון אַ יאָוועליער)

פון גנבים רעדט איהר? גנבים לאָזט מיך. וואו האָט איהר אויף דער וועלט אזוי פיעל גנבות, ווי אין אונזער בראַנש? א קלייניגקייט בריליאַנטען? דער יצר הרע פון בריליאַנטען איז דאָך אזוי גרויס, אז צווישען די קונים גופא זיינען פאַרהאַן גנבים. און ניט אזוי נאָך צווישען די קונים, ווי צווישען די קונה'טעס, צווישען די דאַמען. אוי, די דאַמען! מיר קוקען אויף יעדער דאַמע, וואָס מיר קענען זי ניט, מיט זיעבען־און־זיעבציג אויגען, און ניט אזוי גיך גנב'עט מען ביי א יואוועליער סחורה. איך קען מיך בעריהמען, אז זינט איך בין סוחר און האַנדעל מיט בריליאַנטען, האָט מען מיך נאָך קיינמאָל ניט בע'גנב'עט. נאָר אז ס'איז בעשערט אַן אונגליק, וועט איהר הערען וואָס עס קען זיך טרעפען.

איך אַליין בין סך־הכל ניט קיין יואוועליער. דאָס הייסט א יואוועליער בין איך, נור איך פערנעהם מיך ניט מיט יואוועלירעריי. איך בין ניט מעהר ווי א סוחר, וואָס האַנדעלט מיט בריליאַנטען. איך קויף און פערקויף בריליאַנטען צום מייסטען אַנגראָ און צום מייסטען אין דער פרעמד אויף די יארידים. אָדער אזוי אז עס מאַכט זיך ערגעץ א קונה, נעם איך מיר מיין סעטשעל, אָט דאָס אָ, אין האַנד, זעץ מיך אויף אויף דער באַהן און פאָהר.

דערווייל טרעפט זיך א מעשה, איך ווער געוואָהר, אז אין יעהופּעץ איז דאָ א גביר, מאַכט ער חתונה א טאָכטער. און א יעהור־פּעצער גביר אז ער מאַכט חתונה א טאָכטער, בעדאַרף ער דאָך מסתמא בריליאַנטען. איז אפילו, אז מען וויל שמועסען צוריק, איז אין יעהופּעץ אויך פאַרהאַן געגוג יואוועלירער, אפשר מעהר ווי מען דאַרף. נור איינס צום אַנדערען קעהר זיך ניט אָן. עס מעג זיך זיין אַכטצעהנטויזענד יואוועלירערס, איהר גיט מיר נאָר אַהער

אַ קונה, וועל איך אייך שוין ווייזען, ווער ס'וועט לייזען געלד, איך צי זיי. פערקויפען בריליאַנטען איז אַ מלאכה, וואָס מען דאַרף קענען. מען דאַרף וויסען וואָס צו ווייזען, און ווי צו ווייזען, און וועמען צו ווייזען. איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויסשטעלען און בסך הכל האָב איך פיינט בעריהמעריי. נור אַז איהר וועט אַ רעד טהון וועגען מיר מיט יואוועליערער, וועלען זיי אייך אַלע זאָגען, אַז מיך קאָנקורירען איז ניט גרינג. דאָרט, וואו אַנאַנדערער יואוועליערער וועט לייזען אַ הונדערטער, וועל איך לייזען דריי. איך קען די מלאכה!

הכלל, פאָהר איך הייסט עס קיין יעהופּעץ. מיטגענומען האָב איך מיט זיך לאָז זיך אייך דאַכטען אַ היבש ביסעל סחורה, לאָמיר דאָס אַלע פערמאָגען, וואָס ס'האָט אָנגעטראָפען, כאָטש עס איז אַריין אָט אין דעם דאָזיגען סעטשעל. און איך האָב מיך אַוועק־געזעצט און זיץ. פערשטעהט זיך, אַז זיצען זיץ איך אָנגעשפּאַרט האַרט אויף מיין סעטשעל, טרעט ניט אָב פון אָרט און פון שלאָפען איז אָבגערעדט. אַז מען פאָהרט מיט סחורה, שלאָפט מען ניט. מיט יעדען נייעם פאַרשוין, וואָס קומט אַריין אין וואַגאָן אַריין, רייסט זיך מיר אָב אין האַרצען; אפשר איז דאָס אַ גנב! אויף דער נאָז שטעהט ניט אָנגעשריעבען ביי קיינעם.

גאָט האָט געהאָלפען, אָבגעפאָהרען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ניט געגעסען, ניט געשלאָפען, געקומען קיין יעהופּעץ צום גביר, אַרויס מיט דער קראָם. גערעדט, גערעדט, זיך אָנגערעדט ווי אַ פויק. און ווי דער שטייגער איז, געלייזט אַ מכה, נישט קיין געלד. די גבירים, איך וויל אויף זיי קיין שלעכטס ניט רעדען, נאָר עס מעג אויף זיי קומען אַ גוטע חלירע. זיי קאָכען אויס דאָס וואַסער. קוקען אָן, טאַפּען איבער יעדער אַרטיקעל, שפּיעגלען זיך, צאַצקען זיך, און קומט צו עפּעס — אַ נעכטיגער טאָג. מילא, וואָס זאָל מען טהון? יא געלייזט, ניט געלייזט, מען דאַרף לויפען ווייטער. טאָמער ווייסט איהר וואָס וועט מען פערשפּעטיגען? גאָר ניט, מען לויפט. כאַפּ איך מסתמא אַ דראָזשקע און לויף צו דער באַהן. דערווייל הער איך עמיצער פון הינטען שרייט מיר: „פּעטער! פּעטער!" איך קוק מיך אום — אַ יונגער מאַן לויפט מיר נאָך, האַלט

אַ סעטשעל אין האַנד, פּונקט אַזאַ סעטשעל ווי מיינס, און זאָגט צו מיר: „אָט האָט איהר פערלוירען!...“ אַ צרה! אַ שלאַק! דאָס איז טאַקע מיין סעטשעל! וואו? ווען? ווי אַזוי? אַז עס איז בעשערט האָט עס זיך אַרויסגעגליטשט ביי מיר פון די הענד און אָט דער יונגערמאַן האָט דאָס אויפגעהויבען און גאָר נישט. וואָס פרעגט איהר? איך נעהם מיך צו מיין יונגענמאַן, און קוועטש איהם די האַנד, איך דאַנק איהם: אַ דאַנק אייך! גאָט זאָל אייך געבען, זאָג איך, געזונד און הצלחה, אַ דאַנק, זאָג איך, און נאָך אַמאָל אַ דאַנק.“ מאַכט ער צו מיר: „ניטאָ פאַר וואָס.“ זאָג איך: „וואָס הייסט ניטאָ פאַר וואָס? איהר האָט דאָך מיך, זאָג איך, ביי מיין לעבען דערהאַלטען. איהר האָט דאָך, זאָג איך, פער־דיענט אַזאַ מצוה, אַז די וועלט מיט יענע וועלט איז פאַר אייך קאַרג. זאָגט מיר, זאָג איך, וויפיעל זאָל איך אייך געבען? זאָגט, שעהמט זיך ניט.“ און איך וויל מיך אַ נעהם טהון צו דער קעשענע, מאַכט ער צו מיר, דער יונגערמאַן הייסט עס: „ווי באַלד איהר אַליין זאָגט אַז ס'איז אַזאַ גרויסע מצוה, זאָגט ער, היינט לְמַאי זאָל איך זי, זאָגט ער, פערקויפען פאַר געלד!“ דערהערט פון איהם אַזעלכע דבורים כאַפּ איך אַרום מיין יונגענמאַן און הויב איהם אָן קושען! „גאָט אַליין זאָל אייך, זאָג איך, בעצאָהלען דערפאַר, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן! קומט כאָטש אַריין מיט מיר, זאָג איך, טרינקען אַ גלעזעל וויין.“ „אַ גלעזעל וויין, זאָגט ער, מהיכא תיתא, פאַר וואָס ניט?“ און מיר זעצען זיך אויף ביידע אויף אַ דראָזשקע, און ווער מיר באַהן? וואָס מיר באַהן? מיר פאָהרען שוין אין „קאַפּע“ נעהמען אין מויל אַריין.

געקומען אין „קאַפּע“ האָב איך גענומען אַ בעזונדער קאַבינעט, געהייסען דערלאַנגען פון כל טוב און אוועקגעזעצט זיך מיט'ן יונגענ־מאַן אַ ביסעל שמועסען. דער דאָזיגער יונגערמאַן, אויסער וואָס ער האָט מיך, קען מען זאָגען, ביי מיין לעבען דערהאַלטען, איז מיר גלאַט געפעלען געוואָרען, אַ סימפּאַטיש פּנים מיט טיעפע, שוואַרצע, ערנסטע אויגען — אַ יונגערמאַן אַ גאָלד און דערצו נאָך אַ שעמעוו־דיגער סכנות — איך האָב איהם געבעטען ער זאָל זיך נור ניט זשענירען און זאָל הייסען געבען צום טיש וואָס זיין האַרץ געלוסט,

פונ׳ם שעהנסטען און פונ׳ם בעסטען, און וויפיעל ער האָט זיך געהייסען געבען, האָב איך מסתמא געהייסען געבען צוויי מאָל אזוי פיעל. און מיר האָבען גוט אויסגעטרונקען און רעכט פערביסען, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. חלילה ניט אויף אָנצו׳שכור׳ן זיך. א איד איז ניט קיין שכור. נאָר ויהי כטוב לב המלך ביין, זאָג איך צו מיין יונגענמאַן: איהר ווייסט כאָטש, זאָג איך, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן? דאָס וואָס איהר האָט מיר מציל געווען אזא פערמעגען, פון דעם, זאָג איך, שמועסט מען ניט. לאָמיר דאָס ביידע, זאָג איך, פערמאָגען, וואָס איך בין אויף דער סחורה שולדיג. ס׳איז פריהער גאָט׳ס, זאָג איך, נאָכדעם פרעמדס. איהר האָט מיך פשוט, זאָג איך, דערהאַלטען ביי מיין כבוד און ביי מיין לעבען, וואָרום מיינע קרעדיטאָרען, זאָג איך, ווען איך קום אַהיים אָהן דעם דאָזיגען סעטשעל, וואָלטען געווים געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ מאַניפּאָרגע, וואָס אונזערע לייט יואוועליערען מאַכען אָפטליך. זיי זעצען אָב דאָס ביסעל סחורה און לאָזען אַרוים אַ קלאַנג, אַז מען האָט זיי בע׳גנב׳עט. מיר וואָלט, זאָג איך, הערט איהר, אויסגעקומען נאָר קויפען אַ שטריקעל און אויפהענגען זיך אויף דעם ערשטען בוים. לחיים, זאָג איך, גאָט זאָל אייך ממלא זיין, ווי איהר ווינשט אייך אַליין, זאָג איך, און זייט מיר געזונד, זאָג איך, לאָמיר זיך צוקושען, וואָרים מען דאַרף, זאָג איך, פאָהרען.״ און איך געזעגען מיך אָב און צוצאָהל מיך אין „קאַפּע״ און טהו מיך אַ כאַפּ צו מיין סעטשעל — וואָס מיר סעטשעל? ווער מיר יונגערמאַן? — נישטאָ! — און איך בין געפאַלען אין חלשות.

* * *

געפאַלען חלשות האָט מען מיך געמינטערט. אָבגעמינטערט — בין איך ווידער אַמאָל געפאַלען חלשות. און אַז מען האָט מיך שוין גוט אָבגעמינטערט, האָב איך ערשט דעמאָלט געמאַכט אַ געוואַלד, אויפגעהויבען די גאַנצע יעהופּעצ׳ער פּאָליציי אויף די פים, צוגעזאָגט אַ פעט שטיקעל, אַרומגעלאָפען מיט זיי אין אַלע גוטע ערטער, אויסגעוועזען אַלע מייזען-לעכער, זיך בעקאַנט מיט אַלע וועלט-גנבים — מיין יונגערמאַן איז ווי אין דר׳ערד אַריין!

איך בין שוין געבליעבען אָהן כחות, ס'איז מיר נמאס געוואָרען די וועלט און איך האָב מיך אַוועקגעלעגט ביי זיך אויף דער סטאַנציע אויף אַ בעטעל און טראַכט מיר, ווי אַזוי מאַכט מען אַן עק מיט'ן לעבען? קוילען זיך מיט אַ מעסער? הענגען זיך אויף אַ שטריק? אָדער גאָר אַריינוואַרפען זיך אין דניעפּער אריין? און אַזוי ווי איך ליעג מיר אַזוי פערטיעפט אין טרויעריגע מחשבות, הער איך מען קלאַפּט. ווער איז? מען איז געקומען מיך נעהמען אין פּאָליציע. מען האָט געפונען דעם פויגעל מיט'ן סעטשעל, מיט דער גאַנצער סחורה!

* * *

דאַרף איך אייך דערצעהלען, וואָס מיט מיר איז געווען, אַז איך האָב דערזעהן מיין סעטשעל מיט מיינע בריליאַנטען? איך בין ווידער אַמאָל געפאַלען אין חלשות. ביי מיר איז אַ טבע פון חלש'ן. און אַז איך בין געקומען צו זיך, געה איך צו צו מיין יונגענ־מאַן און רוף מיך אָן צו איהם: „איך פערשטעה ניט, זאָג איך, מאַכט מיר קלאָר, איך ווער שיער ניט משוגע. וואָס איז דער שכל, זאָג איך, וואָס אַז איהר האָט געפונען מיין סעטשעל, זייט איהר מיר נאָכגעלאָפען ווי אַ משוגענער און אָבגענעבען מיר און אפילו ניט געוואָלט נעהמען פאַר דער מצוה קיין בעצאָהלטס, און אַז איך האָב מיך נאָר אָבגעקערעוועט אויף אַ וויילע, געהט איהר און גנב'עט ביי מיר אוועק מיין גוטס, מיין פערמעגען, מיין נשמה?!... איהר האָט דאָך מיר, זאָג איך, שיער אומגליקליך געמאַכט! עס איז דאָך מיר אָבגעגאַנגען, זאָג איך, אַ מינוט צום טויט!“... קוקט ער אויף מיר, דער יונגער מאַן הייסט עס, מיט די טיעפע ערנסטע שוואַרצע אויגען, און מאַכט צו מיר גאַנץ געלאַסען: „וואָס געהער זיך אָן — זאָגט ער — דאָס מיט דעם? אַ מצוה איז זיך אַ מצוה, און גנב'ענען — דאָס איז מיין פּרנסה...“ „יונגערמאַן, זאָג איך צו איהם, ווער, זאָג איך, זייט איהר?“ — „ווער, זאָגט ער, זאָל איך זיין? איך בין, זאָגט ער, נעבעך אַ איד אַ גנב און אַ בעל מטופל מיט קינדער און אַ גרויסער שלים־מזל'ניק. ב'האָב, זאָגט ער, קיין עין הרע אַ גאַנץ גרינגע פּרנסה, נאָר איך האָב צו מיין פּרנסה קיין

הצלחה ניט. דאָס הייסט, איך קען מיך ניט בעקלאָגען, דאַנקען גאָט, גנב'נען, זאָגט ער, גנב'עט זיך אפילו קיין מעשה ניט, נאָר דער חסרון איז, זאָגט ער, וואָס ניט אַלע מאָל געראָט עס מיר. ניטאָ קיין מזל!..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט אַז איך בין געזעסען אין באַהן האָב איך מיך אַרומגעזעהען, אַז איך בין אַ פערדישער קאָפּ. מיט אַ קלייניגקייט האָב איך דאָך דעמאָלט געקענט אויסקויפען דעם דאָזיגען גנב. למאי זאָל איך זיין זיין גואל־הדם? לאָז ער איבערגעהן אויף אַנדערע הענד... זייט איהר אפשר אַ בעלן אויף אַ פּאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך אין גלייכען געלד? וועל איך אייך עפּעס ווייזען. איהר האָט אַזעלכע בריליאַנטען ניט געזעהען אפילו אין חלום!... פּרימאַ שבפּרימאַ!...

אליהו הנביא

(אַ פֿאַנטאַסטישע געשיכטע מיט אַ רעטעניש לכבוד פּסח, ספּעציעל פֿאַר קינדער)

א.

ניט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, אַ ציטעריגער ביי טאַטע־מאַמע, „פֿון זיבען איינער געבליבען". דאָ — ניט שטעה, דאָרט — ניט געה, דאָס — ניט עס, יענעס — ניט טרינק, דעם קאָפּ — דעק צו, דעם האַלז — פֿערבינד, די הענד — בעהאַלט, די נאָז — שנייץ אויס. אַך, נישט גוט, נישט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, און נאָך אַ נגיד'ס אַ אינגעל דערצו. מיין טאַטע איז אַ נגיד. אַ חלפן איז ער. געהט אַרום מיט אַ טאַרבע מינץ איבער די קלייטען. בייט זילבער אויף מינץ און מינץ אויף זילבער. זיינען דערפֿאַר ביי איהם די פֿינגער תמיד שוואַרץ און די נעגעל צוטראַסקעט. האָרעווען האָרעוועט ער אפילו זעהר שטאַרק. אַלע טאָג, אַז ער קומט אַהיים, איז ער אויסגעמיעדט און צובראָכען. „ניטאָ קיין פּים" — קלאָגט ער זיך פֿאַר דער מאַמע — ניטאָ קיין פּים, קיין סימן פֿון קיין פּים."

ניטאָ קיין פּים — עס קען זיין. דערפֿאַר האָט ער אָבער פּרנסה, „פּרנסה בשפע" — אַזוי זאָגען אַלע און אַלע זיינען אונז מקנא וואָס מיר האָבען פּרנסה און נאָך בשפע. די מאַמע איז צופֿריעדען. איך אויך. „אַ פּסח ביי מיר היינטיגס יאהר — אויף אַלע אידישע קינדער, רבונו של עולם..." אַזוי זאָגט די מאַמע און דאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבען אַזא פּסח. איך אויך. נאָר ווי דערלעבט מען איהם שוין, אָט דעם פּסח?...

ב.

קוים דערלעבט דעם פּסח, דעם ליעבען טייערען יום טוב פּסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך בגדי מלכות, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ

נגיד'ס אַ אינגעל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס? אַז איך טאָר ניט אַרויסשפּרינגען אין דרויסען — איך וועל זיך פּערקיהלען. אַז איך טאָר ניט אַרומלויפען אין הויף מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגיד'ס אַ אינגעל. אַזעלכע שעהנע מלבושים — ניטאָ פאַר וועמען צו בעריהמען זיך. אַ פולע קעשענע מיט ניס — ניטאָ מיט וועמען צו שפּיעלען.

נישט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, אַ ציטעריגער, וואָס פון זיעבען איינער געבליבען, און נאָך אַ נגיד'ס אַ אינגעל דערצו.

ג.

דער טאַטע האָט אָנגעטהאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול — דאַוונען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסט דו וואָס? לעג דיך צו, שלאָף דיך אויס, וועסטו קענען זיצען ביים סדר, וועסטו פרעגען דעם טאַטען די פיער קשיות". משוגע בין איך? פאַר'ן סדר וועל איך געהן שלאָפען? „געדענק־זשע, פּסח צום סדר טאָר מען ניט שלאָפען, וואָרים טאָמער חלילה ווערסט דו אַנשלאָפען ביים סדר, אַזוי קומט אליה־נביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. פּסח ביינאַכט געהט אַרום אליה־נביא און קוקט ווער סע שלאָפט ביים סדר, דעם נעהמט ער צו אין זאַק אריין..." כאַ־כאַ! איך וועל אַנשלאָפען ווערען ביים סדר? איך? און אַז מען זאָל זיצען אַ גאַנצע נאַכט? און אפילו ביז אין ווייסען טאָג אריין? ווי אַזוי איז געוועזען, מאַמע, פאַר אַ יאָהרען? „פאַר אַ יאָהרען ביזט דו אַנ־שלאָפען געוואָרען באַלד נאָך קידוש..." פאַר וואָס־זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיט'ן זאַק? „דעמאָלט ביזט דו נאָך געוועזען אַ קליינינקער, היינט ביזט דו אַ גרויסער. היינט דאַרפסט דו פרעגען דעם טאַטען די פיער קשיות. היינט דאַרפסט דו זאָגען מיט'ן טאַטען עבדים היינו. היינט דאַרפסט דו עסען מיט אונז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ — אָן געהט דער טאַטע פון שול..."

— גוט יום טוב!

— גוט יום טוב!

ד.

דאַנקען גאָט. דער טאַטע האָט אָבגעמאַכט קדוש. איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטען כוס. איך אויך, און דוקא אַ פולען כוס. און דוקא ביז'ן דנאָ. „זעה נור, ביז'ן דנאָ!“ זאָגט די מאַמע צום טאַטען, און מיר זאָגט זי: „אַ פולען בעכער מיט ווייו? וועסט אַנשלאָפען ווערען...“ כאַ־כאַ! איך וועל אַנשלאָפען ווערען? איך? און אַז מען זאָל זיצען אַ גאַנצע נאַכט? און אפילו ביז אין ווייסען טאָג אַריין? אַנו, פרעג דעם טאַטען ווי אַזוי האָב איך אָבגעקלאָפּט די פיער קשיות? ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקעל איך זיך איבער'ן סדור און זינג מיט'ן טאַטען עבדים היינו?... און די מאַמע לאָזט ניט אַראָב קיין אויג פון מיר און שמייכעלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנשלאָפען ווערען, אַנשלאָפען ווערען...“ עך, מאַמע! מאַמע! מיר דאַכט זיך מען זאָל זיין מיט אַכטצעהן קעפּ קען מען פון דעם אַליין אַנ־שלאָפען ווערען. אַנו לאָז מען זיך אָוועקזעצען אייך אַקעגען און זינגען אייך אָהן אויפהער: „אַנשלאָפען ווערען, אַנשלאָפען ווערען.“ פערשטעהט זיך, אַז איך בין אַנשלאָפען געוואָרען.

ה.

אַנשלאָפען געוואָרען, חלום'ט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין ביי „שפוך חמתך“. די מאַמע אַליין שטעהט אויף פון טיש, געהט עפענען די טהיר, מקבל פנים זיין אַלי־נביא'ן. שעהן וועט זיין טאָמער קומט טאַקע אַלי־נביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיט'ן זאַק אויף די פּלייצעס און זאָגט מיר: „קום, בחור...“ און ווער וועט זיין שולדיג אין דעם, אַז ניט די מאַמע אַליין מיט איהר „שלאָף ניט! שלאָף ניט!“?... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיגע מחשבות, אַהאַ! הער איך אַ סקריפּ פון דער טהיר. און דער טאַטע שטעהט אויף און רופט אויס אויפ'ן קול: „ברוך הבא!“ איך קוק מיך איין צו דער טהיר — יאַ, ס'איז ער. ער געהט. פּאַוואָלינקע. קוים וואָס מען הערט. אַ שעהנער איד אליהו הנביא. אַן אַלטער

מאַן. אַ זקן מיט אַ גרייז־גרויער באָרד ביז די קניע. דאָס פּנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שעהן און גוט איז דאָס אָהן אַן עק. און אויגען — אַך, אויגען! גוטע ווייכע, פריינדליכע, ליעבע טרייע אויגען. איינגעבויגען, אָנגעלעהנט אויף אַ גרויסען, גרויסען שטעקען מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ! שטיל. אָהן ווערטער. און גלייך צו מיר.

ו.

— נו, אינגעלע, אַריין צו מיר אין זאַק אַריין און קום, — אזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטעטשקער און דוקא מיט גוטען. דוקא אזוי ווייך, אזוי זיס.

פרעג איך איהם: „וואוהין?“ מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָכדעם זעהען...“ וויל איך ניט. זאָגט ער נאָך אַמאָל. בעט איך מיך ביי איהם: „ווי קען איך מיט דיר געהן, אז איך בין אַ נגיד'ס אַ אינגעל?“ זאָגט ער: „און אז אַ נגיד'ס א אינגעל וואָס ביזט דו פאַר אַ מיוחס?“ זאָג איך: „איך בין ביי טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד...“ זאָגט ער: „ביי מיר ביזטו ניט קיין בן־יחיד.“ זאָג איך: „אַ ציטעריגער — פון זיבען איינער געבליבען. זיי וועלען, זאָג איך, דערזעהן אז איך בין ניטאָ, וועלען זיי דאָס ניט אויסהאַלטען. זיי וועלען שטאַרבען. און דערהויפּט די מאַמע...“ קוקט ער אויף מיר, דער אַלטעטשקער מיט גוטען און מאַכט צו מיר ווייך און זיס ווי פריהער: „געהסט דו ניט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונד, נאָר ווער אַנשלאָפען אויף שטענדיג, אויף אייביג...“ הויב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָך עס איך זאָל שטאַרבען? זיי וועלען דאָס ניט אויסהאַלטען — איבערהויפּט די מאַמע...“ „ווילסט דו ניט שטאַרבען, טאָ קום מיט מיר, געזעגען דיך אָב מיט טאַטע־מאַמע און קום...“ „סטייטש, ווי קען איך געהן, אז איך בין אַ בן־יחיד, פון זיבען איינער געבליבען?“ מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטען מאָל, אינגעלע, קלייב דיר אויס איינס פון די צוויי: אָדער געזעגען דיך אָב מיט טאַטע־מאַמע אויף שטענדיג און קום מיט מיר, אָדער בלייב דאָ, נאָר ווער אַנשלאָפען אויף אייביג, אויף אייביג...“

ז.

אָבגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, טרעט ער אָב פון מיר אויף א שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טהיר. וואָס טהוט מען דאָ? אוועקגעהן מיט'ן אַלטען, גאָט ווייסט וואוהין, פערפאַלען ווערען — וועלען טאַטע־מאַמע שטאַרבען. א בן יחיד, פון זיבען איינער געבליבען... בלייבען דאָ און אנשלאָפען ווערען אויף אייביג — הייסט דאָך דאָס איך אַליין זאָל שטאַרבען... ציה איך אוים צו איהם ביידע הענד מיט טרערען אין די אויגען: „אליהו הנביא! גוטער, ליעבער, הארציגער אליהו! גיב מיר איין מינוט אויף צו בעטראַכטען זיך!...“ דרעהט ער אוים צו מיר דאָס שעהן אַלט, געל געקנייטשט פּנים, מיט'ן גרייז־גרויען באָרד וואָס ביז די קניע, קוקט אויף מיר מיט זיינע שעהנע, גוטע, ליעבע, געטרייע אויגען און מאַכט צו מיר מיט א שמייכעל: „איין מינוט אויף צו בעטראַכטען זיך גיב איך דיר, מיין קינד, אָבער נישט מעהר ווי איין מינוט...“

און דער אַלטעטשקער לעהנט זיך אָן אויף זיין גרויסען, גרויסען שטעקען און וואַרט...

פרעגט זיך: וואָס האָב איך בעדאַרפט אין דער מינוט צוטראַכטען אזעלכעס, אז איך זאָל ניט דאַרפען ניט געהן מיט'ן אַלטען און ניט אנשלאָפען ווערען אויף אייביג?

אנו, ווער קען טרעפען?...

תשר״ק

צו א סיום התורה

(דערצעהלט פון חיים דעם קאסטאמער פעדלער)

אונזער לײדיס אקזיליערי סאסײעטי, עס הײסט, דער עזרת נשים פעראײן פון אונזער שוהל „טעמפעל דזשײקאב“ האט ארײנגעגעבען א רײניגקײט, און דער סיום התורה איז צוגעגאנגען מיט גרױס פאראד. עס איז געװען א „גרענד רעלי“, װי דער האנאריבעל אלדערמאן פעדדי פיטצפאטריק, װעלכער פערפעהלט קײן אידישע שמחה אין בלאטעטאון, האט זיך אױסגעדריקט.

מײן אידענע איז אײנע פון די טהעטיגסטע מעמבערקערס פון דער אקזיליערי. זי איז געװארען א מעמבערקע פון די לײדיס אקזיליערי א פאאר װאכען נאך אונזער ארײנמופען אין בלאטעטאון. זי אטענדעט א רעגעלען מיטינג יעדען מיטװאך אבענד, און װײס שױן װי צו בעטען דאס װארט און מאכען א מאשען. א טשיקאװע זאך װי זי האט זיך דאס אזױ שנעל אױסגעלערנט. אין הױז הערט זי ניט אױף צו רעדען פון פארלאמענטארישע רולס. אהן די רולס געהט ביי איהר קײן זאך ניט אן. זי פיהרט די גאנצע װירטהשאפט מיט פארלאמענטארישע רולס. „חיים, א פאינט או ארדער, דו געהסט שױן אװעק צו ביזנעס, טא לאז מיר איבער עטליכע דאלאר אױף דער הוצאה.“ אדער: „חיים, איך מאך א מאשען אז דו זאלסט ברענגען פון ניו יארק א צװײ דאזען גוטע מילך־הערינג צום אײנמארענירען“. אדער אז איך בעט איהר אמאל זי זאל קאכען בולבע־קנײדלעך, ענטפערט זי מיר: „חיים, דאס איז ניט אױף דער טאגעס־ארדנונג; בולבע־קנײדלעך קאך איך מאנטאג.“ אז איך האב געבראכט די צװײ דאזען הערינג פון ניו יארק, האב איך זי געבעטען זי זאל עטליכע הערינג אבקאכען מיט בולבעס. די קינדער איז דער פלאן געפעלען געװארען. דאן האט מײן אידענע געזאגט צו מיר: „חיים, דײן מאשען איז דורכגעגאנגען

און איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען — מאָרגען וועט זיין בולבע מיט הערינג."

א פּאָאר וואָכען בעפאָר דעם סיום התורה איז זי געוואָרען א מעמבערקע פון דער פינאנס־קאָמיטע. עטליכע טעג בעפאָר דעם גרויסען יום טוב האָט זי אָנגעהויבען צו מאַכען גרויסע הכנות. „חיים, זאָגט זי צו מיר לעצטע וואָך, נעכסטען זאָנטאג ביינאכט וועט מען פיינדישען די תורה. מען דאַרף עפּעס איינקויפען. מיר מוזען אויסזעהען לייטיש. מען האָט פערדרופען גאַנץ בלאָטעטאָון, און עס איז ניט שעהן צו קומען ווי שנאָרערס. גיב מיר עפּעס געלד וועל איך דיר קויפען א שעהן העמד מיט א נעקטאַי, זאָלסט קענען קומען ווי א לייט."

פינף טעג האָבען מיר פערבראַכט אין הכנות צו דעם סיום התורה. גאַנץ בלאָטעטאָון האָט זיך געגרייט אזוי ווי צו א גביר'שע חתונה.

דער סיום התורה איז טאַקע געווען א „גייסטיגער און קערפּער־ליכער פערגנינגען", ווי עס איז געווען אדווערטייזט אין צייטונגען און הענדבילס. א בענד מוזיק איז דאָרט געווען פון אָרפאַן אסיילום און אויך א סך איינענע מוזיקאַלישע טאַלענטען, פון בלאָטעטאָון גופא, וואָס האָבען געליעפערט סאָלאָס, דועטען און טערצעטען. פּרעזידענט פּופּיקאָוויץ'ס מיידעלע, וועלכע איז ניט לאַנג געוואָרען בר־מצוה, עס הייסט, זי איז „קאָנפאָירמד" געוואָרען, האָט געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ עפּעס א פיין שטיקעל חזנות. פרעג איך איינעם, א יונגענמאַן: „וואָס שפּיעלט זי?" ענטפערט ער מיר: „נאָ וועדינג בעלס פאָר מי", טראַכט איך מיר, עס איז א פיינער ניגון, עס פּאַסט זיך זעהר צו „היום תאמצנו".

אָבער לאָמיך איך דערצעהלען כסדר:

צוערשט האָט זיך דאָס ווערטהע פּובליקום, די געעהרטע מעמבערס פון אונזער קאָנגרעגיישען, זיך פערזאַמעלט אין הויז פון פּרעזידענט פּופּיקאָוויץ. פון דאָרט האָט מען מיט דער ספר תורה געמאַרטשט נאָך דער שוהל. די פּרעזידענטין פון דער ליידיס אָקזיליערי, מיסעס פּופּיקאָוויץ, איז געפאָהרען אין א קעררידזש מיט איהר מאַן און מיט דעם האָנאָרייבל אַלדערמען פּיטצפּעטריק.

דער קערעדזש איז געווען בעציערט מיט דריי פלעגס: א ציון־פלעג, אן אמעריקאנישע און אן איירישע. נאך דעם איז געפאהרען רעוורענד דאקטאר האצמאך מיט דער „רייניגקייט" און נאך איהם זיינען געפאהרען נאך עטליכע קערעדזשעס. דער איבריגער עולם איז געגאנגען צו־פוס, מיט דעם מוזיק בענד פאראויס, ביז מען איז אנגעקומען אין שוהל.

די שוהל איז געווען בעציערט מיט פאהנען און מיט א סך ליכט, וועלכע האבען בעלויכטען אלע לעדיגע לאטס ארום. די רייניגקייט איז געווען אויסגעשפרייט אויף א טיש, אין מיטען פון דעם גרויסען האל, אין אונזער טעמפעל דזשייקאב. ביי דעם טיש זיינען געזעסען א סופר, רעוורענד דאקטאר האצמאך, פרעזידענט פופיקאוויץ, האנאריבעל אלדערמען פאדדי פיטצפאטריק, טים מעק־נעלי דער פלאמבער, און נאך א פאר פראמינענטע קריסטען, וואס זיינען געקומען בעהרען דאס יודענטהום און צו בומען ריעל־עסטייט, ווייל ביי אונז אין בלאטעטאון געהט יודענטהום האנד אין האנד מיט ריעל־עסטייט.

מען האט געהאלטען א רעגעלען אקשען אויף די בוכשטאבען וואס מען האט געדארפט אויספילען אין דער תורה. דער האנאריבל אלדערמען פאדדי פיטצפאטריק האט געקויפט א „פ" פאר פינף דאלאר מיט פינף און זיעבעציג סענט. דאס איז געווען רעדיוסד פון צעהן דאלאר מיט א קוואדער וועלכע פרעזידענט פיטער (פסח) פופיקאוויץ האט פריהער בעצאהלט פאר א „פ". טים מעק־נעלי, דער פלאמבער האט זיך מתקנא געווען און געבעטען מען זאל איהם פערקויפען א „טי", האט דער אקשעניער ניט געוואוסט אויב אן ענגלישער „טי" איז א „ט" אדער א „ת". טים מעק־נעלי האט בעצאהלט אכט דאלאר און האט בעקומען א „ת".

נאכדעם איז אנגעקומען מיסטער קאבאן, דער ניו יארקער גביר וואס האט ניט לאנג אריינגעמופט אין בלאטעטאון און אויסגערופען: „הארדי־אפ, גיט מיר א „דזשיי", מיין אטאמאביל ווארט אויף מיר אין דרויסען!" דער אקשעניער איז ווידער געווען אין א פערלעגענהייט. „אין דער תורה איז ניטא קיין „דזשיי"," האט ער ערקלעהרט מיסטער קאבאן: „איהר קענט קויפען א יוד".

— אַי דאָנ׳ט וואָנט איי יוד! — האָט אויסגעשריען מיסטער קאַבאַן — מיי ניים איז דזשייק ענד אַי וואָנט איי דזשיי! איהר קענט מיר טשארדזשען אַ דאָלאַר מעהר. עס איז אָל־רייט. איך קען עס אַפּאָרדען.

דער אַקשעניר האָט זיך איבערגעקוקט מיט׳ן רעוורענד דאָקטאָר, און רעוורענד דאָקטאָר האָצמעך האָט בלויז געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

— סי, היער, אַי עם טאָקינג טו יו! — האָט זיך געווענדעט מיסטער קאַבאַן צו פּרעזידענט פּופּיקאָוויץ — יו גיוו מי איי דזשיי ענד טשאַרדזש איט טו מאַי עקאַונט. איף נאָט אַי ריזאַין.

— ריזאַין, גאָד דעם איט! — האָט אויסגערופען דער האָנאָרייבל אָלדערמען, וועלכער איז אַן אוהב ישראל און נעהמט זיך אָן פאַר אידען.

מיסטער קאַבאַן איז אַרויס אַ צוקאָכטער. ער בעלאַנגט ניט מעהר צום טעמפּעל. דעם „יוד״ וואָס מיסטער קאַבאַן האָט זיך ענטזאַגט צו קויפען האָט אָבגעקויפט מיין אידענע פאַר פיער דאָלאַר אַלס אַ ספּעשעל באַרגיין. איהר נאָמען איז ציפּע־יענטע. אַ „צ״ האָט זי שוין פריהער געקויפט.

נאָך דעם אַקשען האָט די מוזיק געשפּיעלט „האָם סוויט האָם״, און אַלע זיינען צוגאַנגען אַהיים אין דער העכסטער צופריעדענהייט, און יעדערער האָט געשייקט הענדס מיט דעם האָנאָרייבל אָלדערמען.

יעס, איך האָב פערגעסען צו דערמאָנען אַז רעוורענד דאָקטאָר האָצמעך און, להבדיל, דער האָנאָרייבל אָלדערמען האָבען געהאַלטען אויסגעצייכענטע רעדען, אין וועלכע זיי האָבען געלויבט די נאָבעלע טהאַט פון די ליידיעס אָקזיליערי סאָסייעטי. זיי זיינען שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרען.

אַ חזן אויף פּראָבע

(דערצעהלט פון חיים דעם קאָסטאָמער פּעדלער)

עס אלול'ט שוין ביי אונז אין בלאָטעטאָון. די מאָסקיטאָס מופּען שוין ביסלעכווייז, אַבוואָהל עס כאַפּען זיך נאָך אריין גאַנץ הייסע טעג. אין מיין גאָרטען האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען טאָמיי־טאָס און גרינע אוגערקעס. גאָט ווייס פון וואַנען זיי זיינען געקומען. איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט אַז פון דעם גאָרטען וועט עפּעס ארוים אַ לייט. די פּאָר רעטעכלעך וואָס זיינען אויסגעוואַקסען זיינען שוין לאַנג ניטאָ, און איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין אוים גאָרטען. נור גאָט איז אַ גוטער. ער שיקט אָן אָפּט אַ רעגען, דער רעגען פרישט אָב די פלאַנצונגען, די זון טהוט די איבריגע אַרבייט,און עס שפּראָצט און עס וואַקסט. ס'אַ כח די ערד האָט אין זיך!

אין אונזער קאָנגרעגיישאָן טעמפּעל דזשייקאָב איז מען יעצט שטאַרק פערנומען מיט דער פראַגע וועגען אַ חזן אויף ימים נוראים. אויך אין קלאָב, צו וועלכען עס בעלאַנגען אַלע פּראָפּערטי־האָלדערס אין בלאָטעטאָון, רעדט מען פון דעם. אַלע זיינען איינשטימיג אַז מען דאַרף ניט זשאַלעווען קיין געלד און קריגען אַ רעכטען חזן, ווייל אַ גוטער חזן איז אַ גוטער אַדווערטייזמענט פאַר'ן פּלאַץ, און אַ שעהנער בעל מוסף קען העלפען „בומען" ריעל־עסטייט. זאָלען אַלע ווייסען אין און אַרום ניו יאָרק, אַז אין בלאָטעטאָון האָט געדאַ־וועגט אַ גרויסער חזן און געמאַכט אַ גרויסען סוקסעס. דער האָנאָ־רייבל אָלדערמען פאַדדי פּיטצפּאַטריק, וועלכער איז דער גרעסטער בילדער ביי אונז אין בלאָטעטאָון און האָט דאָ אַ סך ריעל־עסטייט, איז אויך שטאַרק פעראינטערעסירט אין דער פראַגע. מיר האָבען שוין געהאַט עטליכע חזנים אויף פּראָבע, אָבער זיי האָבען ניט אויסגענומען. איינער האָט אפילו יאָ אויסגענומען, אָבער דער

אַלדערמען האָט אויסגעפונען אַז ער איז ניט קיין סיטיזען, האָט ער געזאָגט „נאָ". און אַז דער אַלדערמען זאָגט נאָ — איז נאָ. ער וויל מען זאָל געבען אַ שאָו אַ סיטיזען. דאָס איז פּאַטריאָטיש.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז ביי מיר קומט עס אויס אביסעל מאָדנע, ניט קיין גלאַטע מעשה, אַט דאָס וואָס מען לאָזט דעם אַלדערמען זיך מישען אין אידישע אַנגעלעגענהייטען. איך פערשטעה ניט וואָס האָט אַ גוי צו טהאָן אין אַ אידישער שוהל? נור זאָגען אַזאַ זאַך אין בלאַטעטאָון האָב איך מורא. עס איז אַן אַלטער מנהג ביי אידען צו פעררופען „פּראָמינענטע" קריסטען אויף גרונדשטיין־לעגעניש, אויף חנוכת הבית'ן פון שוהלען, אויף אַ ברית מילה, אויף אַ פּדיון הבן, אויף אַ בר מצוה און אויף אַלע רעליגיעזע שמחות. מען שטאַלצירט מיט דעם וואָס דער ערל איז געקומען „צו בעעהרען דעם יודענטהום". באַלד וועט עס קומען צו דעם, אַז מען וועט פערטהיילען עליות צו „פּראָמינענטע קריסטען". מען וועט מכבד זיין אַ סיטי מעיאָר מיט שלישי, אַ טשיעף אָוו פּאָלים מיט ששי, אַ באָרא־פּרעזידענט מיט מפטיר, אַן אַלדערמען מיט הגבה אָדער גלילה — כ'לעבען, עס האַלט שוין דערביי.

אָבער ביי אונז אין בלאַטעטאָון, ווי איך האָב אייך שוין איינ־מאָל געזאָגט, געהען יודענטהום און ריעל עסטייט האַנד אין האַנד. אַז מען מאַכט עפּעס אַ אידישע צערעמאָניע, אַ חנוכת הבית פון אַ שוהל, אָדער אַ סיום התורה, לאַדעט מען איין „פּראָמינענטע קריסטען", און אויך רעפּאָרטערס פון ענגלישע צייטונגען. און אויף מאָרגען איז דאָ אַ נאָטיץ אין „בלאַטעטאָון וויקלי ריוויו", און אין דעם בלאַטעטאָונער קאָלום פון די ניו יאָרקער צייטונגען אַז דער האָנאָרייבל סאָ־ענד־סאָ האָט געהאַלטען אַ ספּיטש ביי די אידען אין בלאַטעטאָון, און דאָס איז אַן אַדווערטייזמענט, איך מיין אַן עהרע אי פאַר אידען אי פאַר קריסטען. עס העלפט צו ריעל עסטייט, און עס העלפט צו פּאָליטיקס.

איך וועל אייך יעצט דערצעהלען ווי עס איז צוגעגאַנגען די פּראָבע פון דעם חזן, וואָס מיר האָבען געהאַט לעצטען זונטאָג אין אונזער שטעדטעל. די פּראָבע איז ניט געווען אין שוהל, נור אין הויז פון אונזער פּרעזידענט מיסטער פּיטער פּופּיקאָוויץ. צו דער

פּראָבע זיינען געקומען די הויפּט בעלי־בתים פון בלאָטעטאָן, און אויך אייניגע פּראָמינענטע קריסטען, צווישען זיי: דער האָנאָרייבל אָלדערמען פּאַדדי פּיטצפּאַטריק, דער פּלאָמבער מעק־נעלי, און דער וואַטשמאַן פון בלאָטעטאַן. קיין פרויען האָט מען ניט איינגעלאַדען צו דער פּראָבע. די איינציגע פרוי וואָס איז יא געווען ביי דער פּראָבע איז מיסעס פּופּיקאָוויץ, וועלכע האָט אויף זיך געטראָגען אפשר זעקס פונט דזשולערי. עס איז געווען זעהר אַ הייסער טאָג און ווען דער חזן האָט שוין ארויסגענומען זיין קאַמערטאָן מיט זיינע נאָטען און איז שוין געווען פאַרטיג צו דער פּראָבע, האָט מיסטער פּופּיקאָוויץ זיך געווענדעט צו זיין פרוי און צו די פּערזאַמעלטע און געזאָגט:

— לײדיעס ענד דזשענטעלמענס! עס איז צו וואַרים אין הויז. לאָמיר נעהמען טשערס און זיך זעצען אויפ׳ן לעדיגען לאָט וואָס איך האָב לעצטען מאָנאַט צוגעקויפט נעבען מיין הויז. איך האָב עס געקויפט אַ באַרגיין, און מען באָט מיר שוין טויזענד דאָלאַר פּראָפּיט. קומט אויפ׳ן לעדיגען לאַט, דאָרט איז לופטיגער.

דער לאַט אויף וועלכען מיר האָבען אויסגעשטעלט אונזערע טשערס און זיך אויסגעזעצט, איז אפילו ניט געווען קיין לעדיגער, עס איז געווען בעוואָרפען מיט שטיקלעך פּאַפּיער,ביינדלעך, געשמאַליעטע פּעדערען, בערגלעך ליים, בלאָטע, שפּענדלעך, טראַנטעס, שמאַטעס,אויסגעברענטע קוילען און אַש. ביי אונז אין בלאָטעטאַן זיינען די ליידיגע לאַטס אַ גרויסע בעקוועמליכקייט: מיר וואַרפען אַהין אַלעס — אפילו גע׳פּגר׳טע קעץ. פרייטאָג קומען זיך צוזאַמען אונזערע באַלעבאָסטעס אויף די לעדיגע לאַטס און שמאַליען דאָרט אַרום די שבת׳דיגע טשיקענס, עס געהט אַ רויך ביז׳ן הימעל. זאָלאַנג די לעדיגע לאַטס זיינען אין גוי׳אישע הענד, איז פּשוט אַ גלות. די גוים מאַכען אַ גאַנצען וועזען פון די לעדיגע לאַטס. זיי צאַמען זיי אַרום מיט גרינע צווייגען, מיט בוימלעך, אַזעלכע מיני הדסים, און זיי באַדערען זיך אַרום מיט די גראָז, גיבען גאַנץ אָפּט די לאַט אַ שייוו, כדי די גראָז זאָל וואַקסען געדיכטער; נור אַז עס קומט אַריין אין אונזערע הענד, ווערט אויף די לאַטס פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. די סיינס מיט די ענגלישע אוקאַזען, אַז מען

זאָל ניט טרעטען אויפ'ן גראָז, געהען ארונטער; די הדסים צושלע־פען אונזערע באַיטשיקלעך און מאַכען דערפון בעזימער און ווער עס וויל קריכט איבער'ן גראָז און ברענגט אהין אַש, קויהלען, טראַנטעס, שמאַטעס, אַלעס וואָס מען וויל אַרויסוואַרפען פון הויז. אפילו קריסטען ראַמען דאָן אויך זייער שמוץ אַריין אין אונזערע לאַטס.

אָט אויף אַזאַ לעדיגען לאַט האָבען מיר זיך אַוועקגעזעצט. דער חזן האָט גענומען זיינע נאָטען אין האַנד, אונטערגעשפּאַרט זיין גאַרגעל מיט'ן האַנד, כדרך החזנים, און אַרויסגעברומט:

ה מ ל ך !

— האַלי דזשי! — האָט אויסגערופען מעק־נעלי דער פּלאָמ־בער — הי איז איי קאַרקער!

— וואַט דאַז איט מין? וואָס מיינט עס? — האָט געפרעגט דער האָנאַרייבל אָלדערמען פּאַדדי פּיטצפּעטריק.

— המלך, דהאַט מינס דהי קינג, דהי צאַר — האָט ערקלעהרט פּרעזידענט פּופּיקאָוויץ.

— טו העל וויטה דהי צאַר! — האָט אויסגערופען דער אָלדער־מען מיט כעס. — וואַי דו יו וואָנט טו טשיר דהי צאַר? דהיז איז יונייטעד סטייטס. טשיר דהי פּרעזידענט!

ה פּ ר ע ז י ד ע נ ט! — האָט אויסגעשריען דער חזן מיט דעם זעלבען קול ווי ער האָט פריהער אויסגעשריען דעם „המלך“.

דאָ האָט זיך דער דאָקטאָר רעוורענד האָצמעך אַריינגעמישט און האָט ערקלעהרט דעם האָנאַרייבל אָלדערמען, אַז „המלך“ איז ניט געמיינט אַ קעניג, נור „דהי קינג אָוו קינגס“, דעם מלך מלכי המלכים, דעם אויבערשטען.

שעפּטלסאָן, דער פּריעדליכער סאָציאַליסט, וואָס איז מיינער אַ טענענט און אַ מעמבער פון דער קאָנגרעגיישאָן, האָט זיך דאָ אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז עס וואָלט טאַקע בעסער געווען צו רופען דעם אויבערשטען פּרעזידענט אַנשטאָט מלך. היינטיגע צייטען זיינען אַלע דעמאָקראַטיש, און דער דעמאָקראַטישער גייסט האָט שוין געווים אויך אַריינגעדרונגען אין הימעל.

אָבער מיסטער שעפּטלסאָן איז אָווערדרולד געוואָרען. דער האָנאַרייבל אָלדערמען איז געגען רעפאָרמען און ער האָלט אימער

מיט'ן רעוורענד דאָקטאָר. עס איז געבליבען ביים אַלטען, ביים „המלך".

— סינג איט עגיין, — האָט דער האָנאָרייבל אָלדערמאַן זיך געווענדעט צום חזן.

ה מ ל ך ! ! !

דיעזען מאָל האָט דער חזן אַזוי הויך אויסגעשריען דעם „המלך", אַז די באָרד איז איהם אַראָבגעפאַלען פון פּנים און איז געבליבען הענגען אויף אַ שנירעל.

מיר זיינען אַלע געשטאַנען און זיך גע'חדוש'ט. זאָגט, אדרבה, האָט איהר ווען געזעהן אָדער געהערט אַז אַ באָרד זאָל פּלוצלינג אַראָבפאַלען ביי אַ מענשען און בלייבען הענגען אויף אַ שנירעל?

די פּראָמינענטע קריסטען, עס הייסט, דער אָלדערמאַן, דער פּלאָמ־בער און דער וואַטשמאַן, האָבען זיך שטאַרק צולאַכט. „הי איז גאָט פאַלס וויסקערס" (ער האָט אַ פאַלשע באָרד) — האָבען זיי צווישען זיך געזאָגט. אָבער דער חזן האָט זיך גאָר ניט דערשראָקען. ער האָט די באָרד צוריק צוגעטשעפּעט צום פּנים, און גענומען זינגען „כל נדרי".

— דהיז איז גרייט! — האָט געזאָגט דער וואַטשמאַן.

— איט סאַונדס לייק איטאַליען אָפּערא. — האָט געזאָגט אָלדערמאַן פיטצפּאַטריק.

מיר האָבען אַלע איינגעשטימט אַז דער חזן איז „אָל־רייט".

דערווייל האָט זיך אָנגעקליבען אַ היבשער עולם אַרום דעם לעדיגען לאָט, וואו מיר זיינען געזעסען. די מאָסקיטאָס זיינען אויך געקומען, ווייל נעבען פּרעזידענט פּופּיקאָוויץ'עס הויז איז, ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט, אַ גרויסע לוזשע. מיסטער קאַבאַן, דער ניו יאָרקער גביר, וואָס האָט ניט לאַנג אַריינגעמופּט אין בלאָטעטאַון און האָט זיך צוקריעגט מיט אונזער קאָנגרעגיישאָן ביים סיום התורה, איז צוגעפאָהרען מיט זיין אָטאָמאָביל, זיך אָבגע־שטעלט אביסעל פון דער ווייטען און זיך אויך צוגעהערט. דער ריח פון זיין אָטאָמאָביל האָט אביסעל פערטריבען די מאָסקיטאָס. נאָכדעם האָט מיסעס פּופּיקאָוויץ דערלאַנגט ביער און שנאַפּס און מאַרינירטע הערינג. דער האָנאָרייבל אָלדערמען פּאַדדי פּיטצפּעטריק האָט אויך

פערזוכט א שטיקעל הערינג. נאָכדעם האָט ער געפרעגט, ווען איז יום־כפור, האָבען מיר איהם געזאָגט.

— איך וועל קומען אין אייער טעמפעל מיט מיין פרוי, — האָט דער האָנאָרייבל אָלדערמאַן געזאָגט. — פליז, שטעלט אָב פאַר מיר צוויי טיקעטס.

— הורראַ! — האָבען מיר אַלע אויסגעשריען.

— טהרי טשירס פאַר פאַדדי! — האָט אויסגעשריען דער פלאָמבער מעק־נעלי.

— הו איז אָל־רייט? — האָט געפרעגט פרעזידענט פופיקאָוויץ.

— אָלדערמאַן פיטצפעטריק! — האָבען מיר אַלע אויסגעשריען. עס הייסט, זיי האָבען געשריען און איך האָב נאָכגעשריען, ווייל איך האָב זיך געשעהמט אָבצושטעהן פון עולם.

א הערינג פאַר א הערינג

(דערצעהלט פון דזשאָ דעם וויטער)

מיר האָבען היינט שצאוו. דער ערשטער צייכען פון פריהלינג אין א רעסטאָראַן. מאכט „שהחינו" און עסט שצאוו. פיינע שצאוו, אויסגעצייכענטע שצאוו, פערוויסט מיט אמת'ע שמאַנט מילך און מיט אַן איי אריינגעבראָקט. מיט פאמפערניקעל קענט איהר עס עסען, און אז איהר ווילט וועל איך אייך דערלאַנגען אביסעל מצה.

מיר האָבען שוין איינגעקויפט אונזער סטאָק מצות, און קאָסטאָמערס קענען זיך ניט דערוואַרטען און ווילען שוין א נאַש טהאָן א שטיקעל מצה — — יעצט נעהמט אייער פען מיט אייער פאפיער און שרייבט וואָרט פאַר וואָרט דאָס וואָס איך וועל אייך דערצעהלען. די מעשה וואָס איך דערצעהל אייך היינט קען מען רופען „א הערינג פאַר א הערינג", אָדער „מדה כנגד מדה".

עס קומט אריין אַנומעלט א נייער קאָסטאָמער, א גאַנץ אונבעקאַנטער מאַן, אין א סטאָוו פאַיפ מיט א בערדעל — ניין, די בערדעל האָט ער געהאַט אויפ'ן פנים, ניט אויפ'ן סטאָוו פאַיפ. איך העלף איהם אויפצוהענגען זיין ראָק, און וויל ביי איהם נעהמען זיין סטאָוו פאַיפ. זאָגט ער אז ער עסט ניט מיט א הוילען קאָפּ. נעהמט ער נאָכהער לעזען די שפייז־קאַרטע, קלעהר איך, אומזיסט איז דיין לעזען. אלעס וואָס עס שטעהט אויף דער קאַרטע איז ניט מעהר ווי א רוסישע קאָנסטיטוציע. געהאַקטע לעבער איז שוין אויסגעגאַנגען, פריקאַסע איז שוין נישטאָ, באַילד ביף — ניט א לעק, פאַר א פאַרשפייז איז געבליבען נישט מעהר ווי הערינג — פראַסטע, וואָכעדיגע הערינג. נאָכדעם ווי דער איד אין סטאָוו פאַיפ האָט שוין דורכגעלעזען די שפייז־קאַרטע רופט ער מיך צו און פרעגט מיך: „וואָס האָט איהר פאַר א פאַרשפייז?"

— געהאַקטע לעבער, פּריקאַסע, באַילד ביף, הערינג — זאָג איך אָב אַלע געריכטען, וואָרום אַזוי איז די מאָדע אין רעסטאָראַנס: דער ווייטער דאַרף אָבזאָגען דעם גאַנצען פּסוק, סיי עס זיינען דאָ די געריכטען אָדער ניטאָ.

— גיט מיר געהאַקטע לעבער — זאָגט ער.

— געהאַקטע לעבער איז שוין אויסגעגאַנגען — זאָג איך.

— און באַילד ביף? — פרעגט ער.

— בלויז הערינג — ענטפער איך. — דאָס איז אַלעס וואָס איז פערבליבען.

— היינט צו וואָס האָט איהר מיר געדאַרפט אויסרעכענען אַזוי פיעל געריכטען? — פרעגט ער.

— אַזוי איז די מאָדע — ענטפער איך. — יעדע פּראָפעסיאָן האָט איהרע מאָדעס, איהרע רעגעלען. אַמאָלע וואָס, וואָרום האַלט אַ חזן דעם גראָבען פינגער אונטער'ן גאַרגעל? עס איז אַזוי די מאָדע פון דער פּראָפעסיאָן! אַמאָלע וואָס, וואָרום האָט אַ שדכן אַ שלומפּער? אויך די זעלבע זאַך — עס איז אַזוי די מאָדע!

— פון וואַנען ווייסט איהר אַז איך בין אַ שדכן? — פרעגט מיך דער איד.

— ווער זאָגט עס איך אַז איך ווייס? — פרעג איך צוריק. — איך ווייס טאַקע יעצט אויך ניט, נור מסתמא האָב איך געטראָפען אַזוי ווי אַ בלינדער פערד אין גרוב אריין.

— איהר זייט אַ גליקליכער פערד — זאָגט דער שדכן. — די גרוב איז אַ שמאַלץ־גרוב.

דאָ האָב איך זיך פערשעהמט. איך בין אריינגעלאָפען אין קיטשען נאָכ'ן הערינג, אַז איך בין צוריקגעקומען האָב איך געפונען דעם שדכן לעזענדיג עפּעס אַ ביכעל. איין אויג האָט ער געהאַלטען אויפ'ן ביכעל און די אַנדערע אויף מיר.

— אָט דאָ האָט איהר הערינג — זאָג איך.

— אַ פיינע שטיקעל הערינג — רופט ער זיך אָב. — ס'אַ נאַרישקייט געווען פון מיר וואָס איך האָב לכתחילה ניט געאָרדערט הערינג. ס'איז אפילו אַ פּראָסטע אכילה, אָבער אַ סאָלידע, אַן אַפּעטיטנע, מען קען עס עסען צו יעדער צייט, סיי מען איז הונגעריג,

סיי מען איז זאַט, סיי מען איז רייך, סיי מען איז אָרעם. הערינג איז דער מאכל פון כל ישראל. אַט זעהט איהר, מיסטער דזשאָו, אין מיין פּראָפעסיאָן אַלס שדכן, קומט מיר אוים אָפט צו זעהן ווי מענשען קלייבען זיך שדוכים ביז עס פאַלט זיי איין אַ גלייכע זאַך. און איך פרעג מיר אַליין: ווארום פאַלט זיי לכתחילה ניט איין די גלייכע זאַך?

— יעס — זאָג איך, — עס איז טאַקע אַ פראַגע.

— איהר וואָלט וועלען טהאָן עפּעס אַ רעכטען שידוך? — פרעגט ער מיר, גאָר אַזוי פּלוצלינג.

איך האָב זיך ווידער פערשעהמט און געשוויגען.

— הערט, מיסטער דזשאָו — זאָגט ער צו מיר, און נעהמט דעם עק פון דעם הערינג מיט זיינע פינגער. — איך האָב דאָ פאַר אייך אַ פיינעם שידוך. איך האָב דאָ, ביי מיר אין ביכעל, זעקס פערשיעדענע כלות, און איהר קענט זיך פון זיי אויסקלייבען וועלכע איהר ווילט.

— אָל־רייט — זאָג איך, — לאָמיך הערען.

— אַט וועל איך אייך פאָרלעזען פון ביכעל — זאָגט ער צו מיר, — און איהר נעהמט עס אריין גוט אין קאָפּ, און גיט מיר אַן אנטוואָרט וועלכע איהר ווילט.

כלה נומער איינס: אַ שעהן מיידעל, 19 יאָהר אַלט, האָט רייכע עלטערן, האָט אָבער אַ פעהלער: זי איז שטום. עלטערן ווילען געבען פינף־טויזענד נדן צו אַ יונגען מאַן. אבי אַן אָרענטליכער. עס איז אַ שמאַליץ־גרוב.

כלה נומער צוויי: אַ סיילסליידי אין אַ מילינערי סטאָר, 35 יאָהר אַלט, 800 דאָלאַר נדן, ניט שעהן, אָבער איז צופריעדען צו אַרבייטען אויך נאָך דער חתונה. עס איז אַ געווינס.

כלה נומער דריי: אַן אַלמנה מיט אַ גראָסערי און צוויי קינדער. מאַכט אַ פיינעם לעבען. דאַרף האָבען אַ מאַן וואָס זאָל קענען אַטענדען איהרע קאָסטאָמערס. אַ גליק.

כלה נומער פיער: אַ טייפּרייטערקע, שעהן ווי אַ ליאַלקע, שפּיעלט פּיאַנאָ, קען גוט טאַנצען. וויל אַ באָי אַ פערדיענער וואָס

וועט זי נעהמען אָהן נדן. עס איז כדאי די העמד צו פערקויפען און חתונה צו האָבען מיט אזא מיידעל.

כלה נומער פינף: א קעבין אין א רייכער הויז. געזונד און שעהן. מאכט פיינע לאָקשען־קוגלען. 500 דאָלאר נדן. א פראַקטישער שידוך פאר א פראַקטישען בחור.

כלה נומער זעקס: ניט שעהן, ניט יונג, אָהן נדן, וועגט 200 פונט. קומט פון גרויסען יחוס. ווערט אויסגעהאַלטען פון רייכע קרובים.

אז דער שדכן האָט מיר אויסגערעכענט אַט די אַלע כלות מיט זייערע מעלות און חסרונות, האָט ער מיך געפרעגט, וועלכע איך וויל האָבען.

— די שטומע — זאָג איך, — מיט די פינף טויזענד דאָלאר נדן.

— זי האָט שוין חתונה געהאַט — ענטפערט מיר דער שדכן.

— טאָ וועל איך נעהמען די סיילסליידי וואָס איז צופריעדען צו ארבייטען אויך נאָך דער חתונה.

— ביי איהר איז שוין מאָרגען די חופה — זאָגט דער שדכן.

— נו — זאָג איך, — די אלמנה וואָס האָט די גראָסערי ארט מיך אויך ניט.

— זי האָט שוין חרטה — ענטפערט דער שדכן, — זי וויל שוין ניט חתונה האָבען.

— נו, און די שעהנע טייפרייטערקע? — פרעג איך.

— זי האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט און איז שוין א מאַמע — זאָגט דער שדכן. — און וועגען דער קעבין איז שוין אויך פערשפּאָרט צו פרעגען. הייגט קומט צו איהר א חתן און איך בין זיכער אז דאָרט וועט זיין א שידוך. פאר אייך, מיסטער דזשאָו, איז בלויז געבליבען די כלה נומער זעקס. זי איז א פיינע מיידעל פון א פיינער משפחה. זי וועט אייך געפעלען זיין.

— טאָ צו וואָס — פרעג איך איהם — האָט איהר מיר געדאַרפט דערצעהלען וועגען זעקס כלות, אז איהר האָט ניט מעהר ווי איינע? — פרעג איך.

— דאָס איז — ענטפערט מיר דער שדכן — דאָס איז די

מאָדע ביי אונז שדכנים, אַזוי ווי ביי איך ווייטערס. פריהער רעכענען מיר אוים אַלע גערישטען און נאָכדעם באָטען מיר אָן אַ הערינג. אַז איהר וועט זעהן די מיידעל וועט איהר אַליין זאָגען, אַז הערינג איז נאָך אַלעמען די בעסטע זאַך.

בקיצור, איך זעה אַז דער שדכן האָט מיך גוט אַריינגעפּאַקט. ער גיט מיר אַ הערינג פאַר אַ הערינג. דאָך לאָז איך מיך איינריידען, און איך פערשפּרעך איהם צו געהן זעהן די כלה.

טאַקע דעם זעלבען אבענד האָט דער שדכן געמאַכט פאַר מיר אַן אַפּאָינטמענט, און איך בין געקומען זעהן די כלה. פון דער ערשטער מינוט איז זי מיר זעהר געפעלען געוועזן. איך האָב געזעהן אַ מויד גרויס געוואַקסען און פעסט געבויט, פעט און דיק, אָהן עין־הרע, טאַקע ביי אַ צוויי הונדערט פונט און אפשר נאָך מעהר. איך האָב פיינט אייערע אַמעריקאַנער דינע טאַליעס, וואָס שוועבען אַרום אין גאַס אַזוי ווי דינע שטרויעלעך וואָס טאַנצען פון ווינד. אַ ווייב דאַרף זיין סאָליד, אַזוי ווי אַ גוטע שטיקעל מעבעל. איך קען ניט אָנקוקען אָט די דאַרע, קוואַרע, איינגעצויגענע, איינגעדריקטע, אויסגעטריקענטע קליינע פויגעלעך, וואָס פּיפּצען אַזוי ווי פויגעלעך, עסען אַזוי ווי פויגעלעך, און טויגען ניט מעהר ווי צו שטעהן אין שטייגעלע, פּיקען מיט די שנעבעלעך, און טראַלאַליקען.

ביים טהיר האָט מיך אויפגענומען די מוטער פון דער כלה, און זי האָט גלייך דערלאַנגט כיבוד: עפּעל, אָרענדזשעס, בענענעס, ניסלעך, מאַנדלען און טהעע מיט קרעקערס. איך האָב בעמערקט אַז די כלה רעדט גאָר נישט; זי לאָזט די מאַמען ריידען פאַר איהר.

— יעטטאַ — זאָגט די מוטער צו איהר, — וואָרום רעדסטו ניט אַביסעל צום יונגען מאַן?

יעטטאַ האָט אַ גרויסען געגעץ געטהאָן און געזאָגט:

— מאַמאַ, דו ווייסט דאָך אַז איך פויל זיך צו ריידען. רייד דו, איך וועל הערען. — דערביי האָט זי נאָך אַמאָל אַ געגעץ געטהאָן.

איך האָב פּרובירט אַלע וועגען אַריינצושלעפּען יעטטאַ׳ן אין אַ געשפּרעך.

— ווי געפעלט איך היינטיגעס וועטער? — פרעג איך איהר.

— מאַמאַ — ווענדעט זי זיך צו איהר מוטער, — זאָג איהם

ווי מיר געפּעלט דאָס וועטער. — און זי האָט ווידער געגעבען אַ גענעץ, און גענומען זויגען אַן אָרענדזש.

אין דער מינוט האָב איך געפיהלט אַז עס ארבייטען אין מיר צוויי קרעפטען, אַ קראַפט וואָס ציהט מיך צו און אַ קראַפט וואָס שטויסט מיך אָב. דער קאָסטאָמער וואָס עסט מילכיגע לאָקשען האָט מיר איינמאָל ערקלעהרט אַ גאַנצע פילאָזאָפיע אַז אַלעס אין דער וועלט האַלט זיך אויף צוויי קרעפטען: אַ קראַפט וואָס ציהט צו און אַ קראַפט וואָס שטויסט אָב. ער רופט עס סענטריפיוגאַל און סענטריפעטעל. אַז ניט דיעזע צוויי קרעפטען, זאָגט ער, וואָלט פון דער גאַנצער וועלט, די ערד, די זון, די לבנה און אַלע שטערען געוואָרען אַ פריקאַסע, , אַ קאַשע. אָט דיעזע צוויי קרעפטען האָב איך געפיהלט בעת מעשה, קאָנקענדיג ניסלעך נעבען יעטטאַ'ן.

די קראַפט וואָס שטויסט אָב איז געוואָרען שטאַרקער, און איך האָב גענומען טראַכטען ווי מען דרעהט זיך דאָ ארויס אויף אַן אַנשטענדיגען וועג, אַז קיינער זאָל זיך ניט געפינען בעליידיגט.

די אַלטע האָט זיך גענומען אויספרעגען וועגען מיין לעבען און מיינע פערדיענסטען. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען פיהרען צום עיקר, פרעגענדיג, וואָרום אַזאַ שעהנער בחור ווי איך האָב ניט חתונה.

—עס איז דאָ אַ קלייניגקייט — ענטפער איך — וואָס האַלט מיך אָב פון חתונה האָבען.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט זי.

— איך האָב אַ ווייב אין יוראָפּ, און דאַרף זי פריהער גט'ן.

— אַ ווייב הייסט ביי אייך אַ קלייניגקייט? — פרעגט זי, אויפשפּרינגענדיג אַ צוקאָכטע.

— וועל — זאָג איך גאַנץ געלאַסען, — געגען אייער טאָכטער איז זי אַ קלייניגקייט.

— מאַמאַ — רופט זיך אָב יעטטאַ, מיט אַ גענעץ, — זאָג דעם יונגען מאַן ער קען אַוועקגעהן.

איך האָב גענומען מיין העט מיט מיין אויבעררָאָק און זיך ארויסגערוקט מיט אַ שטומען „גוד נאַיט“.

עס איז מיר געלונגען. איך האָב זיך זעהר שעהן ארויסגעדרעהט.

אָה, יענע שבועות׳דיגע בלינצעס!

די גאָלדענע מאָרגען־זון איז אַקאָרשט וואָס אַרויס פון איהר הימלישען שלאָפצימער און האָט בעגריסט די נאָך שלאָפענדע בראָנזוויל מיט טויזענדע חנ׳ען. און די נאָך אין טיעפען שלאָף איינגעזונקענע בראָנזוויליאַנער האָבען געטרוימט זייערע חלומות: די וועגען פערלאָרענע גליקען אין לאָטס מיט הייזער און די וועגען סטרייקס, ביזי און סלעק. נעהנטער און נעהנטער האָט זיך די גאָלדענע זון צוגערוקט. עס איז איהר געוואָרען אומעדיג דאָרט אין עק מזרח, און זי האָט געזוכט די מענשליכע געזעלשאַפט.

אַ מילך־מאַן האָט זיך בעוויזען מיט זיין וואָגען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ וואַסער־פאָנטאַן און גענומען „צופּראַווען“ זיין מילך. די זון האָט געקוקט און געשוויגען, די זעלבע זון, וואָס האָט געשיינט ביים באַרג סיני, ווען צווישען דונערען און בליצען האָט כביכול שטרענג פערזאָגט „לא תגנוב“. דער מילך־מאַן איז פערשוואונדען און אין גאַס האָט זיך בעוויזען אַ וואָגען. דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ הויז און פון דאָרט איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונג פּאָר פאָלק. דער יונגער מאַן אין אַ שוואַרצען ראָק און אַ צילינדערהוט מיט אַ בלום אין זיין לאַץ און דאָס ווייבעל אין אַ ווייסען חופּה־קלייד מיט אַ גרויסען שלייער איבער׳ן קאָפּ און אַ בוקעט אין איהר האַנד.

דער וואָגען האָט זיך פערקירעוועט און איז אַוועק. דאָס יונגע פּאָר פאָלק זיינען אַרויף אויבען, צו זייער וואָהנונג.

„יעצט, מיין טייבעלע,“ האָט געזאָגט דער יונגערמאַן, „יעצט לאָמיר זיך איינע די אַנדערע אָבגעבען מזל טוב. מיר האָבען חתונה געהאַט און מיר זיינען שוין מאַן און ווייב.“

„פּאַוואָליע,“ האָט זי געזאָגט, קוועטש מיך ניט. דו פערגעסט, אַז דאָס חופּה־קלייד איז ניט מיינס. צוועלף אוהר וועט מען קומען פון סטאָר דאָס אָבנעהמען צוריק.“

„גוט, וואָס דו האָסט מיך דערמאָהנט," האָט ער געזאָגט, „מען דאַרף שנעלער אַראָבנעהמען פון זיך דעם אַנצוג. דער מאַן, ביי וועמען איך האָב דאָס גענומען, איז זעהר שטרענג. ער צווינגט צו בעצאָהלען פאַר דער קלענסטער קליינינקייט."

„דזשייק!" האָט זי געזאָגט נאָך אַ קורצען שטילשוויינען, „דו ווייסט, דאָס מעבעל געפעלט מיר זעהר. וואָס קאָסט דאָס גאַנצע מעבעל?"

„הונדערט מיט פופציג דאָלאַר אַלעס צוזאַמען," האָט ער געענטפערט, „פינף און צוואַנציג דאָלאַר האָב איך בעצאָהלט מזומן און דריי דאָלאַר אַ וואָך וועלען מיר אויסצאָהלען. זאָרג זיך ניט, סערע, מיר וועלען אויסצאָהלען."

„יא," האָט זי געזאָגט אַביסעל פערטראַכט, מיר וועלען אויסצאָהלען. ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאַלען? אויף וואָס דאַרפען מיר האָבען פיער צימערען? דריי זיינען אונז גענוג. אפשר וואָלטען מיר איין צימער פערדונגען?

„עס איז אַ גאַנץ גוטער פּלאַן," האָט ער געזאָגט, „עס וועט אונז זיין לייכטער אויסצוצאָהלען דאָס מעבעל."

„געוויס," האָט זי געזאָגט, „פערגעס ניט אַז מיר זיינען נאָך שולדיג פאַר דער חתונה. מיר זיינען נאָך שולדיג פאַר ביער און פאַר זעלצער.

„ביי דיר וועט זיך אַ „באָרדער" האַלטען," האָט ער געזאָגט, זוכענדיג זי אַ ביסעל צו טרייסטען, „דו ביזט דאָך אַ טהייערע קעכין. פאַר דיינע בלינצעס אַליין קען מען דיך ליעב האָבען. איך האָב זיך דאָך אין דיר פערליעבט צוליעב דיינע בלינצעס, געדענקסט פאַר־אַ־יאָהרען שבועות, ווען מיר זיינען צום ערשטען מאָל בעקאַנט געוואָרען אין דיין מאַמע'ס הויז? דו האָסט מיר דערלאַנגט בלינ־צעס און איך האָב גלייך געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געוועזען אַז שבועות זאָל זיך ציהען אַ גאַנץ יאָהר און דו זאָלסט מאַכען בלינצעס נור פאַר מיר אַליין. מיין סערעלע, אָה, מיין טהייערע סערעלע!"

דזשייק האָט גערעדט מיט בעגייסטערונג, מיט פייער, און ער האָט גאָר ניט בעמערקט, אַז אויף סערע'ס שטערען האָט זיך ווי אַ וואָלקען פערצויגען, אַזוי ווי די ערשיינערונג פון אַ שרעקליכען חלום.

„דזשייק,“ האָט זי געזאָגט און איהר שטימע האָט געציטערט, „איך וויל דיר עפּעס זאָגען, נור איך האָב מורא.“

„מורא?“ האָט ער איבערגעפרעגט, גלעטענדיג זי איבער די באַקען. „פאַר מיר האָסטו מורא, סערעלע? זאָג, סערעה, זאָג מיר אַלעס וואָס ביי דיר איז אויפ'ן הארצען, האָב קיין מורא ניט. זאָל צווישען אונז קיין זאַך ניט זיין בעהאַלטען. לאָמיר איינע די אַנדערע זאָגען דאָס וואָס ביי אונז אין די הערצער. לאָמיר זיין פריי און אָפען איינער מיט'ן אַנדערען.“

„אָבער איך האָב מורא, אַז ווען איך וועל דיר אויסזאָגען, וועסטו מיך מעהר ניט ליעבען.“ סערעה'ס אויגען האָבען געקוקט אָן אַ זייט. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט בעגעגענען מיט זיין בליק.

דזשייק האָט אַ דרעה געטהאָן מיט זיינע פּלייצעס און האָט זיך גע'חידוש'ט.

זאָל דאָס זיין עפּעס וועגען איהר פערגאַנגענהייט? — האָט ער זיך געפרעגט.

ער האָט אַ שוידער געטהאָן ביי דעם געדאַנק.

אין דעם אויגענבליק האָט די מאָרגענזון אריינגעשיינט אין צימער, האָט דייטליכער ארויסגעוויזען די בלאַסקייט פון סערעה'ס געזיכט און די בלויע רינגען אונטער איהרע אויגען.

עס איז ביי איהם גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז זיין פערדאַכט האָט אַ גרונד. אָט איז זי פאַר איהם געשטאַנען אַ זינדיגע, אַ צובראָכענע. זי וויל זיך אין אַלעס מודה זיין, אום צו קריגען פון איהם פערצייהונג.

אַ געפיהל פון מיטלייד האָט איהם אָנגענומען.

„זאָג שוין,“ האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטען קאַלטען טאָן. „זאָג, לאָמיר שוין הערען.“

„זאָגסטו מיר צו, אַז דו וועסט מיך ליעבען אַזוי ווי געוועזן?“ האָט זי געפרעגט.

דזשייק'ען האָבען אַ שלאָג געטהאָן די בלוטען אין קאָפּ. ער האָט געפיהלט אַ וועהטאָג אין די שלייפען.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געלעזען אַ דיסקור־סיאָן אין אַ צייטונג וועגען אַ פרוי וואָס האָט זיך מודה געווען פאַר

איהר מאַן אין אַ פערברעכען. דאַן איז ער אויך געווען איינשטימיג מיט די לעזער וואָס האָבען געזאָגט אַז דער מאַן דאַרף מוחל זיין. און דאָ, אויב עס איז געווען אַ פערברעכען, איז עס דאָך בעגאַנגען געוואָרען פאַר דער חתונה, דאַרף ער דאָך געוויס מוחל זיין.

דזשייק האָט געשוויגען. סערעה האָט געעפענט אַ פענסטער און עס איז אריין אַ פריש ווינטעל.

„זאָג שוין, סערעה,"

„ווּעסטו מיך ליעבען אַזוי ווי פריהער?"

„יא־א־א..."

„טאָ זעץ זיך אַוועק נעבען מיר. אָט דאָ."

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

„נעהנטער. מיר זיינען דאָך מעהר ניט קיין פרעמדע — נאָך נעהנטער. אָט אַזוי. יעצט וועל איך דיר דערצעהלען. עס איז אַ לאַנגע מעשה."

דזשייק האָט אַ הוסט געטהאָן. ער איז געוואָרען אונגעדולדיג. צו וואָס דאַרף זי מאַכען די מעשה אַזוי לאַנג? זאָל זי זאָגען דעם סוף. ער ווייס שוין דעם אָנפאַנג. עס איז דאָך די אַלטע, אַלטע געשיכטע. זי האָט זיך בעקענט מיט אַ יונגענמאַן. ער איז געווען אַ שעהנער, אַ קלוגער און איז געווען צו איהר זעהר פריינדליך. זי האָט וועגען איהם געטרוימט. זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָר־שטעלען, אַז אַזאַ מלאך ווי ער זאָל זיין פאַלש, און עס האָט זיך אויסגעלאָזען אַז ער איז אַ פערדאָרבענער. אָה, אָבער זי האָט עס ערפאַהרען צו שפּעט, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

אָך, ווען זי וואָלט בעסער פערשפּאָרט די גאַנצע מעשה און איהם דערצעהלט בלויז וועגען דעם סוף!

„הער צו, דזשייק," האָט זי אָנגעפאַנגען, „איידער מיר האָבען זיך בעקענט איז ביי אונז איינגעשטאַנען אַ באָרדער —"

„איז ער געווען אַ שעהנער און אַ קלוגער," האָט אונטער־געכאַפּט דזשייק, „און ער האָט געהאַט אַ גלאַטע צונג."

„דזשייק! וואָס איז מיט דיר? וואָס רעדסטו? האָסט דען דעם באָרדער געקענט?"

„ניין,“ האָט דזשייק געענטפערט, „איך האָב איהם ניט געקענט, נור איך שטעל זיך אזוי פאָר די מעשה.“

„ער איז אָבער ניט געווען קיין שעהנער, נור אזוי א קלוגער, א געבילדעטער. ער איז ביי אונז געווען א באָרדער ביז זיין פרוי איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד.“

„אַט א לומפּ! האָט א ווייב און געהט עס טהון אזא זאַך!“

„איך האָב מורא, דזשייק, אז דו פערשטעהסט מיך ניט.“

„איך פערשטעה שוין, ער האָט דיר געזאָגט, אז ער איז געווען א בחור.“

„ניין, ער האָט דאָס מיר גאָר ניט געזאָגט. ער האָט גלייך אין אָנפאַנג געזאָגט, אז ער האָט א ווייב מיט דריי קינדער אין רוסלאַנד און אז ער ערוואַרטעט זיי אויף שבועות. ווען ער האָט אריינגעמופט צו אונז איז דאָס געווען אַרום חנוכה.“

„דו האָסט געוואוסט, אז ער האָט א ווייב מיט דריי קינדער?“ דזשייק האָט זיך אָבגערוקט און זיך אוועקגעזעצט אויף א טשער.

„איך האָב מורא, דזשייק, אז דו הויבסט מיך גאָר ניט אָן צו פערשטעהען,“ האָט סערעה געזאָגט, „איך בעט דיך, שלאָג מיר ניט איבער די רייד. לאָמיך דערצעהלען די מעשה.“

„מאַך עס בקיצור,“ האָט ער געזאָגט, „איך האָב פיינד לאַנגע מעשיות.“

„אי, שלעכט!“ האָט סערעה אויסגערופען, „ביזט דאָך גאָר א כעסן!“

„נו, נו, איך בין ניט אין כעס. דערצעהל־זשע ווייטער.“

„בקיצור, דער באָרדער איז געווען צו מיר זעהר פריינדליך און ער פלעגט מיך אָפט מוסר׳ן פאר וואָס איך לערן זיך ניט קאָכען. ער פלעגט זאָגען, אז קיין מאן קען ניט ליעבען א פרוי, וואָס קען ניט געבען זאט צו עסען און אז מענערשע ליעבע געווינט מען דורכ׳ן מאָגען, ניט דורכ׳ן הארצען. א וואָך פאר שבועות איז זיין ווייב אָנגעקומען מיט די קינדער. און אום צו צייגען, וואָס פאר א בריה זיין ווייב איז, האָט ער אונז צוגעשיקט א טעלער בלינצעס, וואָס זי האָט געמאַכט אויף שבועות.“

„וואָס גערהט עס מיך אָן?״ האָט דזשייק געפרעגט, „דערצעהל דעם עיקר.״

„דער עיקר איז,״ האָט סערעה געזאָגט, אָראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, „דער עיקר איז, אַז מיט יענע בלינצעס, וואָס דעם באָרדער׳ס ווייבעל האָט אונז געשיקט, האָט מען דיך מכבד געווען און מיין מאַמע האָט דיך אָבגענאַרט און דיר געזאָגט, אַז די בלינצעס האָב איך געמאַכט.״

דזשייק האָט געשוויגען. ער איז געזעסען ווי צומישט, ניט וויסענדיג אויב דאָס איז שוין די גאַנצע מעשה אָדער עס איז בלויז אַ הקדמה צום עיקר.

„און ווייטער?״ האָט ער געפרעגט.

„און ווייטער איז געווען אַזוי, האָט זי געענטפערט, „יעדען מאָל ווען דו פלעגסט קומען, פלעגט שוין מיין מאַמע פריהער אָנגרייטען בלינצעס, וואָס אונזער באָרדער׳ס ווייבעל פלעגט מאַכען.״

„און ווייטער? דערצעהל שוין אַלעס.״

„דאָס איז אַלעס, נאַרעלע,״ האָט זי געזאָגט. „ביזט מיר מוחל וואָס איך האָב דיך אָבגענאַרט? וועסטו מיך ליעבען אַזוי ווי פריהער, כאָטש איך קען אפילו אַ באָרשטש ניט אָבקאָכען?״

„פּו! פּו! פּו!״ האָט דזשייק דריי מאָל אויסגעשפּיגען, „סערעה, האָסט מיך איבערגעשראָקען, אויף טויט איבערגעשראָקען! איך האָב געמיינט מי יודע וואָס! מיין טהייערע, מיין זיסע, בעצוקערטע שבועות-בלינצע! ענטשולדיג מיר! זיי מיר מוחל פאַר דעם אומזיסטען חשד, וואָס איך האָב געהאַט אויף דיר. זיי מיר מוחל פאַר די אונריינע געדאַנקען וואָס האָבען זיך געפלאָנטערט אין מיין מוח. מיין טהייערע, מיין גאָלד, מיין מלאך!״ און דזשייק איז איהר געפאַלען צו די פיס און זי גענומען קושען, קושען, קושען...

„מוחל, מוחל, מיין טהייערער!״ האָט סערעה געענטפערט.

— —

און נאָכדעם זיינען אָרונטערגעצויגען געוואָרען די פאָרהאַנגען און עס האָט געהערשט אַ הייליגע שטילקייט.